STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06404

IN EYBIKN TUML

S. Broches

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ברכות

אין אייביקן טומל

אַמעריקע

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ
וואַרשע 1936

Coolidge

Copyright by S. Broches

New-York

Printed in Poland

Z. Broches: Der jarden rojszt

Nakładem Wyd. Ch. Brzoza

Warszawa

זעצעריי „רימון‟, נאַװאַליפּקי 7

Druk. „Grafia“, Warszawa, tel. 11.87-52.

PUBLIC LIBRARY
BROOKLINE MASS

אין אײביקן טונעל

װאַרעם איז די נאַכט און װאַרעם איז דאָס װאַסער, אין װעלכן זײ באָדן זײערע באָרװעסע פֿיס.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און פֿאַרטראַכט אױסגערעדט:

— מיך װוּנדערט. ערשט באַקאַנט געװאָרן און איך פֿיל זיך, װי מיר װאָלטן יאָרן געװען צוזאַמען.

ער האָט זי געבעטן:

— צו װאָס רעדן, צו װאָס זיך גריבלען?

װי זי װאָלט נישט געהערט:

— מיך װוּנדערט. איך האָב אַ געליבטן, איר האָט אַ װײַב. אין די דרײַ יאָר מיט מײַן געליבטן האָב איך זיך נישט געפֿילט, װי איך פֿיל זיך מיט אײַך נאָך דרײַ טעג.

װי אײַנהערנדיק זיך אין זײערע רײד איז דער ים געלעגן מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם, װאַשנדיק זײערע פֿיס. די עלעקטרישע לאָמפּן בײַם ברעג און די שטערן פֿון אױבן האָבן זיך געװיגט אין דער טונקעלער טיפֿעניש.

— מען דאַרף זיך נישט גריבלען — דערמאָנט זי זיך, װאָס ער האָט זי פֿריער געבעטן — אַלץ מוז מען ערקלערן, אַלץ מוז װיסן דער מענטשלעכער געדאַנק. װען נישט, װאָס איז דער אונטערשיד צװישן אונדז און אַ חיה?

האָט ער נישט אױפֿגעהערט צו איבערחזרן:

— איז אײַך נישט גוט? פֿילט איר זיך שלעכט?

אומגעדולדיק האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיט אירע געשװירענע האָר:

— אַלץ מוז מען דערקלערן. פֿיל זאַכן אין אונדזער לעבן זענען פֿאַר אונדז אומפֿאַרשטענדלעך, אָבער װען מיר פּרוּװן זײ דערקלערן,

PUBLIC LIBRARY

אַנאַליזירן, געפינען מיר אויס, פון וואַנען און פון וואָס זיי זענען געקומען. אָט מיר.

ער האָט זיך געבעטן:

— מען דאַרף נישט. איך בעט אייך, מען דאַרף נישט. וועט דאָס בייטן? וועלן מיר זיך פילן אַנדערש?

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים:

— אָט מיר. איך האָב אַ געליבטן, איר האָט אַ ווייב און פאַרוואָס זענען מיר געוואָרן אַזוי נאָענט?

און ווייטער דערקלערט:

— מיר זענען געוואָרן נאָענט, ווייל ס'קען זיין, אַז דאָרט, אין אונזער אונטערבאַוווסטזיין, האָט זיך שוין אַנגעקליבן די אומצופרידנקייט צו די, מיט וועמען מיר האָבן ביז איצט געלעבט.

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— מען דאַרף נישט. איך בעט אייך, מען דאַרף נישט. קענט איר דען דערקלערן אַ געפיל? האָט אַ געפיל וועלכע עס איז פילאָזאָפישע ערקלערונג? און צו וואָס דאַרף מען עס?

זי האָט אים אַ גלעט געטאָן:

— אָט מאָרגן פאָר איך צוריק אין שטאָט. איך וועל קומען צו מיין געליבטן. מיט וואָס קום איך צו אים? וואָס וועל איך אים זאָגן?

איר קאָפּ האָט ער אַריינגענומען אין זיינע הענט און געקושט. זי האָט זיך געצאַפּלט.

— קיינמאָל האָב איך נישט געפילט פון אַ קוש, וואָס איך פיל מיט אייך. קיינמאָל האָט מיך מיין געליבטער נישט געקושט אַזוי. קוש מיך, ליבער.

און אויף מאָרגן, ביים באַן, ביים געזעגענען זיך, — זי איז געפאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק, — האָט ער זיך געוווּנדערט:

— איך ווייס דאָך אַפילו נישט, ווי איר הייסט.

זי האָט געלאַכט.

— אָבער איך וועל אייך רופן גערא. ווייל גערא איז דער אויסדרוק פון יענער ספּאָנטאַנער ליבע פון מאַן און פרוי, פון וועלכער עס האָבן נאָר געוווסט די פּרימיטיווע מענטשן.

זי האָט וואַרעם געדריקט זיין האַנט.

— די באַן קומט אָן.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיי ביידע אין דער זעלבער צייט געשריבן:

זי: — איך ווייס נישט, ווי איר וועט אָננעמען מיין בריוו. מיר קאָנען זיך דאָך אַזוי ווייניק, בלויז איייניקע טעג און עס בענקט זיך, אַ בענקשאַפט, וואָס איז שווער צו דערקלערן. מיין געליבטער האָט גלייך דערפילט אין מיר אַן ענדערונג. איך האָב אים אַלץ דער־ציילט, וועגן די אינטימסטע מאָמענטן. האַלט ער מיך אין איין אויספרעגן און אויפוואַרפן, אַז איך טראַכט וועגן אייך ווען איך קוש אים, און דאָס איז דאָך אַזוי. שרעקלעך איז געווען ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דעם אָוונט ביים ים. ער האָט געשריגן, אַז ער וועט זיך דערהרגענען. וואָס וועט זיין, ווייס איך נישט. מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן, קען איך זיך נישט פאָרשטעלן, און צו דעם ווינט ער דאָך ביי אונז אין שטוב און פון אַלעמען מוז מען דאָס באַהאַלטן. וואָס מאַכט איר? און ווען רעכנט איר קומען קיין ניו־יאָרק?

ער: — ביים טיש האָט מען מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך בין אַזוי פאַרטראַכט, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין פאַרליבט אין אייך. האָט מען געלאַכט, האָב איך אויך געלאַכט. עס קומט אויס איבערצולעבן זייער אַ שווערע צייט. ווער ווייס, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. מיין פרוי, סצענעס, געוויין און באַליידיקונגען. איך האָב אויף איר רחמנות. זי פילט, אַז אונזער לעבן האָט זיך געביטן און זי וויל פון דעם נישט וויסן. איך פאַרשטיי זי זייער גוט. שטונדן לאַנג זיץ איך ביים ים אויף „אונזער אָרט" און צייל די טעג, ווען איך וועל שוין זיין אין ניו־יאָרק.

אַ צופאַל. בלויז אַ צופאַל. אין אַ פאַרנאַכט האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי די „באָרדערס" פון זייער האָטעל: — ווער וויל גיין מאָרגן פאַרטאָג כאַפּן אַ שווים?

— איך, — האָט זי זיך אָפּגערופן.

אויף מאָרגן, מיטן זון אויפגאַנג, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. אַ פאַרשלאָפענע און פאַרדרויטלטע איז זי אַרויסגעגאַנגען. דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער און שטילער, ווי אין אַלע זומער־

פלעצער. מענטשן — איינצלנע. דער מילך־מאַן, ברויט־מאַן, און די אַלע איבעריקע פאַרזאָרגער פון די זומער־האָטעלן, זענען אַן אַ גערויש אַרומגעלאָפן מיט זייערע אויטאָמאָבילן.

אַ דינער רויך האָט זיך געצויגן פון די קוימענס. ביי אַ גרויסער אָפענער טיר זענען געשטאַנען שוואַרצע און מיט ברייטע ברעטלעך אויסגעקלאַפּטע טעפּיכער. ווי זילבער גלאַנצן זייערע ציין אין פון צייט צו צייט שרייען זיי אויס אַזוי פריילעך, אַזוי לוסטיק, אַז פון דער צווייטער שטוב האָט זיך אַרויסגערוקט אַ האַלב־אָנגעטאָענע פרוי און פריילעך צוגעקוקט.

אונטערשפּרינגענדיק זענען זיי געלאָפן צום ים. ביים ברעג האָבן זיי געטראָפן צוויי פאַרשוין, ווי פעסלעך, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט, מורא האָבנדיק אַריינצוגיין אין ים. מיט אַ פריילעכן אויסגעשריי האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע הענט און איז אַריינגעלאָפן אין וואַסער. ווי אַ קינד, האָט זי אַרומגעכאַפּט זיין נאַקן און נישט אָפּגעלאָזן ביז ער האָט זי געמוזט אַרויסטראָגן.

— קערט זיך אום, קערט זיך אום — האָט זי גערופן, ווען ער איז פאַרשוווּמען ווייט פון ברעג.

גייענדיק צוריק האָט זי זיך געקלאַמערט מיט איר נאַסן קערפּער.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט און צו פאַרנאַכט, אַ מידער, האָט ער ווייטער גערופן: — ווער וויל גיין שפּאַצירן? זיין ווייב איז נישט געווען.

— איך — האָט זי זיך אָפּגערופן פון אַ וויג־שטול, וווּ ער האָט זי נישט געזען.

— ווו זענען דאָס אַלע? — איז ער געווען צופרידן, אַראָפּגייענדיק צום ים. זיי זענען געבליבן שטיין ביי אַ הילצערנעם פּאַרענטש פון די ברעטער, וווּ מענטשן זענען געגאַנגען.

אַ פאַרלאַנג, אין וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג, האָט אים באַהערשט. ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ צופאַל, וואָס האָט מיט אים געטראָפן אין איינער פון די גרעסטע אייראָפּעאישע שטעט. נישט געהאַט ווו צו שלאָפן. האָט ער געמוזט אַרומגיין אַ גאַנצע נאַכט, ווייל אין יענער שטאָט אַ שלאָפנדיקן אין פּאַרק פלעגט מען

גליך ארעסטירן און אריינפאלן אין די הענט פון דער פאליציי איז געווען נישט זייער גוט. נעכט נישט געשלאפן. א מידער האט ער זיך צוגעזעצט אויף א באנק. אליין נישט געוווסט, איז ער וואך, אדער דרימלט. ער פילט מען שלעפט אים פארן ארבל. א מיידל איז געשטאנען ביי זיין זייט און געוויזן, אז די פאליציי קומט אן. און דאן, אזוי ווי איצט, האט אים באהערשט דער אייגענער געפיל. ער האט ארומגענומען דאס מיידל.

א צופאל, בלויז א צופאל.

מיטאג צייט. ביים טיש איז שוין פול, אלע ערטער באזעצט.

— ווו ביסטו געווען, בערעזין — האט רייזל א גלאנץ געטאן מיט אירע שווארצע אויגן, ווען ער איז צוגעקומען צום טיש.

— די לעצטע צייט פארשפעטיקט ער, הער ים — האט דער האריק־העטיקער מר. פיר צוגעווונקען צו זיינער א שכנה, א דארע לערערקע מיט גאלדענע ציין.

— איך פאר היינט קיין ניו־יארק.

— און איך?

— ווי דו ווילסט, — האט זיך בערעזין פארוווגדערט אויף זיין קאלטן ענטפער.

מען דערלאנגט קאווע. מר. פיר האט געווונקען צו דער לערערקע, אויפהויבנדיק זיין גלאז:

— מיר וועלן נעמען א טעקסי. ווער נאך?

אלע שטימען צו און מען האט אפגערופן צוויי טעקסים.

— איר וועט היינט נישט מאכן קיין „פויקער”? — האט פארדריסלעך אויפגעווארפן א צוויי הונדערט פונטיקער מאנופעקטשורער, וועלכער קומט ארויס צום ים און צו זיין ווייב מיט קינדער אלע שבת און זונטיק.

— צום ים קומט מען נישט שפילן אין פויקער — האט אים מר. פיר א שטופ געטאן מיטן האנט, ווינקענדיק צו די מיידלעך, וואס זענען געשטאנען, ווארטנדיק אויף די טעקסים.

— דזשייק, קום, העלף מיר מיט די קינדער — האט איבערגעשלאגן דעם מאנופעקטשורערס ענטפער א גראבער פרויען־קול.

— א גליק פון א מענטשן — איז יענער אפגעגאנגען.

רייזל איז צוגעקומען צו בערעזינען.

— צו וואָס ווילסטו היינט פֿאָרן?

— עס איז מיר דאָ זייער אומעטיק.

— וואַרט ביז מאַנטיק. עס איז נישט שיין פֿאַר מענטשן.

— וואָס אַרן מיך מענטשן.

— מרס. בערעזין, קומט שנעלער, די טעקסים וואַרטן, — האָט זיך דערהערט מר. פּירס קול.

— איך וועל דיך דאָ טרעפֿן? — האָט זי בערעזינען פֿעסט אָנגענומען פֿאַר האַנט.

— דו וועסט מיך דאָ טרעפֿן. — האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ וויג־שטול.

די אויטאָמאָבילן זענען אָפּגעפֿאָרן. בערעזין איז געזעסן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. ער האָט אַפֿילו נישט געעפֿנט די אויגן, ווען די קינדער האָבן זיך צעשריגן. איינע פֿון זיי איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון די טרעפּ, ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט ווי מרס. זילבער, אַ בוכ־האַלטערשע מיט אַ הויכן בוזים און גראָבע, קורצע פֿינגער, איז גע־זעסן נעבן אים אין איר באַד־קלייד און געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס זענט איר אויך נישט געפֿאָרן?

ער האָט נישט געענטפֿערט.

— קומט זיך באָדן.

— צו פֿרי. ערשט נאָכן עסן.

— טוט אָן אייער ביידינג סוט און מיר וועלן זיצן ביים ים.

ער האָט פֿאַרהויבן זיין קאָפּ. פֿייכטע אויגן האָבן אים מוטער־לעך אָנגעקוקט.

— גייט, טוט אָן אייער ביידינג סוט.

איר האַנט האָט ער צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן.

ער איז געלעגן מיטן קאָפּ אויף אירע קני. קליינע קינדער שפּילן ביים וואַסער. אַ מוטער הויבט אויף איינע און טראָגט אַריין אין וואַסער. דאָס קינד קלאַמערט זיך צו דער מוטער און שרייט.

בערעזין קוקט צום הימל אין ים, אַט האַרט, ווו זיי פֿאַרייניקן זיך און קומען צוריק. די שוואַכקייט, וואָס האָט אים באַהערשט

ביים עסן לאָזט אים נישט אָפּ. ער פילט זיך אַזוי ווי יענע שיפל, וועלכע ער זעט נישט ווייט פון ברעג. זי וויגט זיך און וואַרפט זיך, איינע אַליין אָן מענטשן. אָט בלייבט זי שטיין מיטן זייט צום ברעג, אַז אָט־אָט קערט זי זיך איבער אונטער די קלעפּ פון די כוואַליעס, אָבער אָט גלייכט זי זיך ווייטער אויס און מיט אימפּעט טוט זי זיך א לאָז צום ברעג. ער האָט זיך א צאַפּל געטאָן, טוליענדיק זיך צו מיס זילבער. א וואַרעמע האַנט דריקט זיין קאָפּ צו א הויכן בוזים און א שטימע רעדט: — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר זענט אַזאַ „פיגלינג".

— א פיגלינג — האָט ער איבערגעדרעדט און עפּעס זאָגט אים אונטער, אַז זי איז גערעכט.

— מען דאַרף גיין — האָט ער זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן פון זיין אָרט.

בערעזין איז געקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט אָפּגערופן געראַן עסן מיטאָג. זי האָט נישט געקענט. האָט ער מיט איר אָפּ־געמאַכט זיך צו טרעפן נאָך דער אַרבעט. ער דאַרף נאָך וואַרטן פינף שעה. האָט ער אָפּגערופן זיינעם א פריינט, אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן אין ביבליאָטעק אויף דער 42 גאַס, ווייל ער דאַרף אים זען, זייער נויטיק.

צו וואָס האָט ער אים געזאָגט, אַז ער דאַרף אים נויטיק האָט ער אַליין נישט געוווּסט. עפּעס א צווייטער אין אים, נישט ער האָט דאָס געזאָגט.

אין דער ביבליאָטעק. אין דער יידישער אָפּטיילונג. דער ייד, וואָס גיט אַרויס די ביכער, א קיילעכדיקער, ווי א פעסל, איז צוגע־קומען:

— וואָס פאַר א בוך ווילט איר?

— איך ווייס נישט — האָט זיך בערעזין אומגעקוקט.

— איר ווייסט נישט? — האָט זיך דער ייד געוווּנדערט.

— איך דאַרף זיך דאָ טרעפן מיט איינעם — האָט בערעזין נישט געטראַכט, וואָס ער זאָגט.

— אַן „אַפּאָינטמענט"? — האָט זיך יענער אָפּגעקערט און צוגעגעבן: — פאַרשרייבט אייער נאָמען.

בערעזין האָט פאַרשריבן.

ביי די לאַנגע טישן זענען געזעסן איינצלנע מענער און אַ פּאָר פרויען. בערעזין איז אַרומגעגאַנגען אַרום די ווענט אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט, און אַ געפיל פון אַלטקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. אַ סך אַלטע ביכער אויף די פּאָליצעס און זייער ווייניק נייע. אַרומגייענדיק אַזוי, האָט ער זיך אין אַ ווינקל אָנגעשטויסן אָן אַ נידעריקן שוואַרצן בחור, וועלכער האָט אים באַגעגנט מיט אַ העברעאישן שלום.

— שלום, — האָט בערעזין געענטפערט.

און יענער אין העברעאיש:

— איר האָט מיך נישט דערקענט?

— כייסין, וואָס טוט איר דאָ? — האָט זיך בערעזין דערפרייט, נישט ווייסנדיק, איינגעטלעך, איבער וואָס ער האָט זיך דאָ דערפרייט, ווייל דעם בחור האָט ער איינמאָל, מיט יאָרן צוריק, באַגעגנט אויף אַ מיטינג און יענער האָט אים דערציילט, אַז ער איז פון ארץ־ישׂראל.

— ש־ש־ש, — האָבן זיך ברוגז אומגעקוקט די פּאָר פרויען.

— קומט אַרויס, — האָט שוין כייסין גערופן אין יידיש. ווען זיי זענען אַרויס, האָט כייסין אַ זיפץ געטאָן:

— דאָ פילט מען זיך זייער איינזאַם.

בערעזין האָט אים אָנגעקוקט:

— וואָס טוט איר דאָ?

— אַ העברעאישער לערער.

— ווען זענט איר געקומען פון ארץ־ישׂראל?

כייסין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צוגעגעבן:

— איך פיל זיך דאָ אַזוי איינזאַם. דאָ איז אַזוי אומעטיק.

בערעזין האָט נישט געפונען וואָס צו זאָגן. אַזוי פיל ליידן איז געלעגן אין יענעמס ווערטער און אין דער איינענער צייט איז אים געוואָרן זייער שווער. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז כייסין האָט געזאָגט נישט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט צו זאָגן. ער האָט זיך מיט אים געזעגנט:

— נעמט מיין טעלעפאָן און רופט מיך אָפּ.

פאַרשרייבנדיק, האָט כייסין פאַרשעמט אויסגערעדט:

— איר האָט דאָ זייער פיל באַקאַנטע מיידלעך?

— אַלרייט. רופט מיך אָפּ, — האָט בערעזין דערזען זיין פריינט.

דער זייגער פאַר פיר. זיי זענען אַרויס פון דער ביבליאָטעק. אַ באַגאָסענע מיט דעם מילדן זונען־שיין פון סוף זומער האָט די גאַס געשטראָמט מיט מענטשן, אויטאָמאָבילן און אויטאָבוסן.

פריילעך און יום־טובדיק איז דער ווינקל פון פינפטער עוועניו און צוויי־און־פערציקסטער גאַס. אַן אייביקע פרייד און יום־טוב. אפילו די בעטלער, וואָס גייען פאַרביי, אפילו די סאַלוויישאַן ארמי, אפילו די קליינע שיך־פוצערס, וואָס וואַלגערן זיך אויף די טרעפּ זענען אויס אַזוי פריילעך, אַז דו פאַרגעסט גאָר, אַז ערגעץ איז דאָ אַן אַנדער וועלט, נישט אַזאַ פריילעכע און נישט אַזאַ יום־טובדיקע.

— טרל־ל־ל — צעגיסט זיך דער פייפל פון דעם הויכן פּאָליסמאַן, און שטראָמען מענטשן, איינער איבערן צווייטן, צונויפגיסנדיק זיך, קרייצנדיק דעם וועג איינער דעם צווייטן, איילן זיך פון איין זייט צום צווייטן, ווייל באַלד, באַלד וועט אַ צווייטער פייף פון דעם אייגענעם פּאָליסמאַן פאַרמאַכן די זייט גאַס און וועט עפענען די צווייטע, וו שטראָמען מענטשן, ווי איינגעהאַלטענער וואַסער דורך אַ הרעבליע, רייסן זיך דורך, איבערלויפנדיק די גאַס. זיי הערן נישט, וואָס דער פּאָליסמאַן וואָרנט זיי, זיי קאָנען נאָך אונטערפאַלן אונטער אַ מאַשין.

— איך האָב ליב שטיין און קוקן אויף זיי. זען די מענטשן, פרוון טרעפן, וואָס יעדער פון זיי טראָגט מיט זיך, וואָס באַהאַלט ער אין זיך און וואָס איילט ער אַזוי. אפילו אָט זיי שטערן אויך נישט דעם יום־טוב — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ גראָבער פרוי, וואָס האָט געשטופּט אַ וועגעלע און אַ מאַן, מיטן אויסזען פון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק אָדער העכער פון פערציק, אַזוי אויסגעצערט און אַלט איז זיין פּנים געווען און אַזוי יונג זיינע אויגן — גיי טרעף ווער זיי זענען. זע, מיט וואָס פאַר אַ דורשטיקע בליקן ער באַקוקט יעדע פאַרבייגייענדע פרוי.

בערעזין האָט אים אָנגעקוקט.

— וואָס איז מיט דיר, שמעון?

שמעון האָט געשמייכלט.

— איך ווייס אַליין נישט. ווייזט אויס, אַז דיין פּלוצלונגער אָפּרופן מיך האָט אַזוי געווירקט.

שמעון האָט פאַרגעלייגט:

— קום אַריין אין אַ קאַפע.

— איך האָב נאָר אַ האַלבע שעה — האָט בערעזין אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. — איך האָב אַן אַפּאָינטמענט.

שמעון האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— צו וואָס ביסטו געקומען אין שטאָט?

בערעזין האָט נישט געענטפערט.

— קום אַריין, — האָט אים שמעון אָנגעקוקט פון דער זייט.

אין דער גרויסער קאַפע איז געווען ליידיק. נישט וויט פון טיר האָבן זיי זיך געזעצט.

— קאַפע, — האָט שמעון באַשטעלט ביים יונגן ווייטער.

— וואָס ביסטו געקומען? — האָט שמעון געדרייט מיט דעם לעפעלע אין זיין גלאָז.

— איך ווייס אַליין נישט. מיר האָט זיך פאַרוואָלט זען דאָס מיידל, מיט וועלכער איך האָב זיך דאָרט באַקענט.

— אַ מיידל?

— יאָ.

— און דיין ווייב?

— איך ווייס נישט. ערשט באַקאַנט געוואָרן. איך בין נישט קיין יינגל. האָב קיינמאָל נישט געפילט, וואָס איך פיל צו דעם מיידל. ליבע? איך ווייס נישט, אויב מען קען דאָס אָנרופן ליבע. דו ווייסט דאָך, אַ ייד אין מיינע יאָרן קען דאָך נישט האָבן די איי־גענע געפילן, וואָס אַ יינגל פון צוואַנציק. מיר ווייסן שוין, וואָס איז די פרוי און וואָס איז ליבע...

— און זי?

בערעזין האָט אים איבערגעגעבן איר בריוו.

— דו וועסט האָבן צרות, ברודער. ווען דאַרפסטו זיך זען מיט איר?

— פינף אַזייגער.

— נאָך צען מינוט — פאַרטראַכט — אויב דו וועסט מאָרגן נישט צוריקפאָרן, רוף מיך אָפּ.

בערעזין שטייט ביי דער צען־שטאָקיקער געביידע און וואַרט. יונג און אַלט שטראָמען פון טיר און פאַרלירן זיך אין קאַרס און סאָבוויים. די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן, וואָס איילן זיך פון דער אַרבעט.

דער פאַרנאַכט האָט אויסגעזען אַ שטילער און אַ מילדער. די זון האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אין די אויבערשטע טיילן פון די הויכע מויערן. די אונטערשטע זענען שוין געווען אין שאָטן און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פרוי, אָנגעטאָן צו אַ מאַסקאַראַד — אין שוואַרצן און אויפן קאָפּ אַ קרוין פון גאָלדן פאַפּיר.

די לופט־באַן פון איין זייט און דער טראַמוואַי פון דער צווייטער זייט, האָבן באַגלייט מיט זייער איבעיקן אייזערנעם טומל דעם מענטשלעכן שטראָם. בערעזין איז געשטאַנען און געוואַרט אויף געראַן. זי האָט געאַרבעט אין דער געביידע.

— גערא, — האָט ער דערפילט אַ ווייך וואַרימע באַרירונג.

— ליבער, — האָט זי געדריקט זיין האַנט.

— גערא — האָט ער באַקוקט איר ענגלישן ספּאָרט־מאַנטל, וואָס איז אַזוי ווייך און פריי געפאַלן איבער אירע אַקסלען.

— קום, ליבער.

— איך האָב אייך אַזוי געוואָלט זען — איז ער לאַנגזאַם געגאַנגען מיטן שטראָם מענטשן און דריקנדיק איר האַנט צוגעגעבן — איך וויל אייך אַזוי אַ קוש טאָן.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך וועל אָפּרופן אַהיים, אַז איך קום נישט עסן. איך וויל נישט ער זאָל אויף מיר וואַרטן אומזיסט.

זי איז אַריין אין טעלעפאָן ביידל. דורכן גלאָז האָט ער געזען איר שמייכל. זי האָט אים צוגעווונקען. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און דערהערט:

— איך האָב היינט סאַפּער מיט אונזערע מיידלעך און פון דאָרט אין טעאַטער.

— ניין, ניין. דאָס איז נאָר פאַר אונז אַליין. איך קען דיר

נישט זאגן, גוד ביי — מיט א זיפץ פון דערלייכטערונג האָט זי אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל.

— מיר וועלן אריינגיין אין א שטילערע גאַס, — האָט זי פאַרקירעוועט אין אַ צווייטער גאַס.

— וואָס מאַכט איר? איר האָט אזוי גוט געטאָן, וואָס איר זענט געקומען. היינט ערשט האָב איך געטראַכט ארויסצופאָרן צו אייך אויף שבת און זונטיק.

בערעזין האָט זיך צוגעבויגן און זי א קוש געטאָן.

זי האָט אויפגעלאַכט:

— מען וועט אונז נאָך ארעסטירן.

— גערא, וואָס רעכנט איר היינט צו טאָן?

— מיר וועלן גיין עסן און נאָך דעם אין טעאַטער.

— עס איז נאָך פרי.

— מיר וועלן אביסל שפּאַצירן. נאָך א גאַנצן טאָג ארבעט ביי דער שרייב־מאַשין.

— ביי וואָס ארבעט איר?

— צו וואָס רעדן וועגן ארבעט. דערציילט בעסער וואָס איר מאַכט.

זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן. פון דער זייט האָט גערא געוואָרפן שנעלע בליקן צו בערעזינען. א קלוגער שמייכל האָט גע־שפּילט אויף אירע דינע, רויטע ליפּלעך.

— וואָס מאַכט איר, גערא, — האָט בערעזין נישט געפונען וואָס צו רעדן, וועלנדיק איבעררייסן דאָס שווייגן.

— מען דאַרף נישט רעדן, ווען עס ווילט זיך נישט — גערא האָט ווי געטראָפן בערעזינס געפיל.

בערעזין האָט איר וואַרעם געדאַנקט.

— איך האָב אייך אזוי פיל צו דערציילן און איך בין שטום

— און נאָך א קליינע פויזע צוגעגעבן — עס האָט ביי מיר אָפּ־גענומען דאָס לשון.

און ווייטער געפרעגט:

— גערא, דערציילט, וואָס איז ביי אייך. אייער בריוו האָט אויף מיר געמאַכט אזא שווערן איינדרוק און אין דער איינענער צייט איז מיר אזוי גוט געוואָרן פון אים.

— וואָס זאָל זיין? עס איז שרעקלעך. איך האָב קיינמאָל נישט געדענקט, אַז אַ מאַן זאָל אַזוי זיין — און נאָכטראַכטנדיק — נישט גוט, ווען מען ליבט דיך אַזוי.

בערעזין האָט געשוויגן.

— ער האָט באַלד דערפילט, אַז איך בין נישט ווי פריער. באַהאַלטן האָב איך נישט געוואָלט און נישט געקענט, איך האָב אים אַלץ דערציילט. עס איז געווען שרעקלעך. איך האָב אים גע־מוזט היטן. ער האָט מיט זיך געטראָגן אַ רעוואָלווער. איין נאַכט בין איך שיער נישט משוגע געוואָרן. דאָס איז געווען ביי מיר אין צימער. מיר האָבן גערעדט פון דעם, וואָס מיר ביידע פילן. ער האָט מיך אַרומגענומען. איך האָב אים נישט געענטפערט. האָט ער מיך אָפּגעשטויסן פון זיך — דו קושסט מיך און טראַכטסט וועגן אים! — און אַזוי טאָג און נאַכט — און שטיל פאַרענדיקט:

— ער וועט מוזן אָפּפאָרן פון דאַנען.

הערנדיק זי, האָט זיך בערעזינען זייער געוואָלט טרעפן, באַ־קענען זיך מיט יענעם. ער ווייסט נישט, פאַרוואָס האָט ער זיך פאָר־געשטעלט אַ הויכן, ברייט־ביינִיקן בחור, מיט גראָבע פּעטע ליפּן, גרויסע וואַסערדיקע אויגן און אַ קאָפּ בלאָנדע, געקרייזלטע האָר, צעוואָרפן איבערן שטערן. און אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער שלום פון זיין טראַכטן:

— מענטשן, וואָס רעדן, טוען נישט. ער איז אַ צו ווייכער פאַר דעם — האָט ער איר אויסגעמאָלט, ווי ער שטעלט זיך אים פאָר.

— איר קענט אים?

— איר ווייסט דאָך, אַז נישט. מיט וואָס באַשעפטיקט ער זיך?

— ער אַרבעט אין די יוניאָנס.

— און איר?

— איך נישט. ער האָט מיך פיל מאָל צוגערעדט, איך האָב נישט געוואָלט. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. און איר? איך ווייס, אַז איר זענט אַ ציוניסט — האָט זי האַלב־שפּאַסיק, האַלב ערנסט געפרעגט.

— קומט עסן, עס ווערט שוין שפעט, — האָט ער זי אַריינ־גערופן אין אַ רעסטאָראַן.

נאָכן טעאַטער זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין פּאַרק, געזעצט זיך נעבן דעם וואַסער אויף אַ שטיינערנער באַנק.

די נאַכט אין פּאַרק איז נאָך געדיכטער געוואָרן איבער דעם אָפּשיין פון די עלעקטרישע לאָמפּן און דעם גרויסן אַדווערטייזמענט אויף אַ דאַך פון אַ קעגנאַיבערדיקער געביידע. אונטער די ביימער שטאָק־פינסטער. עס הערט זיך אַ שטיל רעדן, אַ קוש און אַ זיפץ. ער האָט זי אַרומגענומען.

— גערטאַ.

— וואָס, ליבער, — איר קאָפּ אָן אים אָנגעשפּאַרט.

— גערטאַ, — האָט ער זי געקושט.

— ווי טיף די פייערלעך זענען, — האָט זי אָנגעוויזן אין וואַסער.

אַ פּאָרל איז צוגעקומען און געזעצט זיך קעגן זיי אויף דער צווייטער באַנק. גערטאַ האָט זיך אָפּגעוואָרפן. אָבער דאָס פּאָרל איז גלייך ווייטער אַוועק.

אירע הענט האָט זי פאַרוואָרפן איבער זיין נאַקן, צוגעטראָגן איר פּנים צו זיינעם און ווי פון אַ אינערלעכן שטום זיך איינגע־נעסן אין זיינע ליפּן.

— עס איז שוין שפּעט — האָט זי זיך אָפּגעריסן און ווידער צוגעפאַלן.

— גערטאַ, — האָט בערעזין שטיל גערעדט, — גערטאַ, ווי מאָדנע דאָס לעבן איז באַשאַפן געוואָרן.

— רעד נישט, ליבער, — איז זי אומגעלאָפן מיט אירע ליפּן איבער זיין פּנים.

די נאַכט אַרום זייער באַנק איז געוואָרן נאָך טיפער. מען האָט קיינעם נישט געזען. פון אונטער די ביימער האָבן זיך גע־וויזן איינצלנע פּאָרלעך, געגאַנגען צום אַרויסגאַנג. זי האָט זיך אָפּגעריסן.

— קום, ליבער, עס איז שוין שפּעט, מאָרגן דאַרף איך גיין צו דער אַרבעט. מען וועט אונז נאָך אַרעסטירן, — האָט זי געלאַכט אין זיך.

גייענדיק פון פּאַרק האָט ער געזאָגט:

— ווי דאָס לעבן איז באַשאַפן געוואָרן און ווי מענטשן בייטן זיך. ביים ים האָב איך אייך געבעטן נישט רעדן. דאָ אין פּאַרק האָט איר מיך געבעטן נישט רעדן. אַלץ מוזן מיר דער־קלערן. אַלץ מוז דערקלערן דער מענטשלעכער געדאַנק — האָט ער פאַרענדיקט מיט די ווערטער, וואָס זי האָט אים געזאָגט ביים ים, און צוגעגעבן:

— איך בין גאָר אַן אַנדערער געוואָרן זינט איך האָב אייך דערקענט.

זי האָט אים אַ קוש געטאָן.

— דאָס האָב איך אויך געטראַכט די לעצטע צייט, — האָט זי פּלוצלונג אָפּגעהאַקט.

— וואָס איז, געראַ?

זי האָט געשוויגן. אין האַל פון איר הויז האָט זי אים גע־פרעגט:

— איר בלייבט דאָ אויך מאָרגן?

— ניין, איך פאָר גלייך צוריק.

— איר האָט דאָך נישט קיין באַן. ווו וועט איר זיין די גאַנצע נאַכט?

— ביים באַן.

— איר ווייסט, — האָט זי זיך צו אים געדריקט, — ביי אונז אַרבעט מיינער אַ פריינט, זאָגט ער, אַז די איינציקע גוטע זאַך ווען מען באַגלייט אַ מיידל אַהיים איז דאָס קושן זי אין האַל. קוש מיך, ליבער.

זיי האָבן זיך אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן.

— ער וואַרט דאָרט אויף מיר, — האָט זי אים אָפּגעשטופּט.

— איר גייט אויף ליידן, — האָט ער זיך געזעגנט.

— זיי געזונט, ליבער, — האָט זי געדריקט זיין האַנט, — איך וואָלט אַזוי וועלן פאַרברענגען מיט דיר די נאַכט.

ווען בערעזין איז געקומען פון שטאָט איז שוין געווען פרישטיק. אַלע זענען געזעסן ביים טיש.

— אַ, מר. בערעזין, אַזוי פרי צוריק? ווייזט אויס, אַז אין

ניו־יאָרק איז צו היים, — האָט מר. פּיר אים באַגעגנט צווידיר־טיק.

אַלע לאַכן. בערעזין ענטפערט נישט. זעצט זיך נעבן רייזלען, וועלכע האָט אויך געשוויגן. אירע ליפּן — בלייך און פאַרצויגן.

מר. פּיר צו איינער פון די לערערקעס:

— איר פאָרט טאַקע היינט?

יענע האָט אַ בליץ געטאָן מיט אירע גאָלדענע ציין:

— איך מוז, מיין וואַקיישאָן ענדיקט זיך שוין.

מר. פּיר האָט אַ ווונק געטאָן צו די איבעריקע ביים טיש, זיך אָנגעכאַפּט ביים העמדל דאָרט וו עס ליגט דאָס האַרץ און גע־בעטן:

— מיר וואָלטן היינט אַזוי גוט פאַרבראַכט אין וועלדל. היינט איז אַזאַ גרויסע לבנה. בלייבט נאָך אַ פּאָר טעג.

— איך קען נישט. אויף מיין וואָרט, איך קען נישט. איך וואָלט זייער געוואָלט בלייבן ביי אייך, אָבער איך קען נישט, איר ווייסט וואָס? — האָט זי זיך פאַררויטלט — נעמט מיין טעלעפאָן. איר וועט זיין אין שטאָט, רופט מיך אָפּ.

— אָט דאָס האָב איך דאָך געמיינט, — האָט ער אַרויסגע־כאַפּט אַ קליין ביכעלע.

אייניקע זענען אַרויסגעלאָפן פון צימער, אַנדערע האָבן זיך איינגעגראָבן אין זייערע טעלער, כדי נישט אויסצופּלאַצן מיט אַ געלעכטער.

— איר זעט נישט, אַז ער לאַכט פון אייך? — האָט בערעזין פּלוצלונג אויסגעשריגן.

דער טיש איז אָפּגעשטאָרבן. עס האָט זיך געפילט אַן איינגע־האַלטענער אָטעם. דאָס מיידל האָט זיך אומגעקוקט און איז אַרויס־געלאָפן מיט אַ געוויין.

נישט פאַרענדיקנדיק דאָס עסן האָט מען פאַרלאָזן דעם טיש. ווי גנבים, איינציקווייז, איינגעבויגן, האָט מען זיך אַרויסגערוקט פון עס־צימער, וואַרפנדיק זייטיקע בליקן צו בערעזינען. בערעזין איז אויך אַרויסגעגאַנגען און האָט זיך געזעצט אויף איינעם פון די בענקלעך אויפן באַלקאָן.

אַן אויטאָמאָביל איז צוגעפאָרן. מען האָט אַרויסגעטראָגן זאַכן.

די לערערקע איז ארויסגעקומען און נישט קוקנדיק אויף קיינעם זיך אריינגעזעצט און איז אוועקגעפאָרן.

בערעזין האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט נישט באַמערקט ווי מר. פיר איז געשטאַנען קעגן אים, וויגנדיק זיך אויף זיינע קנאָפּל. די איבעריקע האָבן זיי נייגעריק נאָכגעקוקט.

— פון ווען זענט איר דאָס געוואָרן אַ גאַטס סטראַפּטשעַ — האָט מר. פיר אָנגעוויזן ווו דאָס מיידל איז אָפּגעפאָרן.

בערעזין האָט נישט געענטפערט.

מר. פיר האָט גראָב אויסגערעדט:

— זאָגט מיר, איר קענט ענגליש?

— יאָ.

— ווייסט איר דאָס אַמעריקאַנער ווערטל „מיינד יור אָון ביזנעס?"

בערעזין האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון אָרט. מר. פיר האָט אָפּגעטראָטן אויף צוריק. בערעזין איז אים נאָכגעגאַנגען:

— אַ פאַרברעכן לאָכן פון אַ מיידל, ווען זי איז נישט שיין און אַלט.

מר. פיר האָט פאַרביסן געוואָרפן:

— עס איז אַ פאַרברעכן צו פאָרן צו אַ מיידל, ווען מען האָט אַ ווייב.

בערעזין האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן לאַץ. די מענטשן אַרום האָבן זיך צוגערוקט נענטער. אַ פרוי האָט אויסגעשריגן. רייזל איז אַרויסגעקומען און זעענדיק פירן און בערעזינען איינעם קעגן דעם צווייטן, איז זי צוגעלאָפן:

— וואָס איז דאָ?

מען האָט איר ערקלערט. דערזעענדיק רייזלען האָט בערעזין אָפּגעלאָזן מר. פירן און האָט זיך צוריק געזעצט אין זיין בענקל. די מענטשן זענען זיך צעגאַנגען. רייזל איז געבליבן:

— דו מיינסט, אַז מען ווייסט נישט צו וואָס דו ביסט געפאָרן קיין ניו־יאָרק?

בערעזין האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען.

— געקומען אַ מיידל אויף איין טאָג און... — האָט זי אָנגעהויבן וויינען.

— וואָס ווייסטו?

— איך ווייס ניט — האָט זי אָפּגעווישט די אויגן — אַלע קוקן דאָ אויף מיר, ווי אויף אַן אָוועקגעוואָרפענער, — האָט זי זיך געפּרוווט באַהערשן — אַלע דערציילן מיר, אַז דו ביסט גע־פאָרן זיך זען מיט דעם מיידל. און וואָס וועלן זאָגן אונזערע באַ־קאַנטע, פריינט? — האָט זי ווייטער געווישט די אויגן.

בערעזין האָט זיך געוויגט אין שטול.

— און וואָס איז דאָס מיידל? — האָט זי פּלוצלונג אָנגע־הויבן אַנאַליזירן געראַן — פאַראַן אַ סאָרט פרויען, וואָס האָבן ליב צוצונעמען ביי יענעם דעם מאַן. דאָס איז אַ קרענק אַזאַ, און זי איז איינע פון די.

און מיט דעם אייגענעם אימפּעט האָט זי אָנגעהויבן וועגן זיך:

— אָט איך, איך בין שטענדיק אַנטלאָפן פון אַזעלכע זאַכן. פאַרקערט. האָט זי אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין געווען אַ שיין מיידל. פיל מענער זענען נאָך מיר נאָכגעלאָפן. איין בחור איז פשוט אויסגעגאַנגען נאָך מיר, איך האָב אים אויך געגליכן. אַ שטיק צייט זענען מיר אומגעגאַנגען. איינמאָל האָב איך אים באַקענט מיט מיינער אַ פריינדין אַן אלמנה. יענע האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. אָנגעהויבן אַרום אים אַרומפאָרען זיך, ביז זי האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין בעט. זי איז געווען עלטער פון אים מיט צען יאָר. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און נאָך דעם געשריבן מיר פייערדיקע בריוו. ער האָט געוואָלט מיט מיר אַנטלויפן. ער האָט פאַר מיר געוויינט. איך בין דאַן אַנטלאָפן פון ניו־יאָרק.

אָדער:

— אַ דאָקטאָר פון עטלעכע און דרייסיק. ער האָט זיך פאַר־ליבט אין מיר. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. ער איז פשוט אויסגעגאַנגען נאָך מיר. ער וועט אַלץ טאָן פאַר מיר, ער וועט איבערלאָזן דאָס ווייב און קינדער. ער וועט זי גטן. איך האָב געפאָדערט ער זאָל מיך באַקענען מיט זיין ווייב. האָב איך איר אַלץ דערציילט און אַליין בין איך אָוועקגעפאָרן.

— צו וואָס דערציילסטו דאָס מיר?

און זי האָט ווייטער גערעדט.

— איך פלעג אַנטלויפן פון אַזעלכע זאַכן. צונעמען דעם מאַן ביי אַ ווייב — אין מיין לעבן נישט!

בערעזין האָט שוין נישט געהערט, וואָס זי האָט ווייטער דער־ציילט. ער האָט געזען פאַר זיך צוויי פרויען אין דער געשטאַלט פון איינער. ער זיצט ביים טיש. מר. פיר לאַכט פון איר. דאָס איז רייזל.

— דו זעסט נישט, ווי ער לאַכט פון דיר — שרייט ער אויס מיט רחמנות, און אים האָט זיך פאַרוואָלט איר באַרואיקן, איינ־שטילן, אָבער קיין ווערטער האָט ער נישט געפונען. ער האָט זיך אומגעקוקט. רייזל איז שוין נישט געווען נעבן אים.

מיטאָג ביים טיש איז געווען שטיל און אָנגעשטרענגט. מר. פיר איז נישט געקומען צום טיש. מען האָט געגעסן אין איי־לעניש, אַזוי ווי דאָס מיטאָג וואָלט געווען אַ שווערע אָפּקומעניש. פאַר בערעזין מיט רייזלען האָט מען געגרייט אַ באַזונדער טיש. רייזל האָט דערקלערט:

— איך האָב עס געהייסן. איך האָב נישט געוואָלט, ס'זאָל ווידער פאָרקומען דאָס פריערדיקע.

— וואָס איז דען פאָרגעקומען?

זי האָט גיפטיק געשמייכלט:

— דו האָסט זיך נאָך נערדאַרפט צעשלאָגן מיט אים. אַ שיין פּנים וואָלטן מיר געהאַט. אַזוי אויך אַנטלויפן פון אונז די מענטשן.

— פאַרוואָס? — האָט בערעזין נישט געטראַכט, וואָס ער פרעגט.

— פאַרוואָס? — האָט רייזל איבערגעקרומט און מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ אַרויס פון טיש. בערעזין איז אַרויס נאָך איר אין צימער.

רייזל איז געלעגן מיטן פּנים אין קישן. זי האָט זיך גע־טרייסלט פון געוויין. ער האָט זיך געזעצט נעבן איר.

— רייזל.

— גיי אַוועק פון מיר! — האָט זי אים אָפּגעשטופּט.

ער איז געבליבן זיצן.

— רייזל —

— גיי אוועק פון מיר, זאָג איך דיר! — גיי צו דיין מיידל!

בערעזין איז אויפגעשטאַנען און געבליבן שטיין אין פענס־טער. אַן אויטאָמאָביל האָט געוואַרט ביים טיר. מר. פיר איז אַרויס פון שטוב און נאָך אים האָט מען אַרויסגעטראָגן זאַכן.

— מרס. בערעזין, מרס. בערעזין! — האָט מען גערופן פון אונטן. — מר. פיר פאָרט אָפּ און וויל זיך געזעגענען מיט אייך.

רייזל איז אַראָפּ פון בעטל, אויף שנעל אָנגעפודערט די נאָז און זיך אַרויסגערוקט פון פענסטער:

— פאָרט געזונט, פאָרט געזונט, צום ווידערזען!

— זעסט, וואָס האָסט אָנגעטאָן — האָט זיך רייזל ווייטער אַריינגעוואָרפן אין בעט, ווען דער אויטאָמאָביל איז אָפּגעפאָרן.

בערעזין האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, בלייבן אָדער אַרויסגיין. ער ווייסט נישט, פאַרוואָס אים האָט זיך פאַרוואָלט זען די לערעריקע אַ וויינענדיקע, ווי רייזל, נישט ווילנדיק האָט ער אַ שמייכל געטאָן. ער איז ווייטער צוגעקומען צו רייזלען.

— רייזל, צו וואָס זאָלסטו זיין אַזאַ, צו וואָס וויינסטו? — האָט ער געפּרוּווט אויפהויבן איר קאָפּ. זי האָט זיך נאָך טיפער איינגעגראָבן אין קישן.

און אויף דער נאַכט.

אין באָרדינג־הויז איז שטיל. אַלע זענען ביים ים. רייזל און בערעזין זענען פרי געגאַנגען שלאָפן. רייזל איז שוין אין איר נאַכט־העמד.

— נו, זאָג אַליין, וואָס האָסטו געפונען אין דער מיידל?

בערעזין האָט אַראָפּגעוואָרפן די שיך.

— וואָס האָסטו געפונען אין דער מיידל? איינע פון יענע מיידלעך, וואָס לויפן אין די סקולס און זענען ראַדיקאַלקעס אויף דער לינקער זייט.

בערעזין האָט זי פאַרדריסלעך אָנגעקוקט. אים איז געווען דערווידער דער וואָלגאַרער טאָן פון אירע לעצטע ווערטער.

— וואָס רעדסטו אַזוי פיל וועגן דער מיידל. דו וועסט מיך

טאקע באלד איינרעדן אז איך בין פארליבט? איז א פארברעכן, ווען מען פארט זען א באקאנטע?

רייזל האט זיך האסטיק א קער געטאן:

— א באקאנטע?

און האלב געפרעגט, האלב באשטעטיקט:

— דו האסט זי ליב.

בערעזין האט זי ארומגענומען.

— איך וויים נישט. איך טראכט וועגן איר. איך וויל זי זען.

— דו האסט זי ליב, דו האסט זי ליב! — האט זי זיך פון אים ארויסגעריסן.

און שפעטער אין בעט האט זי זיך באקלאגט.

— מיין גאנץ לעבן אזוי פארשווארצט. שטענדיק געהארע־וועט. שטענדיק געוועזן איינזאם, איינע אליין, און איצט ווייטער. איך זע פאר זיך א שרעקלעכן ווינטער. ווידער זוכן א „פורנישד רום", ווידער וואלגערן זיך ביי פרעמדע, א, גאט! — האט זי זיך א כאפ געטאן פארן הארצן.

בערעזין האט זי געקושט, איינגעשטילט: דאס איז א נייער מענטש — אינטערעסאנט — אבער אין דער איינענער צייט האט ער זיך פארגעווארפן, אז ער טאר צו איר נישט הערן אזוי, אז ער זאגט איר א ליגן.

רייזל האט אים געהאלזט און געקושט:

— מיר וועלן קומען אין ניו־יארק. מיר וועלן נעמען צוויי רומס. מיר וועלן ארבעטן צוזאמען. דו וועסט זען, ווי גוט מיר וועלן זיך איינארדענען.

דריי טעג. דריי טעג איז געווען שטיל. דריי טעג האט מען גע־לעבט אזוי ווי „טייבעלעך". די מענטשן אין הויז האבן זיך אנ־געהויבן פריינטלעכער באציען צו בערעזינען. אנדערע האבן אפילו אין אלץ באשולדיקט מר. פירן.

דריי טעג איז געווען שלום — ביז דעם דריטן טאג, ביינאכט, ווען זיי זענען געקומען פון ים האט געקלונגען דער טעלעפאן. רייזל, וועלכע איז געשטאנען נענטער, האט געענטפערט און גלייך צוגערופן בערעזינען.

— דאס איז זי, דאס מיידל.

— האללאָ.

— האללאָ.

— וואָס מאַכט איר, גערא?

אין טעלעפאָן האָט מען געענטפערט. בערעזין האָט זיך איינגעהערט. רייזל האָט אומגעדולדיק געכאַפּט מיטן האַנט דעם רעסיווער.

— גיב מיר דעם רעסיווער, וואָס וויל זי?

— פּליז, רייזל, וואָס איז מיט דיר?

— איך וויל נישט דו זאָלסט מיט איר רעדן, — האָט זי אויסגעשריגן.

— שטילער אַביסל, מענטשן וועלן הערן.

רייזל האָט פאַרביסן די ליפּן, בערעזין האָט ווייטער גערעדט אין טעלעפאָן.

— האללאָ!...

— — — — — — — — —

לאַנג וועלן מיר שוין דאָ נישט פאַרבלייבן... שבת אָדער זונטיק פאָר איך זוכן אַ דירה.

— — — — — — — — —

אַרום איז פול מיט מענטשן. עס איז שווער צו רעדן. מיין ווייב שטייט דערביי. זי לאָזט איך גריסן.

— — — — — — — — —

— אָלרייט. גודביי.

נאָך האַלבע נאַכט. אַלע שלאָפן. דאָ און דאָרט זענען צעוואָרפן איינצלנע פאַרלעך אין גאַס. אין פאָדערשטן צימער ברענט אַ קליין לעמפל. אין דער געדיכטער פינסטערניש פון דער ווערענדע, אונטער אַ פענסטער, זיצן רייזל און בערעזין.

— דו פאָרסט זוכן „רומס‟?

— עס איז שוין צייט. באַלד מוזן מיר זיך אומקערן אין שטאָט.

— דו האָסט דאָך גאָרנישט נישט געזאָגט וועגן דעם.

— וואָס איז געווען צו זאָגן, און אַליין ווייסטו נישט?

— איך וועל פאָרן.

— פאָר.

זיי זיצן און שווייגן. פלוצלונג האָט זי אויסגעשריגן:

— איך וועל פאָר זיך אַליין נעמען אַ רום.

— נעם.

— דיך וועט נישט אַרן?

בערעזין שווייגט.

— איך וואָלט דיך, איך ווייס נישט וואָס! — איז זי פלוצלונג אויסגעוואַקסן קעגן אים. אירע פויסטן פאַרהויבן איבער זיין קאָפּ. אָבער באַלד איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ שטול, אַזוי ווי דער אויסברוך וואָלט ביי איר צוגענומען איר גאַנצע ענערגיע.

— רייזל, רייזל.

רייזל האָט געוויינט.

— ווי עס ווייזט אויס, וועלן מיר טאַקע מוזן נעמען באַזונדערע צימערן. מען קען אַזוי נישט לעבן.

רייזל האָט זיך אָנגעכאַפּט:

— אָט, אָט דאָס ווילסטו דאָך טאַקע.

בערעזין, שטיל: — איך וויל דאָס נישט.

און נאָך אַ קורצן שווייגן:

— איך ווייס אַליין נישט וואָס איך וויל.

— דו האָסט ליב דאָס מיידל!?

— איך ווייס נישט, עס קען זיין.

— אָבער וואָס האָסטו געפונען אין איר?

— איך ווייס נישט.

— אָבער דאָס איז דאָך נישט קיין ענטפער.

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן?

— איך בין דאָך דיין ווייב?!

בערעזין האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט געהאַט וואָס. פרעמד האָבן אים געקלונגען די ווערטער „דיין ווייב", „דיין ווייב" — האָט ער זיך איינגעהערט אַזוי ווי אַ זייטיקער און אים וואָלט דאָס געפרעגט און געענטפערט:

— דיין ווייב? וואָס מיינט דאָס?

— ווען דו גייסט און נעמסט אַרויס „לייסענס", ווען דו גייסט צום רב און טוסט אָן אַ פינגערל, אָט דאָס מיינט דיין ווייב.

— וואָס דאַרף איך טאָן פאַר מיין ווייב?

— דו דארפסט פאר איר מאכן א לעבן און אלץ וואס איז מיט דעם פארבונדן. אויסגעפינען א דירה, די מעבל, צונעמען און איינלאדן געסט, גיין מיט איר אין די מוווים.

בערעזין האט נישט פארשטאנען, ווער האט דאס דא גערעדט. ער האט זיך אומגעקוקט אויף רייזלען, געמיינט, אז זי האט דאס גערעדט, אבער זי איז שוין נישט געווען. ער איז אראפ פון גאניק צום ים. און צום ערשטן מאל איז פאר אים ארויסגעשווומען זיין לעבן מיט רייזלען.

— איך קען זי דאך גארנישט, — האט ער זיך געוווּנדערט אויף דעם, וואס ער ווייס גארנישט פון איר פארגאנגענהייט. ער האט איר נישט געפרעגט. זי האט אים קיינמאל נישט דערציילט.

— פארוואס האב איך זי קיינמאל נישט געפרעגט? — האט ער זיך געוווּנדערט וועגן די פאר יארן לעבן מיט רייזלען.

דעם ערשטן מאל האט ער זיך מיט איר באקאנט, ווען זי איז געווען קראנק. זי איז אן איינזאמע געלעגן אין איר קליין צימערל. ער איז געווארן איר „קראנקן־שוועסטער". און אזוי זענען זיי געווארן גוטע פריינט. איינמאל א נאכט זענען זיי ביידע געגאנגען אין א מוּווי, פון מוּווי איז ער ארויף צו איר נאך א גלעזל טיי און איז פארבליבן ביז איינדערפרי. און פון דאן אן האט זי אים שטענדיק געמאכט א רעכענונג, אז לעבן אין צווייען וועט קאסטן ביליקער. — ביליקער — האט ער צו זיך געשמייכלט. אין איין צימער האט ער דערזען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן זיך מיט איר, אבער ער האט זיך געפרוווט צופאסן. ווי אלע פרויען, האט זי אים געוואלט איבערמאכן אויף איר שטייגער. און ווי אלע פרויען האט זי זיך נישט גערעכנט און נישט געוואלט רעכענען מיט זיינע יארן און מען האט זיך געקריגט. א שוידער איז אים איבערגעלאפן, ווען ער האט זיך דערמאנט אן איין נאכט, גייענדיק פון טעאטער. און איצט? — האט ער נישט באמערקט ווי ער דרייט זיך נעבן זייער שטוב.

בערעזין און רייזל וווינען אין ניו־יארק. זיי האבן זיך ארייגנעקליבן צו א באקאנטער, געצאלט 25 דאלאר א חודש מיט „קיטשען פריווילעדזשעס".

— שפעטער אביסל וועלן מיר נעמען צוויי רומס — האט זיך רייזל פארענטפערט, ווען בערעזין האט אנגעוויזן, אז די בעט פארנעמט דעם גאנצן צימער. — מיר האבן דאך איצט נישט פון וואס צו צאלן.

די גאנצע צייט האט זיך בערעזין נישט געזען מיט נעראן. ער איז געווען פארנומען מיט זוכן ארבעט. געגאנגען פון איין רעדאקציע אין דער צווייטער, אבער די ענטפערס זענען געווען: אין איינער — דער באלעבאס גיט נישט קיין געלט, אין א צווייטער, אז אומזיסט וועלן זיי נעמען, ווייל א שרייבער דארף זיך דאך חרוקן, און אין דער דריטער האט מען אים פארגעלייגט צו דריי דאלאר פאר א דערציילונג.

— גארנישט, — איז ער א טאג ארויף אין צימער, — מען וועט זיך דארפן לערנען אן ארבעט, פון דייגע פאר דאלאר א וואך קען מען נישט לעבן.

— וואס פאר אן ארבעט?

— איך ווייס, ווערן א שאפער, — האט בערעזין געענטפערט גלאט אין דער וועלט אריין, און ווען מען וואלט אים געפרעגט, פארוואס איז אים איינגעפאלן א שאפער, וואלט ער נישט געקענט ענטפערן.

— איך וויל נישט, דו זאלסט ווערן א באלעגאלע — האט רייזל פראטעסטירט קעגן דעם געדאנק ווענן א שאפער.

— א שאפער איז נישט קיין באלעגאלע.

— ווען איך וואלט וועלן אן ארבעטער, האב איך נישט געדארפט ווארטן אויף דיר! — האט זי אויסגעשריגן, ווי ער וואלט געווען שולדיק אין דעם, וואס זי האט פריער נישט חתונה געהאט.

נישט ווילנדיק האט ער זיך צעלאכט, אבער גלייך אפגעהאקט. פרעמד האט ער זיך פלוצים דערפילט צו רייזלען און צום צימער. ער האט אויף זיך אנגעטאן זיין מאנטל. רייזל האט אים פארהאלטן:

— וווהין גייסטו?

— אביסל אין גאס.

— דו וועסט נישט פארן מיט מיר „דאון טאון"?

בערעזין האט געשוויגן. רייזל האט זיך אנגעהויבן קלאגן:

— שטענדיק אליין. זינט מיר זענען געקומען אין ניו־יארק,

גיי איך אַלעמאָל אַליין. אַלע באַקאַנטע פרעגן זיך נאָך אויף דיר.

בערעזין איז אַרויס אין גאַס. די גאַסן און הייזער זענען געווען גלאַנציק און טונקל פון דער פייכטקייט, וואָס האָט געטריפט פון אויבן, ווי פון אַ געדיכטער זיפּ. מיט אַ פאַרהויבענעם קאָלנער פון דעם זומערדיקן מאַנטל איז ער געבליבן שטיין אין טיר. אונטן אין קעלער האָט מען זיך געקריגט.

— שוין צוויי טעג, אַז ער נעמט נישט צו מיין „גאַביטש" (מיסט) — האָט געשריגן אַ פרויען־קול. — איך וועל גיין צום „איידזשענט", איך וועל גיין אין קאָורט.

— ...קענסט די מיסט אַראָפּטראָגן אונטן, — האָט אַ גראָבער קול אָנגעהויבן די ווערטער מיט אַ זידל־וואָרט.

— פּאָלים! פּאָלים! — איז אַרויסגעלאָפן אַ גראָבע פרוי — ער האָט מיך באַליידיקט, ער האָט מיך געשלאָגן!

פון די פענסטער האָבן זיך אַרויסגערוקט פּנימער פון נייגעריקע פרויען. בערעזין איז אַוועק מיט דער גאַס.

— וואָס איז דאָרט? — האָט שעלמיש אַ ווונק געטאָן אַ לאָנדרי־מאַן, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּאַק שמוציקע וועש פון שטוב, — געכאַפּט איר מאַן מיט אַ באָרדערקע?

בערעזין האָט נישט געענטפערט. דער נאַסער דרויסן, די געשרייען פון דער פרוי, דער פרעכער ווונקען און ווערטער פון דעם מאַן, האָט זיך ביי אים צונויפגעבונדן מיט רייזלס קלאָגן זיך — שטענדיק גיי איך אַליין. אַלע באַקאַנטע פרעגן מיך אויף דיר.

— העי, מיסטער, אַ טיקעט — האָט אים אָפּגעשטעלט אַ שטימע. ער האָט נישט באַמערקט ווי ער שטייט ביים אַריינגאַנג אין סאָבוויי, אַכט בלאָק ווייט פון זיין שטוב, וווּ ער האָט געוווינט. ער האָט אין פלוג נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער טוט דאָ, ווייל ער האָט זיך אין ערגעץ נישט געקליבן פאָרן. ער האָט זיך אומגעקוקט און פון דער ווייטן, אין אַן אַפּטייק, האָט ער דערזען די קיילעכדיקע שילד. — דאָרט איז דאָ אַ טעלעפאָן־בוידל. — און אַזוי ווי דאָס וואָלט אים דערקלערט, וואָס ער טוט דאָ, איז ער אַריין אין טעלעפאָן־בוידל.

— האַללאָ, גערטאַ?

— — — — — — — — —

— איר ווייסט דאָך, מען קומט פון ים. מען דאַרף זיך איינ־אָרדענען.

— — — — — — — — —

— עסן מיר צוזאַמען היינט?

— — — — — — — — —

— איר וועט דאַרפן היינט צאָלן, איך בין אַ גרויסער קבצן.

— — — — — — — — —

— לאַכט נישט, נערא. עס ווייזט אויס, נישט ווייסנדיק אַליין האָב איך געטראַכט וועגן אייך די גאַנצע צייט.

— — — — — — — — —

— עס קען זיין, אַז פּרויד איז גערעכט. די אומבאַוווסטזיניקע הערשט איבער אונז. אַט היינט, מיט מיר. אַ מאָדנער געפיל האָט מיך געטריבן פון שטוב. איך האָב אַליין נישט געוווסט צו וואָס. ערשט, ווען איך האָב דערזען דעם סאַבוויי, האָב איך אייך אָפּגערופן.

— — — — — — — — —

— אין די בראָנקס.

— — — — — — — — —

— ניין, אין איין קליינעם צימערל.

— — — — — — — — —

— די גאַנצע צייט געווען פאַרנומען. געזוכט אַ דזשאָב. מען דאַרף מאַכן אַ לעבן.

— — — — — — — — —

— האַלב נאָך פינף?

— — — — — — — — —

— אָלרייט, איך וועל אייך אָפּוואַרטן אונטן.

— — — — — — — — —

— גוד באַי.

רייזל איז נאָך נישט געשלאָפן. זי האָט געוואַכט. מיט שטאַרע אויגן האָט זי אים אָנגעקוקט, ווען ער איז אַריין.

— פון לאָמפּ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, און אויסגעטאָן דעם מאַנטל.

— וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי, — האָט ער געפרעגט.

— מען טאָר שוין אויף דיר נישט קוקן?

ער האָט געשוויגן. האָפענונגסלאָז און שוואַך האָט געקלונגען די פראַגע, אַזוי ווי ביי אַ חולה, אויף וועמען מען וואַרט נישט ער זאָל געזונט ווערן.

— טו זיך אויס און לייג זיך שלאָפן, ס׳איז שוין שפעט — האָט זי זיך איינגעדרייט אין דער קאַלדרע.

— עס גייט נאָך סטים — האָט בערעזין אַ קוק געטאָן צום ראַדיאָאַפּאַראַט.

— אַזוי שפעט סטים — האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסטאָן.

— וואָס רעדט איך? — האָט ער זיך אַ האַלב־אויסגעטאָנענער אָנגעשפאַרט אָן טיש מיטן פנים צום וואַנט, וווּ עס זענען געהאַנגען בילדער, זיינע און רייזלס.

— איך האָב דאָ געוואַרט אויף דיר — הערט ער פון רייזלס בילד — איינע אַליין בין איך געזעסן און געוואַרט אויף דיר דעם גאַנצן אָוונט. איך בין דאָך דיין ווייב און איך וויל וויסן וואָס איז מיט דיר.

בערעזין האָט זיך נעענטער צוגעבויגן. אים ווייזט זיך אויס, אַז זיין בילד מאַכט מיט די ליפן, ענטפערט, אָבער ער ווייס נישט וואָס און רייזלס קאַרטע רעדט ווייטער:

— איך בין דיין ווייב פאַר גאָט און פאַר לייטן, און דו מוזט מיר אַלץ דערציילן. זינט דו האָסט באַגעגנט דאָס מיידל, ביזטו געוואָרן אַן אַנדערער. האָסטו ליב דאָס מיידל?

— איך ווייס נישט. — האָט זיך בערעזין געזעצט נעבן איר.

— עס קען נישט גיין אַזוי ווייטער — האָט ער געטרונקען די וואַסער פון אירע אויגן, — מיר קענען מער אַזוי נישט לעבן. איך וועל מוזן נעמען אַ צימער פאַר זיך.

— דו ווילסט פון מיר אַוועקגיין?

— ניין, איך וויל נישט אַוועקגיין פון דיר. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז אין צוויי קענען מיר נישט לעבן אין אַזאַ צימערל. איך מוז שרייבן. איך מוז זיין אַליין.

ער האָט זיך אויסגעטאָן און געלייגט נעבן איר. זי האָט זיך צוגעטוליעט.

— גיי נישט אוועק פון מיר. פון וואָס וועסטו צאָלן? וואָס וועל איך זאָגן פאַר מענטשן? פאַר מיינע פריינט?

— וואָס גייען אונז אָן מענטשן? מיר קענען נישט לעבן אַזוי ווי מיר לעבן איצט. מיר מוזן זיך אַרויסרייסן פון דער נויט.

רייזל האָט געוויינט.

— דעם גאַנצן לעבן געוויינט אין „פוירנישט רומס״, ביי פרעמדע. עס ווילט זיך מיר האָבן אַן אייגן ווינקל, אַן אייגן בענקל, נישט איך זאָל שטענדיק דאַרפן מורא האָבן פאַר דער „מיסיס״. קיינמאָל האָב איך נישט געקענט איינלאַדן אַ מענטשן צו זיך.

דער זיינער האָט געקלאַפּט האַלב נאָך צוויי. מיט אָפענע אויגן איז בערעזין געלעגן נעבן רייזלען. זי איז שוין געשלאָפן. ער האָט זי אָנגעקוקט און זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט איר דערציילט וועגן דעם צימער, און פון דער פּלוצלונגדיקער ליידנשאַפט פון דער פריערדיקער האַלבער שעה.

אַזוי ווי איינער וואָלט אים געפירט מיט אַ פעדער היינטערן אויער, האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט בעזאָגט ליגן.

— צו וואָס האָב איך איר געדאַרפט זאָגן אַ ליגן?

ער האָט געוואָלט אויפשטיין פון בעט. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי קומט ער צו ליגן מיט איר אין איין בעט. אין דער מינוט האָט ער פאַרגעסן, אַז זיי זענען מאַן און ווייב.

רייזל האָט זיך אַ קער געטאָן אין שלאָף. אויפגעעפנט אירע אויגן, אַ ווײַלע אים אָנגעקוקט, און דאָן זיך איינגעדרייט און ווייטער איינגעשלאָפן.

בערעזין האָט אַ צימער פאַר זיך. ער האָט זיך געפילט פריי. געשטיפט און געלאַכט צעשטעלנדיק זיינע זאַכן. אָבער גלייך האָט ער אָפּגעהאַקט:

— נישטאָ וואָס צו לאַכן. וואָס האָב איך געוואָלט טאָן? — האָט ער זיך פאַרטראַכט.

מיט ברייטע טריט, ווי אַ גולם, האָט ער געשפּרייזט איבער דעם קליינעם צימער און איינזאַמקייט האָט אים אַרומגענומען, אַן

איינזאמקייט אין וועלכער ער האָט זיך אַליין נישט געקענט אָפּ־געבן קיין רעכענונג.

— צוויי כּוחות פירן אַ שטענדיקע מלחמה צווישן זיך. דער מאַן און די פרוי. די מלחמה האָט נישט קיין אָנהויב און מען זעט נישט קיין סוף.

ער האָט זיך דערפילט אַזוי ווי ער וואָלט געשטאַנען איבער אַ טיפן אָפּגרונט, אין שלאָף, דאָס האַרץ פאַלט איין. ער וויל זיך אוועקרייסן, ער קען נישט. ער מוז שטיין און אָט־אָט פאַלט ער אַריין. ער האָט זיך געטראַכט:

— געלעבט מיט איינער, ליב אַ צווייטע. האָב איך זי דען נישט ליב געהאַט? און פאַרוואָס עפּעס איצטער נישט און פריער יאָ? און מיט וואָס זאָל מען מעסטן ליבע?

ער האָט פאַנאַנדערהגעפּאַקט זיינע ביכער און פּאַפּירן און זעענדיק אַ לענגלעך ביכעלע מיטן אויפשריפט „אַלע טאָג" האָט ער אים אָנגעהויבן בלעטערן. ער האָט געלייענט:

— היינט איז ביי מיר געווען סערע. וואָס איז זי געקומען? אויסרעדן זיך דאָס האַרץ אַביסל? די אייביקע געשיכטע. אַ באַ־לעבאַטישע מיידל. חתונה געהאַט, לעבט זייער גוט. קינדער נישטאָ. דער מאַן אַ גאַנצן טאָג אין געשעפט, ווייסט זי נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, אירע אייגענע ווערטער:

— איך האָב אים נישט ליב, איך האָב אים נישט פיינט. ער האָט מיך יאָ ליב. ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט, ווען ער דער־ווייסט זיך, אַז איך פיר אַ ליבע מיט אַ צווייטן, וואָלט ער זיך דער־הרגעט. געוויס פיר איך. ער באַפרידיקט מיך נישט. פאַרלאָזן אים? אי איך האָב נישט קיין האַרץ, אי ווו וועל איך קריגן אַזעלכע באַ־קוועמלעכקייטן און אַזאַ גוט לעבן. היינט די משפּחה? טו איך, וואָס עס מאַכט זיך.

אפשר איז זי גערעכט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דעם ביכל, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט די לייזונג, אָבער באַלד האָט ער ווייטער געלייענט.

„אַ דריי־ווינקל. דער קונץ פון לעבן באַשטייט אין אויס־מיידן דעם דריי־ווינקל."

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. די באַלעבאָסטע האָט אים אַריינגעטראָגן אַ בריוו.

זונטיק.

גערא זיצט אין בעט אָנגעטאָן אין קימאָנאָ. זי האָט אַליין נישט געוווּסט צו וואָס זי איז אַזוי פרי אויפגעשטאַנען. עפּעס האָט איר נישט געלאָזט שלאָפן. געוויינלעך ליגט זי זונטיק אין בעט ביז עלף־צוועלף אַ זייגער. זי האָט זיך געפילט ווי איינער נאָך אַ חלום, אָן וועלכן מען קען זיך נישט דערמאָנען, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס דוכט זיך, אַ קלענסטע אָנשטרענגונג און דער חלום וועט אַרויסשווימען פאַר די אויגן.

זיצנדיק אין בעט האָט גערא אַרויפגעצויגן די פאָרהענגלעך פון פענסטער. די צוויי־יאָריקע מיידעלע פון איר פאַרשטאָרבענער שוועסטער האָט געקלאַפּט אין טיר: „טאַנטי, אָפּענדאָר, אויפסטיי!”

די וואַנט, הארט נעבן איר פענסטער, האָט געוואָרפן אַ גראָען שיין. די פאַרשיידענע שפּילקאַסטנס און גראַמאָפאָנס האָבן צונויפגעמישט: „האָום סוויט האָום”, „עלעגי” פון מאַסענע, קארוזאָס אַ נעאַפּאָליטאַניש לידל, „די גרינע קוזינע” און „אלי, אלי”.

דאָס קינד האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין טיר:

— טאַנטי, אָפּנדאָר, אויפסטיין.

גערא הערט ווי די מוטער שרייט:

— בייבי, נאָו, קום, לאָז די טאַנטע שלאָפן.

מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט, — האָט גערא געמאַכט אַ רעכענונג, וואָס זי דאַרף היינט, זונטיק, טאָן.

— אויסוואַשן דעם קאָפּ. וועש, פאַרשפּאָרן דער מוטער אַן אַרבעט. און צו דעם, אַרום פינף אַ זייגער, האָט זי אַן איינלאַדונג צו קומען צו מרים. העמלין אויף טיי.

געראס צימער איז אויפן פערטן שטאָק. אַ גרויסע ווייסע בעט — דריי קענען אין איר שלאָפן, באַקוועם. אַ שוואַרץ טישל מיט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער־ביכער. אויף די ווענט — מאַרקס, דזשיאָקאָנדאַ און איר אייגן בילד מיט אַ צען יאָר יונגער.

פון אונטן — גערא האָט נישט געוווּסט פון וועלכן עטאַזש,— האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פון אַ קינד און פרויען־שטימע.

יידיש און ענגליש געמישט.

— טשארלי, נעם דאָס קינד.

— דעמ...! אפילו זונטיק האָט מען נישט קיין רו.

— דו ווילסט דאָך, מיר זאָלן היינט עסן אין דער היים.

א שטימע האָט געזונגען א פּאָפּולער ענגליש גאסן־לידל.

די פרויען־שטימע: מיר וועלן גיין אין א רעסטאָראַן, איך וועל נישט מאכן עסן.

דאָס קינד האָט זיך פארגאָסן אין געוויין.

— טשארלי, איי עם טעלינג יו, נעם דאָס קינד.

א גראָבער זידל־קול.

אַלע זונטיק אַזוי. גערא וויסט. די מוטער האָט איר דערציילט. דאָרט וווינט עפּעס אַ פּעדלער. צוויי יאָר נאָך דער חתונה, און זיי קריגן זיך שטענדיק. גערא האָט ארויסגעקוקט אונטן, אָבער זי האָט נאָר געזען אַ האַלב־טונקעלע גרוב פון אונטן און אַ שמאָלן פּאַס הימל פון אויבן.

גערא האָט געוואָרפן אַ בייזן קוק אויף דער וואַנט. צום ערשטן מאָל זינט זיי וווינען דאָ — און זיי וווינען דאָ שוין פיר יאָר — האָט איר די וואַנט פארשטעלט די ליכט און זי האָט דער־פילט אָט די מרה־שחורה, וואָס די וואַנט וואַרפט אין צימער. גערא האָט זיך נישט געלאָזט באַהערשן פון דעם געדאַנק. זי האָט געעפנט די טיר און ארײַנגעלאָזן דאָס קינד, וואָס האָט די גאַנצע צייט גע־קלאַפּט.

אומדערוואַרטעט פאַר איר אַליין האָבן זיך איר געשטעלט טרערן אין די אויגן.

דאָס קינד איז געווען דין און שמאָל ווי אַ פישעלע, אידע ווייכינקע ביינדעלעך און קליינינקער קערפּערל האָט זיך געוויקלט און געקלאַמערט אין געראַס אָרעמס. דער לענגלעכער, מילדער און צאַרטער פּנימל איז באַשיינט פון צוויי ליכטיקע בלאָע אייגעלעך, איבער וועלכע עס האָבן זיך געקרייזלט גאָלדענע לאָקן.

— מאַנטי, פּאָקי, — האָט זיך דאָס קינד געצויגן צו איר האַנט־בייטל. אָבער דערזעענדיק די טרערן האָט דאָס קינד אָנגע־הויבן בעטן:

— ווייַ, מאַמע, ווייַ.

דאָס קינד האָט זייער ליב געהאַט, אַז מען זאָל זיך מאַכן ווייַנען און זי זאָל דערנאָך קענען גלעטן און איבערבעטן.

געראַ האָט זי צוגעדריקט צו זיך. פֿון זיך אַליין האָבן זיך טרערן געגאָסן. געראַ האָט געפּרוּווט, אָבער נישט געקענט זי איינהאַלטן. זי האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס קינד און אַנגעהויבן צוקלייבן אין צימער און אין דער אייגענער צייט האָט איר געדריקט דער געדאַנק — וואָס וועט זיין מיט דעם קינד?

די אייביקע געשיכטע. מיט אַ צען יאָר צוריק געקומען אין אַמעריקע. דריי שוועסטער, אַ ברודער און די אַלטע מוטער. אַמעריקע איז אַמעריקע. מען דאַרף מאַכן אַ לעבן. די קינדער האָבן געאַרבעט און די מוטער האָט „געהאַלטן" די שטוב. דערנאָך זענען צוויי שוועסטער געשטאָרבן. די עלטערע האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד. די מוטער דערציט עס. דער איידעם, — אַן אַרבעטער, פֿון דער אייגענער שטאָט מיט זיי, גיט צושטייער ווען ער אַרבעט.

— אַ שווערע אַרבעט פֿאַר דער מוטער — האָט געראַ געטראַכט פֿאַרבעטנדיק איר בעט, און זי האָט זיך אַליין פֿאַרוווּנדערט — איך קען זי דאָך גאַרנישט.

אַ פֿרוי אין די עלטערע יאָרן. פֿון אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד, האָט זי דאָך קיינמאָל זיך נישט געמישט אין לעבן פֿון אירע קינדער, אַזוי ווי זי וואָלט פֿאַרשטאַנען, אַז זי וועט מיט זיי גאַרנישט מאַכן. „גרויסע עקשנים — אַ משפּחה־פּעלער". און די קינדער פֿון זייער זייט פֿלעגן שאַנעווען די מוטער אין וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.

געראַ דערמאָנט זיך, ווי זיי זענען איינמאָל געזעסן, זי, דער ברודער און אַ מיידל פֿון זייער שטאָט, וועלכע האָט דערציילט פֿון אירן אַ באַקאַנטן דאָקטאָר, אַ פֿאַרהייראַטן, אַז ער איז זיך צעגאַנגען מיט זיין פֿרוי. האָט זיך די מוטער אָנגערופֿן:

— ווי לאַנג לעבט ער שוין מיט זיין פֿרוי?

— צוועלף יאָר.

— איז די צווייטע אַ יונגערע?

— יאָ, עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

— וואָס דען, אַ מיידל... — האָט די מוטער אָפּגעהאַקט. זיי

האבן פארשטאנען, וואס די מוטער האט געוואלט זאגן, פארוואס זאל אן עלטערער מאן נישט וועלן האבן א יונגע מיידל. און זי, די פרוי, איז שולדיק אין דעם.

גערא האט צונויפגענומען אירע זאכן צום וואשן און האט זיך אלץ נישט געקענט אפווונדערן פון דער מוטער. אזוי ווי זי וואלט איר איצט צום ערשטן מאל הערזען.

ווען ריווקין האט אנגעהויבן אריינקומען צו זיי אין שטוב, פלעגט ער זיצן ביי גערען אין צימער ביז פארטאג, פארשלאסן, און די מוטער האט קיינמאל גארנישט געזאגט, נישט באמערקט, און איצט, ווען ריווקין איז אפגעפארן?

דער טעלעפאן האט געקלונגען. ווען זי האט גענומען די טרייבל האט זי גלייך דערקענט סערען, אירע א גוטע פריינדין און איר אפגעגעבן א פולן באריכט וועגן דעם גאנצן פרימארגן.

— זעסט זיך מיט בערעזינען?

— אנטשולדיק, די מאמע איז אריין. גוד ביי.

די מוטער: פארוואס גייסטו נישט עסן שוין באלד צוועלף אזייגער.

— וואס האסטו היינט?

די מוטער האט אויסגערעכנט. ווער האט עם אפגערופן?

— א באקאנטע.

און ביים עסן האט די מוטער געפרעגט:

— קינדער, ווער בלייבט פון אייך אין דער היים? היינט קומט צו אונז גיטל, משה און די קינדער.

— איך וועל נישט זיין אין דער היים — איז גערא אויפגעשטאנען פון טיש.

דער מוטערס פנים איז נאך מער צעקנייטשט געווארן.

— זיי ווילן דיך זייער זען, ווען זיי קומען ביזטו קיינמאל נישטא אינדערהיים.

מרס. העמלין וווינט אין גרינוויטש ווילעדזש. צוויי צימערן און א קיטשן. א קונסט־סטודיא, ווי זי האט עס גערופן. זי פארקויפט דארט פארשידענע „קינסטלערישע" זאכן צו די, וואס קומען

אַראָפּ פון „ריווערסייד דרייוו'' און „וואַשינגטאָן הייטס'', פאַר־זוכן דעם לעבן פון דער קינסטלערישער באָהעמיע.

ווען מען האָט געוואָלט ביי איר עפּעס קויפן, האָט מען פריער געדאַרפט מאַכן אַן „אַפּאָינטמענט'' און ביי דעם האָט זי געהאַט אַ געוווינהייט אויסצורעכענען, אַז זי איז זייער פאַרנומען מיט אירע לעקציעס אין אוניווערסיטעט, מיטן טעאַטער, מיט איר אַר־בעט אין ביבליאָטעק. וואָס־ווען — האָט קיינער נישט געוווּסט, איר מאַן האָט קיינער נישט געזען. גערא האָט זיך מיט איר באַ־קאַנט אויף אַ באַל, וואָס מען האָט געמאַכט פאַר די הונגעריקע רוסישע קינדער.

אין יענער צייט איז אַרויס די מאָדע אויף „באַטיק'', אַלע האָבן געטראָגן פאַרביקע קליידער מיט פאַרשידענע קוויטן אויס־געמאָלט. גערא האָט שוין לאַנג געוואָלט האָבן אַזאַ קלייד, נאָר פאַר אירע דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך האָט זי זיך נישט געקענט דאָס ערלויבן. עס האָט געקאָסט צו טייער. און דאָ, אויף דעם אָוונט האָט זי באַגעגנט אירע אַ באַקאַנטע, וואָס האָט געטראָגן אַזאַ קלייד און יענע האָט דאָס געקויפט ביי דער מרס. העמלין.

דער פאָדערשטער צימער פון מרס. העמלינס וווינונג איז גע־ווען האַלב־טונקל פון די גרינע פאָרהענגלעך מיט די רויטע עגיפּ־טישע פיגורן אויף זיי. אינמיטן אַ הויכער לאָמפּ — איבערגע־וואָרפן מיט זיידענעם באַטיק און צוזאַמען מיט דעם גרויסן קאַ־מין האָט דאָס געוואָרפן אַ מיסטישן שיין אויף די נידעריקע בענק־לעך און אָנגעוואָרפענע קישעלעך ביי די ווענט.

דער צווייטער צימער — אינגאַנצן אַ ווייסער, אַלץ ווייס. אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ האָספּיטאַל־צימער, אָדער דאָרט וואָלט געוווינט אַ יונגע מיידל, וואָס איז ערשט אַרויסגעשפּרונגען פון אַ ראָמאַן און וואַרט אַן אומשולדיקע אויף איר פּרינץ. קיין מעבל איז דאָרט נישט געווען, נאָר נידעריקע טערקישע דיוואַנעס און קישעלעך, קישעלעך און קישעלעך אָנגעוואָרפן ווו נאָר דאָס אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט. און אויף די ווענט — פאַרשידענע קליידער פון באַטיק, קליידער און שאַרפן, טיכלעך און טישטעכלעך.

מרס. העמלין מאַכט גאַנץ אָפּט טיי־אָוונטן. דאָס איז ביי איר אַן אַדווערטייזמענט־מיטל און צו דעם נוצט זי אויס די מיידלעך

פון די אַרבעטער־קרייזן, וועלכע נישט האָבנדיק אַליין קיין מעגלעכקייט צו קויפן אָט־די אַלע זאַכן, זענען שטענדיק צופרידן זיי אָנקוקן. און ביי אַזעלכע טיי־אָוונטן פלעגט שוין מרס. העמלין זען, אַז אין דער צייט זאָלן אַריינקומען אַ פּאָר פון אירע קונדן.

מרס. העמלין גרייט די טיי. זי האָט געוווּסט, אַז אַ חוץ „שטימונג", גרינוויטש ווילעדזש שטימונג, דאַרף מען דאָ גאָ־נישט האָבן, און שטימונג האָט זי געזען געבן וואָס מערער. נישט קוקנדיק, וואָס אויפן גאַס איז נאָך געווען אַ האַלבער טאָג, האָט זי אַראָפּגעלאָזן די פאָרהאַנגען און האָט אָנגעהויבן אויספּרוּוון, וואָס פאַר אַ לאָמפּ זאָל מען לאָזן ברענען, אָט דעם מיט דעם ווייסן שיין אָדער אָט דעם טונקעלן אינמיטן שטוב. זי האָט צעלייגט אַ פייער אין קאַמין און אַרום אים אָנגעוואָרפן קישעלעך. און אום צו מאַכן נאָך מערער שטימונג, האָט זי אירע האָר איבערגעבונדן מיט אַ העל־רויטן טיכל און אויף זיך אָנגעוואָרפן אַ לאַנגע קלייד אין בונטע קאָלירן. לאַנגע בלאָע אויערינגלעך און גרויסע, ווייסע בראַסלעטן אויף די הענט. אַרום פייער אַ קליין טישעלע מיט פּאַפּיראָסן מיט לאַנגע מונדשטוקן פון פאַרשידנפאַרביקן גלאָז, וואָס מען קען קריגן אין די צען־סענט־געשעפטן. אויך קאַווע־שעלכעלעך. די מיידלעך זענען אַריינגעקומען אַלע מיטאַמאָל און עס איז געוואָרן אַ קושעריי מיט התפעלותדיקע אויסגעשרייען:

— וווּנדערלעך!

— עס איז עכט קינסטלעריש! — איז מען טיף אַריינגעפאַלן אין די קישעלעך ביים פייער. מען האָט פאַררויכערט פּאַפּיראָסן און מרס. העמלין האָט דערלאַנגט קאַווע.

— ווו האָט איר געקריגן די פּאַפּיראָסן־האַלטערס? — האָט די טונקעלע רוזשע געפרעגט, פרייענדיק זיך ווי אַ קינד.

אָבער דאָ האָט געקלונגען דער טעלעפאָן און די מיידלעך האָבן געהערט ווי זי ענטפערט:

— יאָ, קומט גלייך אַרויף. יעס, איך האָב זייער פיינע זאַכן. יעס, איר וועט איצט טרעפן זייער אַן אינטערעסאַנטע געזעלשאַפט. קומט אַרויף, קומט אַרויף. ווו איז אייער מאַשין? דאָס וועט אייך נעמען אַ פּאָר מינוט — — — יעס, יעס. ברענגט זיי, איך וועט זיין זייער אינטערעסאַנט. איר וועט זיך זייער פיין אַמוזירן.

— עס דאַרף נאָך ווער קומען? — האָט גערהאַ געפרעגט.

— איך ווייס נישט, — האָט רוזשע געענטפערט.

דער טעלעפאָן־געשפּרעך האָט געשאַפן אַ מאָדנע, אָנגעצווי־גענע שטימונג צווישן די מיידלעך. מרס. העמלין האָט דאָס גלייך באַמערקט און זיי געמונטערט:

— מיינע באַקאַנטע האָבן מיך אָפּגערופן. זיי ווילן אַרויפקו־מען אָנקוקן די סטודיאָ. זיי זענען זייער פיינע מענטשן. ווילט איר אָנקוקן מיינע נייע זאַכן? — האָט זי זיי פאַרבעטן אין דעם צווייטן צימער.

—מעסט אָן די קליידל, רוזשע — צו אייער טונקעלן פּנים וועט דאָס זייער פּאַסן — האָט מרס. העמלין איר אונטערגעטראָגן אַ רויטע, אויסגענייטע אין דאָרפישן סטיל, רוסישע קליידל.

— איר ווייסט וואָס, מיידלעך — האָט זי זיך אַזוי ווי דער־מאָנט, — לאָמיר מאַכן אַ קליינעם מאַסקאַראַד. און זי האָט יעדע־רער פון די מיידלעך אונטערגעטראָגן זאַכן צום אָנטאָן.

מיט פרייליכע אויסגעשרייען האָבן זיך די מיידלעך אָנגעה־הויבן איבערטאָן. און שטיפנדיק איז מען אַריינגעלאָפן אין דעם ערשטן צימער צוריק צום פייער.

— איר זעט אויס, ווי איר וואָלט אַראָפּגעגאַנגען פון באַקסטס אַ צייכענונג, וואָס איך האָב ערשט נעכטן געזען אויף אַן אויס־שטעלונג אויף דער פינפטער עוועניו — האָט זיך מרס. העמלין געוווּנדערט איבער רוזשען.

די מיידלעך האָבן אונטערגעהאָלפן אין פאַרגלייכונגען. אין דער צייט האָט זיך דערהערט דער גערויש פון אַ מאַשין אין דרויסן.

— מיינע געסט, — איז מרס. העמלין צוגעלאָפן צום פענס־טער, און גלייך געעפנט די טיר. — קומט אַריין, קומט אַריין.

עס זענען אַריין דריי גראָבע פרויען און צוויי מענער. די מיידלעך זענען שטיל געוואָרן.

מרס. העמלין האָט זיי אָנגעהויבן באַקאַנען און דערציילן, ווי יעדע אַרבעט, מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי די מיידלעך וואָלטן געווען די וויכטיקסטע מענטשן אין גאַנץ אַמעריקע. — און דאָס זענען

מיינע פריינט פון ריווערסייד דרייוו, — האָט זי זיי פאָרגעשטעלט פאַר די מיידלעך.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיך די פריינט פון ריווערסייד דרייוו געפילט נישט זייער גוט אין דער דאָזיקער הויכער געזעלשאַפט.

די מיידלעך האָבן געשוויגן און איינציקווייז זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן און אויסטאָן זייערע קליידער. מרס. העמלין האָט אַריינ־גערופן די געסט אין צווייטן צימער און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי פון דאָרט אַרויסגעקומען מיט גרויסע פּעק אונטער די אָרעמס, און ווען די מיידלעך האָבן געוואָלט פאַר זיך אויסקלייבן אַ פּאָר פון די זאַכן, וואָס זיי האָבן פריער געטראָגן, האָבן זיי שוין גאָרנישט געפונען.

ווען געראַ איז געגאַנגען פון מרס. העמלין האָט זי זיך גע־פילט, אַזוי ווי זי וואָלט ערשט אַראָפּגעגאַנגען פון אַ שווי־פענס־טער, ווו זי איז אויסגעשטעלט געוואָרן פון אַ געניטן און דורכגע־טריבענעם סוחר צו לויבן זיין סחורה. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי באַוווּנדערט מרס. העמלינס פעאיקייט אויסצונוצן מענטשן פאַר אירע צוועקן.

אין דער היים זענען שוין אַלע געשלאָפן. אויפן טיש האָט זי געפונען אַ בריוו פון ריוווקינען. ער האָט געשריבן, אַז ער פילט זיך זייער איינזאַם און בענקט נאָך איר. ער האָפט, אַז זיי וועלן זיך אינגיכן קענען זען. וואָס ער האָט געמיינט מיט דעם האָט זי אין פלוג נישט באַגריפן, אָבער גלייך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט, זי זאָל קומען צו אים און דאָס האָט ביי איר צוגענומען איר שלאָף און פאַרשאַרפט די אומצופרידנקייט.

— וואָס זאָל איך אים ענטפערן? — האָט זי זיך געפרווט אַריינטראַכטן אין דער געשאַפענער לאַגע.

זי האָט אים ליב, ווען דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן. און איר טוט ווי דאָס האַרץ, וואָס ער האָט געמוזט אוועקפאָרן. אָבער זי האָט אויך ליב בערעזינען. ווען זי קאָן זיי ביידע פאַראייניקן, אַזוי, אַז אַלע דריי זאָלן קענען לעבן צוזאַמען, אַ מין דריי־ווינקל, ווי גוט דאָס וואָלט געווען.

אָבער דערטראַכטן ביזן סוף האָט זי נישט געקענט, דאָס קינד

האָט זיך פּלוצלונג צעוויינט. די מוטער האָט זי נישט געקענט איינ־שטילן, און גערא איז אַריין העלפן דער מוטער. אָבער דאָס קינד האָט נישט געוואָלט שטיל ווערן. זי איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין. ערשט פאַרטאָג איז דאָס קינד איינגעשלאָפן און גערא איז געבליבן זיצן ביי דער מוטערס בעט.

גערא האָט געקוקט אויף דער מוטער, אויף איר אַלטן פּנים, אויף אירע איינגעהאַלטענע קרעכצן און שטילע טרערן און זי האָט נישט געוווסט מיט וואָס איר גרינגער צו מאַכן. זי האָט געוווסט, אַז דער מוטער איז זייער שווער, אָבער זי האָט נישט געוווסט מיט וואָס איר צו העלפן.

— דו האָסט געדאַרפט נעמען אַ פרוי צום קינד.

די מוטער האָט געשוויגן, און גערא האָט ווייטער גערעדט:

— נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען מען קען זי ערגעץ אָפּ־געבן. עס זענען דאָ אַזעלכע ערטער.

אַזוי ווי זי וואָלט דערפילט אַ געפאַר, האָט זיך די מוטער אי־בערגעבויגן איבער דעם קינדס וויגעלע, אַרומגעאַפּנדיק זי מיט ביי־דע הענט. גערא האָט פאַרשטאַנען דעם שטומען ענטפער. ווי די מוטער וואָלט געזאָגט:

— וועמען האָב איך אַ חוץ איר, און וואָס וועט פון איר ווערן אין פרעמדע הענט?

געראס קאַלטער שכל האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז סיי פאַר דעם קינד און סיי פאַר דער מוטער וואָלט געווען בעסער, ווען דאָס קינד וואָלט געווען אין אַ פּאַנסיאָן. ווייל וואָס וועט זיין, ווען די מוטער וועט קראַנק ווערן? זי איז דאָך אַן עלטערע פרוי, נאָר זי האָט געשוויגן. דער מוטער האָט זי גאָרנישט געזאָגט. דאָס קינד איז ביי דער מוטער די איינציקע טרייסט. פון צוויי טעכטער נאָר דאָס איינע קינד געבליבן.

— וואָס שרייבט ריוווקין? — הערט זי די מוטער פרעגן.

גערא האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. קיינמאָל האָט די מו־טער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט ריוווקינען. זי האָט דאָס טאַ־קע נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווייל די מוטער האָט זייער געהאַלטן פון ריוווקינען. גערא האָט פאַרזיכטיק געענטפערט.

— ער שרייבט, אַז ער וועט זיך איינאָרדענען.

די מוטער נאָך אַ קורצן שווייגן:

— בערעזינס פרוי איז אין ניו־יאָרק?

— יאָ.

— זיי לעבן באַזונדער?

גערא האָט זיך איינגעקוקט אין דער מוטער, אָבער יענע איז געווען פאַרטאָן מיט דער וויגעלע.

— דו ווייסט דאָך, שרייבער לעבן אַנדערש, מאָדערנע מענטשן, — האָט זי נישט געוווסט, וואָס זי רעדט, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז די מוטער פאַרדעכטיקט אירע באַציאונגען צו ריווקינען און בערעזינען. די מוטער האָט שווער אָפּגעזיפצט.

און אויף מאָרגן, אין אָפיס, האָט זי זיך געפילט אַזוי ווי זי וואָלט אין געפּאַקטן סאָבוויי אָנגעטראָטן אימיצן אויפן פוס, און יענער אַנטשולדיקט זיך פאַר איר און אין דער אייגענער צייט אין האַרצן שיקט ער זי צו אַלדי שוואַרצע יאָר. זי האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז עס זאָל ווערן פינף אַזייגער.

ארויסגייענדיק פון אָפיס איז זי געבליבן שטיין אין גאַס. דער מוטערס פרעגן וועגן ריווקינען און בערעזינען האָט זיך ביי איר צונויפגעמישט מיט מרס. העמלינס טיי און ריווקינס בריוו.

— וואָס שטייסטו דאָ, וואַרטסט אויף וועמען? — איז צו איר צוגעקומען איר פריינדין סערע, וואָס אַרבעט אויך אין דער זעלבער געביידע מיט געראָן.

— עס ווילט זיך מיר נישט גיין אַהיים, — איז גערא געווען צופרידן מיט סערען. סערע האָט זי אָנגעקוקט, אָבער גאָרנישט געזאָגט.

גערא און סערע זענען געווען אין דעם זעלבן עלטער. אַלטע גוטע פריינט, ווי מיידלעך קאָנען זיין. סערע איז געווען פון יענע מיידלעך, וואָס האָבן געגומען דאָס לעבן אָן צופיל פאַנטאַזיעס. פון די אַלטע בונדיסטישע צייטן איז ביי איר געבליבן אי אביסל אידעאַליזם, אי אביסל אינערלעכע פריקייט, און ווי זי פלעגט אַליין לאַכן, האָט זי זיך אין אַמעריקע דערוווסט, אַז מענטשן האָבן זיך ליב און קריגן זיך, און מענטשן האָבן זיך נישט ליב

און קריגן זיך אויך; אז ליבע איז זיצן אין פּארק, דריקן די הענט און קרעכצן אויף דער לבנה...

זי האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון פרוידס לערע, אַז דער געשלעכט איז אַלץ, כאָטש זיינע ביכער האָט זי נישט געלעזן — צו גראָבע ביכער. און אַליין האָט זי שטענדיק פאַרגעוואָרפן געראַן:

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי דו פאַרליבסט זיך אין אַן עלטערן פון זיך. איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט.

מיט דער לענג פון גאַס איז זי געגאַנגען מיט געראַן און האָט צו איר פריילעך געלאַכט און דערציילט:

— אַ נייער פלירט, געראַ. עס איז אַזוי קאָמיש אָנצוקוקן די מענער. מיר האָבן געשפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט, ער האָט מיך באַגלייט אַהיים. און דו האָסט געדאַרפט זען, ווי ער האָט זיך געפּלייסט צו מאַכן אויף מיר אַן איינדרוק.

געראַ האָט זיך איינגעהערט און געטראַכט:

— צו וואָס גייען זיי בײדע. צי קאָן מען דערציילן, וואָס מען פילט, ווען זיך אַליין איז שווער אָפּצוגעבן אַ רעכענונג.

סערע איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. געראַס שווייגן האָט זי איינגעשטילט און איינגיכן האָבן זיי זיך געזעגנט. ווען געראַ איז געקומען אַהיים האָט זי געפונען אַ קליין בריוול פון בערעזינען — מאָרגן נאָך דער אַרבעט וועט ער זי אָפּוואַרטן.

— פאַרוואָס האָט איר מיך נישט אָפּגערופן די גאַנצע צייט? — האָט אים געראַ פאַרגעוואָרפן.

— איך בין געווען פאַרנומען. אי מיטן איינאָרדנען זיך, אי מיט זוכן אַרבעט.

— איר האָט דאָך געקאָנט אָפּרופן אין אָפיס?

— איר ווייסט דאָך, איך האָב נישט ליב צו רופן אין אָפיס.

— איך וועל אָנרופן אַהיים, אַז מען זאָל אויף מיר נישט וואַרטן, — איז זי אַריין אין טעלעפאָן-בײדל פון אַן אַפּטייק, וואָס זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען.

— וואָס האָט איר געטאָן די גאַנצע צייט? — זענען זיי ווייטער געגאַנגען.

— געזוכט ארבעט, — און צוגעגעבן, — נישט דעם ערשטן מאָל, אַז איר פּײַניגט מיך. — און ווײַטער:

— איך ווייסט, געראַ, איך האָב איצט אַ צימער פאַר זיך, איר וועט קומען?

— און אייער פרוי?

בערעזין האָט געשוויגן.

זי האָט איבערגעפרעגט:

— וואָס זאָגט אייער פרוי?

— גאָרנישט. זי ווייסט אפילו נישט מיין אַדרעס. זי ווייסט, אַז איך האָב אייך ליב. אפילו ווען איך האָב זיך איבערגעקליבן, האָב איך איר געזאָגט אַ ליגן.

— אַ ליגן?

— אַ ליגן. איך האָב איר געזאָגט, אַז צוליב מיין שרייבן מוז איך האָבן אַ באַזונדער צימער. — און נאָך אַ קורצן שווייגן: — דאָס איינציקע, וואָס עס ווילט זיך מיר, איז פאַרזאָרגן זי עקאָנאָ־מיש.

געראַ האָט אים אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, דאָך האָט זי אים מער נישט איבערגעפרעגט. זי האָט אים פאַרשטאַנען. און וועלנ־דיק איבעררייסן די שווערע שטילקייט, האָט זי אים ווייטער גע־פרעגט, וואָס זי האָט אים שוין נישט איינמאָל געפרעגט:

— איז אַזוי שווער צו קריגן אַרבעט אין אַ צייטונג?

ער האָט נישט געענטפערט. זי — ווייטער:

— איר מוזט זיך אויסלערנען ענגליש. ווי אַזוי קאָן דאָס נישט אַ מענטש די שפּראַך פון לאַנד? און איר זענט דאָך נישט דאָס ערשטע יאָר אין אַמעריקע.

בערעזין האָט געשוויגן. ער האָט געטראַכט וועגן אירע ווער־טער. ער ווייסט, אַז זי איז גערעכט און דאָס האָט אין אים אויפ־געוועקט אַ מאָדנעם געפיל, וואָס האָט אים זייער באַאומרואיקט און האָט אים געמאַכט פילן, ווי ער וואָלט געווען אַן איבעריקער אויף דער וועלט. ער טויג צו גאָרנישט.

אַט איצט, גייענדיק מיט געראַן, האָט ער צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן מאַכן אַ לעבן אין פּולן זײַנען פון וואָרט. ביז

איצט האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם. עס וועט קו־מען, — און וויפל דאַרף ער?

מען קאָן נישט טראַכטן וועגן ליבע, ווען מען איז הונגעריק.

ער איז געגאַנגען נעבן גערשאָן און אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר איר און אין דער זעלבער צייט אָפּגעגעבן זיך רעכנונג, האָט ער שטיל גערעדט:

— מען מוז זיך אויסלערנען ענגליש, אָבער...

— איר זענט שוין צו אַלט?

— ניין, נישט דאָס. עפּעס אַנדערש, וואָס איך וויל זיך אַליין דערקלערן. פון אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד, וואָס פאַר אַ בילדונג האָב איך באַקומען. די עלעמענטאַרסטע. און אַז מיר קומען יונגער־הייט אין אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע, פּאַסן מיר זיך גלייך צו. אָבער אַזאַ מענטש ווי איך — שטענדיק געוואַנדערט און וואַנדערנדיק קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן לערנען זיך. ווען אַזאַ מענטש ווי איך פאַלט אַריין אין דער גרויסער וועלט און פּרעטענדירט נאָך צו זיין אַ שרייבער, און האָט דערזען, ווי אָפּגעשטאַנען ער איז, האָט ער געמוזט אָנהייבן.

גערשאָן האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט נישט געלאָזן און ווייטער גערעדט:

— מאַכן אַ לעבן! אַ מאָדנע לאַנד איז אַמעריקע און מאָדנע מיטוואָכן האָט זי. ווען כאָטש איין מיטוואָך ווערט וויניקער אין אַ וואָך, ווי גליקלעך איך וואָלט געווען. מיין באַלעבאָסטע זעט מיך נישט דינסטיק, מאָנטיק, אָדער וואָס פאַר אַ טאָג אין וואָך, אַ חוץ מיטוואָך, איך עקזיסטיר נישט פאַר איר. איך בין פאַר איר אַ ליי־דיקער אָרט. אָבער מיטוואָך איז שוין גאָר אַנדערש.

אַכט אַזייגער אין דער פרי. מען קלאַפּט אין טיר מען פרעגט זיך נאָך אויף מיין געזונט, ווי איך האָב געשלאָפן און ווי פיל איך זיך, אַזוי ווי די אָרימע פרוי וואָלט זיך קוים דערוואַרט צו וויסן, וואָס איך מאַך. זי האָט פּשוט נישט געקאָנט שלאָפן, און געוויינט־לעך האָט זי מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל איר נישט געבן קיין נערוו־סע געלטער, ווייל זי האָט נישט וואו צו בייטן... און מיט וואָס זאָל אַזאַ מענטש ווי איך דעקן דעם מיטוואָך? נישט קיין אַרבעטער, נישט קיין פּראָפעסיע. שרייבן? דער אָנבאָט איז גרעסער פון דער

נאָכפראַגע, און דאָ קומט יעדע וואָך אַ מיטוואָך, און דער צווייטער און דריטער מיטוואָך.

— פיל מאָל ווייזט זיך מיר, אַז איך בין אַן איבעריקער אויף דער וועלט.

— און אַז מען געפינט נישט אַזוי גיך קיין אַרבעט, דאַרף מען שוין זיין פאַרצווייפלט? — האָט זי אים פאַרגעוואָרפן.

— עס איז נישט דאָס, נעראַ.

— וואָס איז נישט דאָס?

בערעזין האָט נישט געענטפערט. אָט דער „נישט דאָס" האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פון מויל, נישט טראַכטנדיק. און איצט, ווען זי האָט איבערגעפרעגט, האָט ער נישט געוווסט, וואָס צו ענט־פערן.

— וואָס איז נישט דאָס? — האָט זי ווייטער איבערגעפרעגט, און בערעזין האָט אָפנהערציק דערקלערט:

— דער אמת איז, אַז איך ווייס אַליין נישט. עס האָט זיך אַרויסגעריסן. — און צוגעגעבן: — די לעצטע צייטן קומען צו מיר אַזעלכע געדאַנקען, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט. איבערהויפט, ווען איך גיי מיט אייך.

נעראַ האָט געוואָלט אים באַרואיקן. זי האָט פאַרשטאַנען זיין געמישט געפיל, די זאָרג פאַר דער פרוי, נישט האָבנדיק קיין אַר־בעט. זי האָט אים געוואָלט צעשטרייען און געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס, קומט, ווייזט מיר אייער צימער.

נעראַ איז ביי בערעזינען אין צימער. זיי האָבן געפייערט זיין אַריינקליבן זיך אין דער נייער דירה. זיי האָבן געמאַכט אַ ווע־טשערע. נעראַ האָט געראַטן צו קויפן אַ פּאָר זאַכן דער צימער זאָל אויסזען אָנגענעמער. אָבער זי האָט גלייך אָפּגעהאַקט זעענדיק דעם טונקעלן שאָטן אויף זיין געזיכט. זי האָט אים צאַרט געגלעט:

— אַנטשולדיק מיר, ליבער.

בערעזין האָט זי אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס.

— ווען איר ווייסט, ווי איך האָב געבענקט נאָך אייך און וואָס פאַר אַ יום־טוב ס'איז אייער זיין דאָ.

זי האָט אים צוריקגעקושט.

— מען דאַרף נישט, ליבער. מען וועט נאָך אַריינגיין.

— האָב נישט קיין מורא.

— ווען איר האָט אַ באַזונדערן אַפּאַרטמענט, ווי גוט עס וואָלט געווען, — אָבער זי האָט אָפּגעהאַקט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים ווייטער ווי געטאָן ביי זיינע איצטיקע אומשטענדן. זי איז צו אים צוגעפאַלן. און שפּעטער, ווען זיי זענען ביידע געלעגן געאָרעמט, האָט זי אים געבעטן:

— מען דאַרף נישט, טייערער. מיר מוזן זיין מענטשן. מיר קאָנען נישט לעבן, ווי חיות. איר ווייסט דאָך מיין לאַגע.

ער האָט ברוטאַל פאַרגעוואָרפן:

— איר האָט דאָך געלעבט מיט אים.

זי האָט רואיק געענטפערט:

— מיר האָבן נישט געלעבט. איך ווייס נישט, ווי אַזוי איך זאָל דאָס אויסדריקן אין יידיש, — האָט זי אָנגעהויבן דערציילן, ווי נישט נאָרמאַל זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן איינער צום צווייטן. — מען מוז זיך רעכענען מיט די אומשטענדן און צו דעם האָב איך אַזוי מורא געהאַט.

— איר האָט דאָך געקאָנט קראַנק ווערן פון דעם.

זי האָט געשוויגן.

זיי זענען געווען דערשעפּט פון דער נישט אָנגעזעטיקטער ליידנשאַפט. אין צימער איז געווען היים, פון הינטערן וואַנט אין צווייטן צימער האָבן זיך דערהערט שטימען.

— מען וועט נאָך אַריינגיין, — האָט זיך געראַ ווידער דערשראָקן.

— קיינער וועט נישט אַריינקומען, — האָט ער זי ווידער באַרואיקט.

— דער זייגער איז האַלב נאָך צוועלף.

— מען דאַרף גיין, עס איז שוין שפּעט, — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, און געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָט זי אים איינגערוימט:

— ווען וועט איר שוין זיין פריי?

ווען בערעזין האָט זיך אומגעקערט פון סאָבוויי, באַגלייטנ־

דיק געראַן, האָט ער אָנגעטראָפן רייזלען אַראָפּקומענדיק פון עלע־ווייטאָר. זי האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— מיר לעבן ווי עכט מאָדערנע מענטשן, באַזונדער.

און צוגעגעבן:

— אפילו מיר לעבן איצט באַזונדער, אָבער אָפּרופן האָסטו דאָך מיך געקאָנט.

בערעזין האָט נישט געפונען, וואָס צו ענטפערן. ער האָט געשטאַמלט:

— געווען פאַרנומען, געזוכט אַרבעט. איינגעאָרדנט דעם צימער.

— דו האָסט געלט?

— ניין, איך וועל זיך באַגיין.

— דו וועסט גיין מיט מיר?

און ווייטער:

— דו האָסט דאָך אפילו מיר נישט געזאָגט, וווּ איז דיין צימער.

בערעזין איז געגאַנגען מיט רייזלען און געשוויגן. ער האָט קיין מוט נישט געהאַט צו דערציילן אַלץ, וואָס ער לעבט איבער. ער איז אַרויף צו איר אין צימער.

— דו בלייבסט דאָ שלאָפן? — האָט רייזל אי געבעטן, אי ווי באַפוילן, און האָט זיך אָנגעהויבן אויסטאָן.

בערעזין האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. דאָך, אונטער איר צודרינגלעכן בליק האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן לאַנגזאַם אויסטאָן. רייזל האָט נאָכגעפאָלגט זיין מינדסטע באַוועגונג און ווי עס האָט אויסגעזען, האָט זי דערפילט, וואָס ער טראַכט. זי האָט מיט ווייַ אויסגערעדט:

— דו מאַכסט אויף מיר דעם איינדרוק, אַזוי ווי איך בין אַ פרוי פון גאַס, וואָס האָט דיך פאַרשלעפּט צו זיך.

בערעזין האָט דערפילט, אַזוי ווי מען וואָלט אים אויסגע־פּאַטשט. האַלב אויסגעטאָנערהייט איז ער צוגעקומען און אַרומ־גענומען רייזלען, מורמלענדיק מיט געבעט:

— רייזל, רייזל.

זי האָט געוויינט.

— איך ווייס נישט, וואָס עס האַלט מיך איין, איך זאָל דיך נישט אַרויסטרייבן פון דאַנען.

בערעזין האָט געשוויגן אַ שולדיקער. רייזל האָט פּלוצלינג פאַרבראָכן מיט אירע הענט:

— גאָט מיינער, וואָס האָט געטראָפן, וואָס קומט דאָ פאָר?

מיט אַן איבערגעטריבענער צערטלעכקייט האָט זי בערעזין געפּרוווט איינשטילן, באַרואיקן. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן.

— דו טראַכסט דאָך איצט וועגן אַ צווייטער.

בערעזין האָט געוואָלט אָפּלייקענען, אָזאַ מיטלייד האָט ער איצט געהאַט מיט רייזלען. נאָר דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אין געראַס ווערטער: „ווען וועט איר שוין זיין פריי?" — ער איז געוואָרן קאַלט און אַפּהעטיש, ער האָט זי נישט געקאָנט מער צערטלען און איינשטילן. ער איז אויפגעשטאַנען און אַ פאַרטראַכטער געשפּאַצירט איבערן קליינעם צימערל. און ווען מען וואָלט אים געפרעגט, וועגן וואָס ער טראַכט, וואָלט ער נישט געקאָנט ענט־פערן. אַזאַ מיש־מאַש איז ביי אים געווען.

פון דעם צווייטן צימער, פון הינטערן וואַנט, וווּ עס ווינט דאָס פאָרפאָלק, ביי וועמען רייזל דינגט דעם צימער, האָט זיך דער־הערט אַ שאַרפער איבעררעדן זיך. מען האָט זיך געקריגט.

ווי באַאיינפלוסט פון זייער קריגן זיך, האָט זיך בערעזין גע־זעצט נעבן רייזלען.

— רייזל, איז דען מעגלעך אַזוי צו לעבן?

מיטן פרימאָרגן איז ער אוועקגעגאַנגען. עס איז געבליבן ווי פריער. ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט. זי פון איר זייט האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין. זיי זענען געבליבן מאַן און ווייב. דאָס ערשטע, וואָס בערעזין האָט געטאָן, ווען ער איז געקומען צו זיך, איז גע־מען אַ הייסע וואַנע.

בערעזינען איז שלעכט. ער אַרבעט נאָך נישט. פון זיין שרייבן מאַכט ער גאָרנישט. אים איז נאָך ערגער, וואָס גערא ווייס עס און האָט אים פאַרגעלייגט לייען אַ ביסל געלט און היינט האָט זי אים אָפּגערופן. זי קומט אים נעמען צו אַ באַל. זי האָט בילעטן.

— ווו נעמט מען געלט?

האָט ער באַשלאָסן פּרווון גליק אין אַ פּאָר רעדאַקציעס, טאָמער וועט זיך אים איינגעבן דאָך צו פאַרקויפן אַ פּאָר קליינע דערציילונגען.

— גוט מאָרגן, — האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ רעדאַקטאָר, וואָס האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין, — איך בין צו אייך געקומען און איר מוזט מיר העלפן.

— ?

— איך מוז האָבן אַ פּאָר דאָלאַר. נעמט ביי מיר אַ פּאָר קליינע זאַכן.

— מיר זענען פאַרוואָרפן מיט קליינע דערציילונגען. איך דאַרף איצט נישט.

— אָבער, איך בעט אייך, טוט מיר די טובה.

יענער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— גוט, גיט מיר איינע, — און שרייבנדיק דעם צעטעלע אין קאַסע, האָט ער דערציילט:

— אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד האָב איך באַקומען בריוו פון אַ בחור אין דער פּראָווינץ. צום דרוקן. האָט עס געטויגט אויף קלאָג. און געבעטן איז דער בחור אַריינגעקומען, איך זאָל אים העלפן. זיין ווייב איז געלעגן געוואָרן. ער האָט זי געבראַכט אין האָספּיטאַל און ער האָט נישט מיט וואָס צו פאָרן צוריק. ער וויל גאָר אויף אַ בילעט, און ער האָט מיר געבראַכט אַ פּאַק מיט אָנגעשריבענע זאַכן.

ביי בערעזינען האָט געפלאַמט דאָס פּנים. אים האָט זיך געוואָלט אַ שליידער טאָן צוריק דאָס צעטעלע און אַנטלויפן, וווהין די אויגן וועלן טראָגן. אָבער ווו וועט ער נעמען אַ פּאָר דאָלאַר?

ווען בערעזין איז אַרויסגעקומען אין גאַס האָט ער זיך געמוזט צושפּאָרן ער זאָל נישט אומפאַלן. ער האָט דערפילט אין זיך אַ שרעקלעכע ליידיקייט. איין מאָל אין זיין לעבן האָט ער שוין געפילט ענלעכעס נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן.

דאָס איז געווען אין אַ קליין ליטוויש שטעטל. ביי זיי האָט געוווינט זיין מוטערס שוועסטער, אַן עלטערע מיידל, וועלכע איז געשטאַנען אין שידוכים. די מומע האָט געקליבן נדן און אויף

אויסשטייער האָט זי געהאַלטן אין אַ גרויסן קאַסטן, אײנאײנעם מיט איר געלט.

אין אַ פּאַרנאַכט איז אין שטוב געוואָרן אַ טומל. איבערלייגנ־דיק דעם קאַסטן, האָט די מומע נישט געקאָנט געפינען די פּאָר הונדערט רובל נדן, וואָס זי האָט דאָרט געהאַלטן איינגעוויקלט אין אַ זאַק. זי האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעוואָרפן דעם קאַסטן, אָבער דער זאַק מיטן געלט איז נישטאָ. איז זי געוואָרן פאַרצווייפלט. עס זענען זיך אָנגעלאָפן מענטשן. פּלוצלינג איז די מומע אויפגע־שפּרונגען און צוגעלאָפן צו בערעזינען: „ווו האָסטו אהינגעטאָן מיין געלט!?"

בערעזין געדענקט, ווי איצט, ער האָט דאַן נישט געפונען, וואָס צו ענטפערן און האָט געשוויגן. און דאָס האָט נאָך מער צע־רייצט דער מומען, און די איבעריקע אין שטוב זענען אויך צוגע־קומען און אים אָנגעהויבן איינרײדן ער זאָל אָפּגעבן דאָס געלט...

ענדלעך האָט איינער פון דעם הויז אָנגעהויבן נאָכאַמאָל איי־בערלייגן דעם קאַסטן מער קאַלטבלוטיק, און דער זאַק מיטן געלט איז געפונען געוואָרן אונטער אַ באַרג מיט אָנגעוואָרפענע זאַכן. אין איילעניש און אויפרעגונג האָט מען עס פריער נישט באַמערקט.

און דאַן, אַזוי ווי איצט, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט, ווען ער האָט פאַרלאָזן די שטוב, און אַן ענלעכע פאַרביטערטקייט האָט אָנגעפילט זיין האַרץ...

בערעזין האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ שרייבער. ארויס־געגעבן אַ פּאָר ביכער און מען רעכנט זיך מיט אים. ער האָט נישט קיין גליק. ער שרייבט זאַכן, וואָס פּאַסן זיך נישט פאַר די צייט־טונגען.

שטייענדיק ביים וואַנט האָט בערעזין זיך געכאַפּט, אַז די פּאָר דאָלאַר וועט זיין פאַר אים ווייניק און ער האָט באַשלאָסן צו פּרווון מזל אין אַ צווייטער רעדאַקציע. ער איז אריין צו אַ רע־דאַקטאָר, וואָס האָט שטענדיק ארויסגעוויזן צו אים פריינטלעכ־קייט.

דער רעדאַקטאָר האָט אויפגענומען בערעזינען זייער העפלעך און פריינטלעך און געוואַרט, וואָס בערעזין וועט אים זאָגן.

— איר ווייסט, נאָך וואָס איך בין צו אייך געקומען? —

האָט בערעזין אויסגעשריגן מיט א געמאַכטער פריילעכקייט.

— וואָס?

— איך וויל, אַז איר זאָלט ביי מיר נעמען א פּאָר קורצע דערציילונגען, — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם אויסמיידן דעם אומפאַרמיידלעכן אָפּזאָג, האָט ער צוגעגעבן:

— איך בין צו אייך זעלטן ווען געקומען. איך האָרף זייער נויטיק האָבן א פּאָר דאָלאַר. איך דאַרף, — האָט ער דערשטאַמלט שטיל.

— ווייזט די דערציילונגען. — און איבערבלעטערנדיק, האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט: — איר קענט דאָך אונזער באַלעבאָס. מיר זענען איצט פאַרוואָרפן מיט דערציילונגען. ער וויל נישט אויסגעבן קיין איבעריק געלט. און אייער שרייבן — וועלכע ווייבער וועלן אייך פאַרשטיין? מיר מוזן זען, אַז די ווייבער ביים קעך־רידזש זאָלן דאָס קענען לייענען. קומט אַריין אין א וואָך אַרום, מיר וועלן זען.

— אָבער איר ווייסט דאָך, איך וואָלט נישט געקומען, ווען איך נויטיק זיך נישט. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיר טאָן די גע־פעליקייט. איר דאַרפט ביי קיינעם נישט פרעגן אויף אַזאַ קלייני־קייט.

— די לעצטע וואָך האָב איך געהאַט שטאַרקע אומאָנגענעמ־לעכקייטן. איר ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אונזערע שטענדיקע מיטאַרבעטער. און צו דעם זעצט מען איבער אין רעדאַקציע — און אַזוי ווי מיט דעם וואָלט ער זיך צוגעגרייט א וועג, האָט ער געפרעגט:

— וויפל ווילט איר פאַר די פאָר סקיצן?

— אַזוי ווי איר צאָלט אַלעמען.

— דאָס קאָן איך נישט. איך מוז זיך רעכענען פאַרן באַלע־באָס. מיר דאַרפן זיי דאָך נישט, נאָר וואָס דען, פאַר אייך. און צו דעם באַקומען מיר זייער פיל סקיצן פון דער פּראָווינץ אומזיסט.

— אָבער — האָט אים בערעזין געפרוווט איבערשלאָגן.

— איך קאָן זיך נישט קריגן מיטן באַלעבאָס. אַט ווען איר קאָנט —

בערעזין האָט אים נישט געלאָזט ענדיקן. ער האָט בײַ אים אַרויסגעכאַפּט די מאַנוסקריפּטן און אַרויסגעלאָפן פון זײַן צימער. ער האָט נאָר געהאַט דאָס געלט פאַר דער ערשטער סקיצע.

ווען בערעזין האָט אַלץ אײַנגעקויפט צו גענוג קומען, איז בײַ אים איבערגעבליבן פון זײַן סקיצע בלויז די פלאַש פון מילך. ווען ער וועט זי אָפּטראָגן אין קלייט וועט ער פאַר איר קריגן אַ ניקל. דאָך איז ער געווען צופרידן.

זײַן קליין צימער האָט אויסגעזען יום־טובדיק. דער קליינער טישל פאַרדעקט מיט אַ פּאַפּירענער ווײַסער טישטוך און אַזעלכע סערוועטקעס, צוגעגרייט פאַר צוויי מענטשן, מיט די אַלע זאַכן, וואָס מען קויפט אין צען־סענט־סטאָר.

גערא האָט געדאַרפט קומען צוויי אַזייגער. ערשט איז האַלב נאָך צוועלף, נאָך גאַנצע אַנדערטהאַלבן שעה. ער האָט גענומען אַ בוך. אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער ווייסט נישט, וואָס ער לייענט. מיט אַן אָנשטרענגונג האָבן זיך זײַנע אויגן פאַרהאַלטן אויף אַ פּאַראַגראַף, וואָס האָט דערציילט וועגן דעם, ווי עס טרעפט פיל מאָל, ווען דער מענטשלעכער געדאַנק גייט אַוועק זײַן אייגענעם וועג, אומאָפּהענגיק פון דער אַרומיקער אומגעבונג. מיר קאָנען זײַן פאַרנומען, עפּעס טאָן, אָבער אונזער געדאַנק זאָל אין דער אייגענער צייט טראַכטן וועגן זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט דעם, וואָס מיר טוען איצט.

דער פּאַראַגראַף האָט אַזוי ווי אויפגעוועקט בערעזינען און געצוווּנגען אים זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג, וועגן וואָס ער טראַכט איצט און מיט וואָס איז פאַרנומען זײַן געדאַנק. און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז אין איינער און דערזעלבער צייט האָט ער געטראַכט וועגן צוויי זאַכן: איינע — וואָס וועט זײַן, ווען גערא וועט קומען? דער געדאַנק איז נישט געווען קיין קלאָרער, נאָר אַ טונקעלער, מער אַ ווונטש, ווי אַ געדאַנק, און דער צווייטער — וווּ וועט ער נעמען נאָך אַ ניקל פאַרן סאָבוויי, ווען זיי וועלן דאַרפן פאָרן צום באַל.

בערעזין האָט פאַרמאַכט דאָס בוך. איין ניקל פאַר דער פלאַש האָט ער. וווּ נעמט מען דעם צווייטן? זאָגן גערא? ער וועט האָס

קיינמאָל נישט טאָן. בערעזין איז אַרויס פון צימער אין גאַס. ער איז געגאַנגען מיט די אויגן צו דער ערד, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. אָבער אין ניו־יאָרק האָט אין יענעם טאָג קיינער אפילו קיין ניקל נישט פאַרלאָרן.

— וואָס טוט איר דאָ?

— איך וואַרט אויף אייך, — האָט בערעזין דערזען גערא'ן.

— ווי גוט, ווי שיין, — איז זי צו אים צוגעפאַלן, אַריינ־קומענדיק אין צימער.

— זעצט זיך עסן, איר זענט דאָך הונגעריק און איך אויך, — האָט ער איר געהאָלפן אַראָפּנעמען דעם מאַנטל.

— אפילו גלעזער פאַר אייער, — האָט זי נישט אויפגעהערט אים לויבן, — אַ גאַנצער באַלעבאָס. — און גלייך פאַרגעוואָרפן, — צו וואָס האָט איר אָנגעקויפט אַזויפיל? וויפל קאָסט דאָס?

גערא האָט געשמייכלט, געפּלוידערט, געלאַכט, אָבער בערעזין האָט איר די גאַנצע צייט געענטפערט מיט האַלבע ווערטער. דער געדאַנק וועגן דעם צווייטן ניקל האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. גערא איז אויף אַ רגע אַרויסגעגאַנגען. צוקלייבנדיק פון טיש האָט זיך בערעזין אָנגעשטויסן אָן געראַס האַנט־טאַש. ער האָט אים לאַנגזאַם געעפנט און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ ניקל.

— לייענט מיר עפּעס פון אייערע זאַכן, — האָט גערא גע־בעטן, אַריינגייענדיק אין צימער, — איך וואָלט אַזוי וועלן הערן אייך פאַרלעזן.

— איך לייען פאַר זייער שלעכט, גערא, — האָט בערעזין אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ פּאָר פאַרשריבענע בלעטלעך, און דערקלערט: — איך האָב דאָס אָנגעשריבן אויפן צווייטן טאָג נאָך אייער זיין דאָ. אַהיים בין איך געקומען אין דער פרי. איך האָב באַגעגנט רייזלען.

— איר האָט נישט געטעכטיקט אין דער היים?

— ניין, איך האָב זי באַגלייט אַהיים. איך בין דאָרט פאַר־בליבן ביז אין דער פרי, אַ שרעק, — האָט ער אויפגעשווידערט.

— איר לעבט מיט רייזלען אַלס מאַן און ווייב?

בערעזין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט נישט דערלאָזן, — און ווייטער גערעדט:

— א מענטש, וואָס איז געוווינט געוואָרן צו לעבן מיט א פרוי, קאָן נישט אנדערש. — און מיט אַן אימפּעט האָט זי אים אַרומגענומען און צוגעטוליעט זיך צו אים. ער האָט זי אויפגעהויבן אויף די הענט און אַרומגייענדיק איבערן צימער, געמורמלט:

— ווען איר ווייסט, ווי איך האָב אייך געוואָלט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיין גאַנץ לעבן איז אָפּהענגיק פון דעם טאָג.

און שפּעטער, ווען זיי זענען מידע געלעגן, האָט ער שטיל געזאָגט:

— פיל מאָל טראַכט איך וועגן אונזער ליבע, אויב מען קאָן דאָס אזוי אָנרופן. אזוי פּלוצלינג.

זי האָט אים אַרומגענומען, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער ער האָט נישט באמערקט:

— פיל מאָל האָב איך זיך געפּרוּווט דערקלערן, אריינטראַכטן זיך, וואָס איז עס? אָבער אומזיסט, איך קאָן נישט.

איבערגעבויגן איבער אים איז זי געלעגן, אירע הענט פאַרוואָרפן אונטער זיין קאָפּ. אירע ליפּן איבער זיינע, אירע קלאָרע, ברייט־געעפנטע אויגן איבער זיינע קעצישע. און אזוי ווי באַאיינפלוסט האָט זי אים געפּרוּווט ענטפערן:

— א שרייבערין האָט ערגעץ געזאָגט: עס איז נישטאָ קיין פאַראויסגעזעענע אין דעם צוזאַמענקונפט פון מאַן און פרוי. עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז העכער פון אונז און וואָס מיר פאַרשטייען נישט און וועלן קיינמאָל נישט פאַרשטיין קלויבט אוים דעם מענטשן.

ער האָט זי אַרומגענומען און געשעפּטשעט:

— אויב דאָס איז אַזוי, איז דאָן... איך בין נישט קיין פילאָזאָף, אָבער...

זי האָט אים אָנגעקוקט:

— וואָס אָבער?

ער האָט זיך צעלאַכט:

— טייערע, דעם ערשטן מאָל, וואָס מיר זענען אזוי, און מיר פילאָזאָפירן שוין!

שפּעט אין דער נאַכט, ווען זיי האָבן זיך אָנגעטאָן גיין צום באָל, האָט זי אים פאַרגעוואָרפן:

— איר האָט דאָך פאַר מיר גאָרנישט פאַרגעלייענט.

פאַרטאָג איז בערעזין געקומען פון באַל.

דער באַל איז געווען פאַר די הונגעריקע קינדער אין רוסלאַנד. בערעזין האָט זיך דאָרט זייער פרעמד געפילט. דעם גאַנצן אָוונט איז ער געזעסן פאַרוקט אין אַ ווינקל, געקוקט אויף דעם גרויסן רויכיקן זאַל און זיך אַליין געפרעגט:

— צו וואָס בין איך געקומען אַהער?

— דאָ זענען דאָך אַלע יידן, — האָט ער זיך געוווּנדערט אויף זיין פרעמדקייט.

געראַ איז געווען פאַרנומען. מען האָט איר אָנגעטאָן אַ רויט היטל, געגעבן אַ טעלער און געשיקט קלויבן געלט. זי האָט אים געוואָלט מיטנעמען, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. יעדע ווייל איז זי צוגעקומען פרעגן, ווי ער פילט זיך.

שפּעטער האָט זי אים באַקענט מיט אַ דיקלעכן מאַן אין די מיטעלע יאָרן, קישעלעך אונטער די אויגן און אַן איראָנישער שמייכל אויף די ליפּן. זי האָט זיי פאָרגעשטעלט:

— אַ יידישער שרייבער, געווען אין ארץ־ישראל.

— קאַמעראַד פּיליפּאָווסקי.

— אַ ציוניסט? — האָט פּיליפּאָווסקי אַ פרעג געטאָן.

— אַ ייד פון ארץ־ישראל.

פּיליפּאָווסקיס שמייכל האָט געמאַכט בערעזינען זיך צונויפ־נעמען, ווי איינער, וואָס דערפילט אַן אָנקומענדיקע געפאַר.

ער איז געזעסן און געשוויגן. ער האָט אַראָפּגעקוקט אין זאַל. געראַ האָט אים צוגעפּאַכעט מיטן האַנט.

— איר זייט שוין לאַנג אין אַמעריקע? — הערט ער אַ פראַגע.

— ניין, נישט לאַנג.

— איר האָט לאַנג געלעבט אין פּאַלעסטינע?

— פינף יאָר.

— פינף יאָר? ווילן טאַקע די ציוניסטן אויף אַן אמת פאַר־שקלאַפן די אַראַבער און צונעמען זייער לאַנד? — געראַ איז צו־געקומען און דערהערט זיין פראַגע.

— איר טשעפּעט זיך שוין ווידער מיט די יידן?

בערעזינען האָט זיך גלייך געוואָלט פּאַרלאָזן דעם באַל, אָבער ער איז געבליבן זיצן מיט געראָן און פיליפּאָווסקין ביז פאַרטאָג.

איצט, ביי זיך אין צימער, האָט אים די פרעמדקייט נישט אָפּגעלאָזן, ווי פון זיך אַליין, האָט זי זיך איבערגעטראָגן אויף געראָן אויך. און דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז אייגנטלעך איז ער און גערא צוויי פרעמדע מענטשן, צוויי באַזונדערע וועלטן.

ער, „אַ ייד פון ארץ־ישראל", ווי ער האָט זיך גערופן, ביי וועמען יידיש און יידישקייט איז אַלץ. האָט ליב ארץ־ישראל. זי — אַ קאָמוניסטקע, וואָס ווייסט גאָרנישט פון יידן און נישט פון יידישקייט, ביי וועמען ארץ־ישראל איז אַ שטערונג צו דער אַלגעמיינער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, יידיש איז דייטש און יידישע געשיכטע — ביבל.

איצט, ביי זיך אין צימער, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען מען האָט נישט געהערט דעם אייביקן גערודער פון די לופטבאַנען, נאַכדעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט געראָן פאַרן באַל, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט מיט געראָן נאָך קיין איין מאָל נישט גערעדט ערנסט. די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן, איז עס נאָר געווען וועגן ליבע. איז דאָס געווען אומבאַוווסטזיניק? אפשר האָט ער זי נישט ליב, נאָר איטנאַנצן נישט ליב? און אים האָט נאָר אונטערגעטריבן דאָס, וואָס מען רופט אין דעם אַלטעגלעכן לעבן „האָבן זי", און נאָכדעם?...

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעטראַכט דעם אָוונט איידער זיי זענען געגאַנגען צום באַל, און האָט געטראַכט: ניין, אַזאַ באַציאונג איז נישט געווען צו אַנדערע פרויען. מיט אַנדערע, נאָך דער שטאַרקסטער אויפפלאַקערונג פון לײַדנשאַפט, איז אים געוואָרן דערווידער, און אים פלעגט זיך וועלן אַנטלויפן פון דער פרוי. אָבער גאָר אַנדערש איז מיט געראָן. גאָר אַנדערש. פאַרקערט. ער האָט זי נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך.

בערעזין האָט נישט באַמערקט, אַז דער טאָג איז שוין אריין מיטן מילך־מאַן. ער האָט זיך נאָר געוואָלט דערגרונטעווען, אויב מענטשן, אַזעלכע ווי ער און גערא, וואָס באַלאַנגען צו באַזונדערע

וועלטן, קאָנען ליבן איינער דעם צווייטן, און אויב יאָ, ווי לאַנג קאָן דאָס אָנהאַלטן? אין זיין טראַכטן האָט ער גענומען פאַרגלייכן זיך מיט ריווקינען און נעראַן מיט רייזלען.

בערעזין קען נישט ריווקינען, נאָר נעראַ האָט אים דערציילט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, איז אַן אַמעריקאַנער מיט אַ „פּערפעקט" ענגליש און מאַניערן. קען גוט די ענגלישע ליטעראַטור און האָט אַ „מאָדערנעם" קוק אויפן לעבן. אַזוי אַלנפאַלס האָט נעראַ דער-ציילט. אַ גלייכע פּאָר מיט נעראַן, און דאָך...

רייזל, אַ יידישע טאָכטער, אויפגעהאָדעוועט אין אַמעריקע, ביי וועמען די צניעות פון דער יידישער פרוי מישט זיך צונויף מיט דעם ביסל קאָנסערוואַטיוון, אַביסל פרייען, קוק אויפן לעבן, וואָס עס גיט אַ גרויסע שטאָט. דאָס פאַמיליע-לעבן איז ביי איר אַ הייליקייט. דער מאַן איז „מיין מאַן", האָט ליב יידיש, חלומט וועגן ארץ-ישראל...

— איך און זי — אַ גלייכע פּאָר, און דאָך...

בערעזין איז געזעסן אַ פאַרלאָרענער. ער האָט זיך נישט גע-קאָנט ארויספּלאָנטערן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. ביז ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהויבן שרייבן אַ בריוו. ער האָט געשריבן צו נעראַן.

מיט אַ שווערע מידקייט אין די ביינער איז דעם זונטיק נעראַ אויפגעשטאַנען פון שלאָף. זי איז געלעגן אין בעט און האָט זיך אפילו נישט געוואָלט צוהערן, וואָס די מוטער האָט גערעדט צו דער קליינער מיידעלע, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין טיר.

— אָפּען דאָר.

עס האָט איר אויך נישט געאַרט דער געוויינלעכער זונ-טיק-טומל, די זינגעריי, קריגעריי און זידלעריי, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון גאַס. זי איז געלעגן אַ מידע. דאָס איז נישט געווען די מידקייט פון קערפּער, נאָך אַ שווערער אַרבעט, ווען דער גוף פאָדערט זיין רו. דאָס איז געווען די מידקייט פון געדאַנקס, וואָס נעמט אָפּ די ענערגיע ביים קערפּער. און עס ווילט זיך ליגן און ליגן. אַזוי האָט זיך געפילט נעראַ.

עס איז זונטיק. דער איינציקער טאָג, ווען זי קאָן עפּעס טאָן פאַר זיך און אויך אַרויסהעלפן דער מוטער. ליגט זי און קאָן זיך נישט אויפהויבן.

פון הינטער דער וואַנט האָט זי געהערט, ווי מען לאָזט אַראָפּ וואַסער. אַ שאַרפער קלונג. אַ אויטאָמאָביל־האָרן פון גאַס האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם אומגעדולדיקן געשריי פון דער מוטער צום קינד:

— אַך, גענעזיקט זאָלסטו ווערן! זע, וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט, דו משומדת איינע!

אַ קורצע שטילקייט, אַזוי ווי די מוטער וואָלט געווען מיט עפּעס פאַרנומען, און ווייטער:

— איך וועל דיר אָפּהאַקן די הענט. זע וואָס דו האָסט געטאָן!

אַ שווייגן, און ווייטער:

— גיי, איך האָב דיך פיינט. איך וועל קויפן אַן אַנדער בייבי.

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט:

— נישט קויפן אַנדער בייבי, באַבי סידאַן (זעץ זיך).

— גיי, איך האָב דיך פיינט.

דאָס קינד איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין און איז צוגעקומען צום טיר קלאַפּנדיק: „טאַנטי, טאַנטי!"

נערא האָט געעפנט די טיר און עס אַריינגענומען צו זיך:

— נו, שאַ, בייבי, בייבי פאַלגן?

דאָס קינד האָט געוויינט.

— באַבי שלאָגן, טוט וויי.

די מוטער האָט זיך געוויזן אין טיר.

— אַזאַ משומדת, אַ גאַנצע קעסטל פּודער אויסגעשאָטן.

דאָס קינד האָט זיך געבעטן:

— באַבי, סידאַן, הענט.

— גיי, איך האָב דיך פיינט. דו ביסט אַ בעד גוירל.

דאָס קינד האָט נאָך שטאַרקער געוויינט.

נערא האָט זי אַרונטערגענומען אונטער דער קאָלדרע, אָפּגעווישט איר די אויגן, איינגעשטילט, און דאָס קינד האָט זיך שוין

געשפּילט, מאַכנדיק צו געראַן „פּוּפּו״, מיינענדיק זי איבערצו־שרעקן, כדי זי זאָל וויינען. און ווען געראַ האָט זיך געמאַכט ווי־נענדיק, האָט דאָס קינד זי איינגעשטילט, געגלעט און געצערטלט:

— ניים, מאַנמי, ניים.

אַנקוקנדיק דאָס קינד האָט געראַן אַרומגענומען אַ צאַרטע וואַרעמקייט, און אין דער זעלבער צייט האָט זי זיך דערמאָנט אָן איר פאַרשטאָרבענער שוועסטער. אָט דער געדאַנק האָט זי נישט געלאָזט איינליגן מער. עס איז איר געוואָרן זייער שווער אויפן האַרצן. פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דער רופן פון דער מוטער:

— קינדער, גייט שוין עסן. עס ווערט דאָך שפּעט.

ווען געראַ איז אין איר קימאָנאָ אַריין אין עס־צימער, האָט זי דאָרט געטראָפן דעם ברודער מיט „זיין מיידל״, ווי די מוטער האָט זי גערופן, דעם קלענערן ברודער און די בייבי, וועמען די מוטער האָט געגעבן עסן.

דער ברודער, אַ בחור פון אַ יאָר 26, מיט אַ שטערן פון אַ בעטהאָווען, און מיט אַ פּליך, האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג און מיט געציילטע ווערטער גערעדט:

— איך גליך נישט די פּיינשמעקער, אָט די אינטעליגענטן,— האָבן זיך אָנגעזאָפּט מיט שיינע ליטעראַטור, מיט ראָמאַנען. דאָס איז אַלץ פון אויבן־אויף. מען זאָל עפּעס וויסן, מוז מען שטודירן.

און „זיין מיידל״ האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— אָט ביי אונז, צווישן מיינע באַקאַנטע אין הויז, זענען דאָ מיידלעך, דו ווייסט וועמען איך מיין — האָט זי זיך געווענדעט צום ברודער, — שיטן מיט פראַזן פון ביכער, וואָס זיי האָבן נישט געלעזן, און נאָר. אויף מיר מאַכן זיי אַ מאָדנעם איינדרוק. עס איז אין זיי גאָרנישטאָ. נו, ווי זאָל איך דאָס זאָגן? — האָט זי זיך פאַרהאַלטן, זוכנדיק די פּאַסנדע ווערטער, מיט וואָס צו דער־קלערן איר געדאַנק.

— איך גלויב זיי נישט, — האָט דער ברודער מעשה אויטאָ־ריטעט אָפּגעשניטן,—ביכער איז אַ מאָדע־זאַך. איז געווען די מאָדע פרייע ליבע, האָבן זיי גערעדט וועגן פרייע ליבע, איז איצט די מאָדע „סייקאָ־אַנאַליזים״ איז סייקאָ־אַנאַליזים.

גערא איז געזעסן ביים טיש און דער שווערער געפיל, וואָס האָט זי אַרויסגעטריבן פון בעט, האָט זי נאָך איצט אויך נישט אָפּגעלאָזן. זי האָט אָנגעקוקט דעם ברודערס זעלבסט־צופרידענעם פּנים און דאָס שיינענדע און נאָך מער צופרידענע געזיכט פון דער מיידל, און זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס ריווקין האָט איר דער־ציילט.

דאָס איז געווען, ווען די מוטער איז געווען איינמאָל קראַנק. אין דעם זעלבן טאָג איז גערא קראַנק געווען. די מוטער האָט גע־האָט שטאַרקע היץ. ביינאַכט איז נישט געווען ווו צו שלאָפן. ריוו־קין האָט זיך געלייגט אויף דער סאָפקע אין עס־צימער. דאָס מיידל איז געזעסן נעבן דער מוטער. איז זי ביינאַכט צוגעקומען און האָט זיך געלייגט נעבן ריווקינען. געוויינטלעך האָט ריווקין מיט איר געשטיפט און אין דעם ברען פון אויפרעגונג האָט אים דאָס מיידל געזאָגט:

— עס איז גוט צו זיין אַזוי, אָן ליבע.

אָט דאָס האָט איר שפּעטער ריווקין דערציילט.

גערא הערט, ווי די מוטער בעט זיך ביים מיידל:

— פאַרוואָס עסטו גאָרנישט? מאַכן דיר אַ פּאָר אייער? אָפּ־פרישן אַ שטיקל ברויט?

גערא האָט זיך אויפגעהויבן אַרויסצוגיין. די מוטער האָט איר באַמערקט:

— פאַרוואָס טרינקסטו נישט די קאַווע? גיי, נעם זיך אַ גלאָז.

ווי אַ בליץ איז ביי גערען דורכגעפלויגן דער אונטערשיד אין אַרט ריידן און באַציאונג פון דער מוטער צו איר און צו דעם מיידל. גערא איז אַרויס צו זיך אין צימער, און צוקלייבנדיק, האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

— ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען איך קאָן ערגעץ אַוועק־פאָרן. — גערא האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַלז. דאָס איז ביי איר געווען דער סימן פון נערוועזיטעט. זי האָט זיך צוגעלייגט אויפן בעטל, פאַרמאַכט די אויגן און געפּרוווט זיך איינריידן, אַז זי וויל שלאָפן. זי האָט גענומען אַ בוך אין האַנט, געוואָלט לעזן, אָבער זי האָט אים געמוזט אַוועקלייגן אָן אַ זייט, און נישט ווילנ־דיק האָט זי ווייטער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער מוטער, וועגן

מיידל און וואָס טראַכט די מוטער וועגן איר, און צי וויסט זי עפּעס וועגן אירע באַציאונגען סיי מיט ריווקינען און סיי מיט בערעזינען?

דער ברודער און דאָס מיידל — זיי זענען פאַר דער מוטער אַן אָפענער בוך. נישטאָ קיין סודות. מאַן און ווייב. דאָס מיידל איז נאָענט דער מוטער. זיי פאַרשטייען זיך. זיי האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן. — אָבער גערא?

אויפן יסוד פון קליינינקייטן האָט זיך גערא געוואָלט דערגרונטעווען, וואָס די מוטער טראַכט. אַלץ האָט זי אַזוי קונציק באַהאַלטן. און צי קאָן מען דען אַלץ באַהאַלטן? און דאָ האָט זיך גערא דערמאָנט, וואָס די מוטער האָט איר געפרעגט וועגן בערעזינען און ריווקינען. מען האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר. דער קלענערער ברודער איז אַריינגעקומען און האָט איר דערלאַנגט אַ בריוו. זי האָט געעפנט דעם בריוו און האָט זיך פאַרוואונדערט: פון בערעזינען!

דער ערשטער אימפּולס — וואָס עפּעס פּלוצלינג — אָבער ווען זי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז צו איר געקומען די ערנסטקייט און ליידן פון בריוו.

— ער איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, — האָט זי מיטגעליטן, און אין דער זעלבער צייט זענען פאַר איר געקומען די איבערלעבונגען פון נעכטן ביזן באַל און אויפן באַל מיט אַ פּראַקטישקייט. און דאָס איז: ווי שנעל זי איז געוואָרן אינטים מיט בערעזינען!

מיט ריווקינען האָט דאָס גענומען אַ פּאָר יאָר. שטענדיק, אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, אויסגעמיטן עס. אָבער מיט בערעזינען איז אַנדערש. און אין דער זעלבער צייט איז צוגעקומען דער געדאַנק, אַז ער, בערעזין, פאַרדינט נישט, האָט קיין סענט נישט ביי דער נשמה. זי האָט עס באַמערקט. ער אַליין האָט איר פיל מאָל געזאָגט וועגן דעם. און ווען זי האָט אים פאַרגעשלאָגן ליגן געלט, האָט ער נישט געוואָלט. גערא איז געזעסן און געלייענט דעם בריוו. איין מאָל, צוויי מאָל, און אַ שווערקייט האָט זי אָנגעהויבן דריקן. אָט יענע שווערקייט, ווען עס ווילט זיך אַנטלויפן ערגעץ ווייט פון אַלעמען, זיין אַליין, אַזוי, אַז מען זאָל פאַרגעסן,

אַז ערגעץ זענען דאָ אַזעלכע, ווי דו, — און וווהין אַנטלויפט מען? און פון דער פראַגע האָט זי געפילט איר ענטפער בערעזינען. וואָס, האָט זי נאָך אַליין נישט געוווסט. אָבער זי האָט געפילט, אַז איצט מוז זי זיין נעבן אים, איינשטילן און באַרואיקן, ווייל ער איז דאָך גערעכט.

זי האָט געלייענט:

— דער באַל האָט מיר געוויזן פיל זאַכן. מיט מענטשן, ווו איר פילט זיך היימיש, פיל איך זיך פרעמד, און עס איז פאַר־שטענדלעך, אַז דאָס דאַרף זיין אויך פאַרקערט. און איר ווייסט דאָך, אַז עס איז אַזוי. צו דאַרף איך דערקלערן, אַז די מאָס אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם, קאָן אָנגעווענדט ווערן אין אַלע זייטן פון צוזאַמענלעבן פון צוויי מענטשן. מיר האָט ווי געטאָן די באַ־ציאונג פון מר. פיליפּאָווסקי. און ביי איך איז דאָס געווען אַ גע־לונגענער וויץ. און אַזוי קאָן דאָך זיין אין אַלץ. הייַנט, ווי אַזוי וועלן מיר זיין ווייטער? אמת... — ווייטער האָט זי שוין נישט געלייענט און זי האָט זיך דערמאָנט אין ריווקינען. זי האָט ריווו־קינען נישט געענטפערט אויף זיין לעצטן בריוו, און זי איז דאָך געוווינט געוואָרן אים שרייבן אַלע וואָך.

געראָן איז שווער געוואָרן זיצן אין שטוב. דער קאָפּ האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען און דאָס געפיל פון בלייבן אַליין האָט איר נאָך שטאַרקער באַהערשט נאָכדעם, ווי דער זונטאָגדיקער טומל האָט זיך פּלוצלונג פאַרשטאַרקט. זי האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון הויז.

אין גאַס איז געווען, ווי פאַר אַ רעגן. דער הימל, אַ שמאָלער פּאַס, איינגעשלאָסן צווישן די צוויי הויכע שורות מויערן וואַסער. געראָ איז אַוועק צום סענטראַל פּאַרק.

אין פּאַרק ווייניק מענטשן. אַ פּאָר פרויען מיט קינדער. אַן עלטערער ייד, מיט אַ פאַרבונדענער באַק. יונגע האָט מען נישט געזען. נאָך אומעטיקער. מען האָט זי אָפּגערופן ביים נאָמען. זי האָט זיך אומגעקוקט. סערע.

— וואָס איז מיט דיר געוואָרן? טויב? איך לויף נאָך די גאַנצע צייט, שריי און דו הערסט נישט. איך בין געווען ביי איך,

האָט מען מיר געזאָגט, אַז דו ביסט ערשט אַרויסגעגאַנגען. בין איך ערשט געלאָפן דיך כאַפּן.

גערא איז געגאַנגען און געשוויגן. זי איז געווען אי צופרידן, אי נישט צופרידן פון סערעס קומען. איר האָט זיך געוואָלט אַליין דורכטראַכטן בערעזינס בריוו און אין דער אייגענער צייט, האָט זי געוווּסט, אַז סערע וועט איר העלפן פאַנאַנדערקלייבן זיך. ווי עס ווייזט אויס, האָט סערע פאַרשטאַנען איר געדאַנק און האָט געפרעגט:

— דו ווילסט בלייבן אַליין?

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט איר גערא געגעבן בערעזינס בריוו. סערע האָט אים אויפמערקזאַם איבערגעלייענט און באַמערקט:

— ער איז גערעכט.

זיי זענען אַרויף צום רעזערוואַר. קיינעם זעט מען נישט. אַרום אַ שטילער אומעט. דעם אומעט קאָן מען נישט באַמערקן אין שטאָט, אָבער דאָ איז ער זייער שאַרף אונטערגעשטראָכן. דאָס איז דער אומעט פון אַוועקגייענדיקן זומער, וואָס טראָגט זיך אין דער לופטן און דו קענסט קיינמאָל נישט זאָגן, פונוואַנען ער נעמט זיך. צי פון די בוימער מיט די אָראַפּגעלאָזטע צווייגן, צי פון דעם וואַסער, וואָס איז טונקל פון דעם כמאַרנעם הימל, צי פון דעם מיידל, וואָס גייט פאַרביי איינגעבויגן, אין שוואַרצן אָנגעטאָן, אויף אַ רויטן פערד, און זעט אויס, ווי אַ שוואַרצע וואָראָנע, וואָס קאָן קוים איינהאַלטן איר גלייכגעוויכט.

ביים שטיבל, וווּ די וואַסער־פּומפּן זענען זיי געבליבן שטיין און סערע האָט ווייטער גערעדט וועגן דעם בריוו:

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קענסטו זיך עס איינליבן אין אַן עלטערן פון זיך.

— ריווקין איז געווען עלטער פון דיר. בערעזין אויך. אויף גאַנצע צען יאָר, ווי דו האָסט מיר דערציילט. איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געקענט.

— פאַרוואָס?

— אַן עלטערער פאַרשטייט שוין צופיל. אַ יינגערער, אָדער

וואָס איז מיט דיר אין איינע יאָרן, וואָלט קיינמאָל נישט פילאָזאָ־
פירט, אַזוי ווי ער. ער טראָגט שוין אויף זיך דעם עלטער.

— איז דאָס בעסער, אָדער ערגער?

— אַלנפאַלס... — האָט סערע געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט אָפּגעהאַקט. זי האָט געטראַכט: וואָס וועט העלפן דאָס זאָגן? פון דער זייט האָט זי באַטראַכט געראַן אין איר ענגלישן מאַנטל און זיך געוואונדערט.

— געלעבט, געווען פאַרליבט אין ריווקינען. יענער האָט זי דאָך פּשוט פאַרגעטערט. און איצט בערעזין. יענער איז אָפּגעפאָרן. בערעזין שרייבט בריוו, דערקלערט, אַז זיי וועלן נישט קאָנען לעבן, זיי זענען פרעמדע מענטשן און אין דער אייגענער צייט דערקלערט ער זיך אין ליבע, אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן. און זי, געראַ, וועמען האָט זי טאַקע ליב? בערעזינען, ריווקינען?

סערע האָט זיך געפּרוווט שטעלן אויף געראַס אָרט. אָבער אומזיסט. איינס האָט זי געוווּסט, אַז זי וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געקאָנט.

אָבער דאָ האָט זיך געראַ אַ קער געטאָן צו סערען און באַ־
מערקט:

— ווי עס ווייזט אויס, וועל איך אויך דאַרפן אַוועקפאָרן פון דאַנען, צו ריווקינען.

— צו ריווקינען? ביי אייך איז דאָך שוין אַלץ געענדיקט.

— נישט אינגאַנצן... איך האָב אים נישט געזאָגט באַשטימט, אַז איך האָב ליב בערעזינען. אין אַזאַ צושטאַנד, ווי ער איז געווען האָב איך אים נישט געקאָנט זאָגן און ער איז אַוועקגעפאָרן מיט דעם געדאַנק, אַז מיין ליבע צו בערעזינען איז נאָר אויף אַ ווייַלע. עס וועט דורכגיין — און נאָך אַ קורצן שווייַגן האָט זי צוגעגעבן:

— וואָס פאַר אַ מאָדנע מענטשן די מענער זענען. ער דענקט, אַז ער איז דער שטאַרקסטער פון אַלע מענער און איך וועל צוריקקומען, ווען איך וועל דערקענען אַן אַנדערן.

סערע האָט פאַרשטאַנען, וואָס געראַ האָט נישט דעררעדט, און איר האָט זיך זייער געוואָלט פרעגן, ווו איז ער, בערעזין. נישט איין מאָל האָבן זיי גערעדט פון דעם, אָבער ווען זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו געראַן, האָט זי נאָך געראַס שמייכל פאַרשטאַ־

נען, אַז זי האָט נישט וואָס צו פרעגן. און גערדאַ האָט ווייטער גע־רעדט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי זי וואָלט פאַר־געסן סערען.

— ווי ס'וואָלט זיך מיר וועלן זיין אַליין, איינע אַליין, אָן אַ פאַמיליע. אָן אַ מוטער און ברידער. אַ קייט מיט ליגנס. פריער מיט ריוּוקינען. איצט מיט בערעזינען און ריוּוקינען. וואָס ביי דיר איז טייער, איז ביי יענעם אַ וויץ, און דאָס אייגענע פאַרקערט. אין דער היים וואָלט די מוטער געוואָלט וויסן, וואָס איך טו און וואָס איך טראַכט, זי וואָלט מיר וועלן זען חתונה געהאַט און קו־מען צו אַ תּכלית: נו, קען איך עפּעס דערציילן, און צו וואָס?

אין גאַס איז געוואָרן פריילעכער. דער הימל ליכטיקער, יונגע פּאָרלעך האָבן זיך שוין געזען אונטער די ביימער.

— מען דאַרף גיין אַהיים. מען וועט אויף מיר וואַרטן מיטן עסן — האָט גערדאַ געגומען גיין פון פּאַרק.

— וואָס וועסטו טאָן?

—איך ווייס אַליין נישט, אפשר פאָרן און לעבן אין דרייען,

— האָט גערדאַ געזאָגט און גלייך, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט,

— דו פאַרשטייסט מיך, ריוּוקין איז מיר נאָענט אינטעלעקטועל און בערעזין פיזיש.

— וואָס וועט זאָגן בערעזין?

גערדאַ האָט פאַרצווייפלט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען. און ביים הויז:

— מען דאַרף מער נישט רעדן וועגן דעם.

און ביים טיר:

— איך וועל זיך היינט זען מיט בערעזינען.

גערדאַ איז געפאָרן צו בערעזינען. זי האָט אים פריער נישט אָנגעזאָגט. זי האָט געוווּסט, געוווּסט זיכער, אַז זי וועט אים טרעפן אין דער היים. פאַרוואָס איז זי געווען זיכער, האָט זי אַליין נישט געוווּסט. זי איז געפאָרן מיטן אונטערערדישן באַן.

דער גערודער פון באַן... ווי מען וואָלט געשאָטן שטיקער קוילן אין אַ שטאָלענער זיפּ און זיי קייקלען זיך איבער, און צוזאַ־מען מיט דער פאַרעמפּטער לופט האָט עס איר געשאַפן אַ ווייטיק

אין די שליפן. זי האָט געמוזט צומאַכן די אויגן. אַ שטאַרקער טרייסל האָט זי שיער נישט אומגעוואָרפן. און ווען זי האָט דער־זען אַ לײדיקן אָרט האָט זי זיך שנעל אַוועקגעזעצט.

— אַנטשולדיקט, — האָט זי דערהערט אַ מענער־שטימע. זי האָט געעפנט די אויגן. קעגן איר איז געשטאַנען אַ מיטל־יעריקער מאַן מיט אַ צעגנומענער זונטיק־צייטונג. גערן האָט גלייך צוריק פאַרמאַכט די אויגן. אָט דאָס גרויסע בילד פון אַ דיקן מאַן מיט אַ גראָבן סיגאַר און אונטערשריפט: „איינער פון אונזערע מיליאָנערן" האָט אין איר אויפגעוועקט אַ מאָדנעם פעס. נישט ווילנדיק האָט זי אים פאַרגלייכט מיט בערעזינען.

אָבער ווען די באַן האָט שטאַרק אַ שאָקל געטאָן און איר אַ וואָרף געטאָן האָט זי זיך אַליין צעשמייכלט פון דעם, וואָס זי האָט דאָ געטראַכט וועגן דעם בילד. גערן האָט זיך אומגעקוקט. עס איז געווען זונטיק און דאָך זענען די וואַגאָנען געווען געפּאַקט ווי אינמיטן וואָך, ווען אַלע פאָרן צו דער אַרבעט. ווי הערינג איז מען געווען צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן, מיט די הענט אויס־געצויגן צו די האַלטערס אויבן. נעבן איר שטייט אַ דיקע פרוי צוגעפּרעסט צו אַ מיטל־יעריקן מאַן. זיין פּנים איז פאַרדרייטלט, די אויגעלעך האַלב־צוגעמאַכט און ער שמייכלט, שמייכלט. דער וואַגאָן האָט זיך געטרייסלט און ער מיטן וואַגאָן. גערן האָט מיט עקל אָפּגעקערט איר קאָפּ.

בערעזין איז געווען אין דער היים. ער איז געלעגן אַ האַלב־אָנגעטאָנענער. גערן האָט אַראָפּגעוואָרפן איר מאַנטל און זיך גע־זעצט נעבן אים. געגלעט זיינע האָר.

— צו וואָס האָט איר מיר געשריבן דעם בריוו?

— איז דאָס נישט אַזוי?

— יאָ, אָבער — האָט זי נישט געוווסט מיט וואָס צו פאַר־ענדיקן, — אָבער וואָס זאָל מען טאָן?

— מיר ווייזט אויס, אַז אונזער גאַנצע ליבע איז אַ קראַנקע. צווי מענטשן פון צוויי באַזונדערע וועלטן?

— וואָס זאָל איך טאָן? איר האָט דאָך אַ ווייב.

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט מיין ווייב?

— עס האָט זייער פיל צו טאָן.

— וואָס מיינט איר מיט דעם?

— פאַרגעסט נישט, אַז איך האָב דאָך אַ פאַמיליע, מיט וועמען איך מוז זיך רעכענען.

בערעזין האָט פאַרוווּנדערט זי אָנגעקוקט.

— וואָס מיינט איר?

גערא האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפקע מיט ביידע פיס אונטער זיך, אַזוי ווי עס וואָלט איר אַזוי געווען גרינגער צו רעדן:

— די פּאָר יאָר, וואָס איך בין געווען מיט ריווקינען האָט מען ביי אונז אין שטוב גאָרנישט געוווּסט און..

— דענקט איר אַזוי — האָט ער איר איבערגעשלאָגן, — צו אַזעלכע זאַכן האָבן מענטשן זייער אַ לאַנגע נאָז און זיי דערשמעקן דאָס פּאָר אַ מייל. די ערשטע טעג, ווי איך בין מיט אייך באַקאַנט געוואָרן ביים ים, ווען מיר האָבן נאָך קיין צוויי ווערטער נישט געביטן, האָט מען שוין גערעדט וועגן אונז. מענטשן האָבן שוין אונז פאַרליבט איינער אין דעם צווייטן.

— עס קאָן זיין, אָבער ביי אונז, אויב מען ווייסט, שווייגט מען אויך, און פאַרענדיקט:

— איר ווייסט, מיין מוטער. זי ווייסט, אַז איר האָט אַ פרוי. זי האָט מיך שוין אַ פּאָר מאָל געפרעגט, פאַרוואָס איר קומט נישט מיט אייער פרוי צו אונז. וואָס זאָל איך טאָן?

בערעזין איז צוגעגאַנגען, אַריינגענומען אירע הענט אין זיינע און האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס איר צו זאָגן. ער פאַרשטייט, אַז זי מוז זיך רעכענען מיט איר פאַמיליע, — און וואָס וועט זיין? אַן אומקלאָרער געדאַנק האָט ביי אים אַ בליץ געטאָן:

— נאָר ווען די אַלטע וועט שטאַרבן.

אָבער גערא האָט גאָרנישט געזאָגט און זי האָט ווייטער גערעדט:

— איין זאַך בלייבט: אָוועקפאָרן. צו וועמען, מיט וועמען, מיט דיר, אָדער מיט ריווקינען?

זי האָט זיך פאַרטראַכט:

— ריווקין? איך שרייב אים בריוו און טרייסט אים. איך קען נישט פאַרטראָגן זיינע בריוו. ער ליידט זייער שטאַרק. זאָל איך אים

שרייבן, אַז צווישן מיר און אים איז אַלץ געענדיקט? קען איך נישט, ווייל איך אַליין ווייס נישט.

זי האָט אַרומגענומען בערעזינען.

— איך וועל מוזן פאָרן צו אים, און וועל זיך דאָן קענען אָפּ־געבן אַ רעכענונג ווו איך האַלט אין דער וועלט.

— אַ צוועק? צו וואָס? — האָט בערעזין גערעדט צו זיין פריינט שמעון.

זיי זענען געגאַנגען איבער איינער פון די ניו־יאָרקער גאַסן, וואָס זענען ענלעך געווען צו אַ פינסטערן קעלער מיט עפענונגען ביי די זייטן. דער אייזערנער גערודער פון דער לופט־באַן האָט זיי געצוואונגען אייניקע מאָל אַריינשרייען איינער דעם צווייטן אין אויער.

— דו ביסט געקומען אין דער רעכטער צייט — האָט בערעזין אַריינגעשריגן שמעונען, — זעסט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיינע קליידער, — קיין סענט ביי דער נשמה. עס איז גוט, וואָס מיין באַלעבאָסטע איז אַלרייט. זי טשעפּעט מיך נישט מיט דירה־געלט און איך בין שוין איר שולדיק פאַר אַ היפּשע פאָר וואָכן. זי האָפט, איך ווייס נישט אויף וואָס.

שמעון האָט אָנגעקוקט בערעזינען, זיינע איינגעפאַלענע באַקן, רינגען אַרום די אויגן, און האָט זיך אָפּגערופן:

— דו ביזט הונגעריק?

זיי זענען אַריין אין אַ רעסטאָראַן. בערעזין האָט וויטער־דערציילט און געפרעגט:

— ווו ביזטו געווען די גאַנצע צייט? מיט מיר? דו זעסט דאָך. גערא איז אָפּגעפאָרן. זי וועט קומען? ווער ווייסט? עס ווילט זיך נישט רעדן וועגן דעם. איך, ווי פיל איך זיך? איך ווייס אַליין נישט.

ער האָט געגעסן, ווי עס ווייזט אויס פאַרגעסן וועגן שמעונען, צו זיך אַליין גערעדט:

— ליבע אין די ראָמאַנען איז איין זאַך און אין לעבן אַ צווייטע. אין אַ ראָמאַן דאַרף מען נישט מאַכן קיין לעבן. מען האָט

געלט. מען איז שטענדיק זאט, מען איז שטענדיק אויסגערוט. מען האט דעם שיינעם צימער. גאנצע קליידער. אבער א יידישער שרייבער, דארף מאכן א לעבן, — האט ער זיך פלוצלונג צעלאכט.

שמעון האט אים אנגעקוקט.

— איך האב זיך דערמאנט אויף האמסונען נאגעלן מיט איליאלן. זאג אליין, וואלט א זאטער געטאן, וואס נאגעל האט געטאן, ווען ער האט זיך באגעגנט מיט אליאלן?

— ווי'סטו געלעבט די גאנצע צייט?

איך ווייס אליין נישט, — האט בערעזין צעפירט די הענט, — אמאל פארדינט א פאר דאלאר, איינגעבעטן זיך ביי א רעדאקטאר. און אמאל געמאכט אן איבערזעצונג. א פאר וואכן געארבעט אלס פארבער, געפארבט ווענט. האב איך פארקילט א האנט און געמוזט ווארפן די ארבעט.

שמעון האט זיך דערשראקן.

— וואס איז מיט דיין האנט?

בערעזין האט אים בארואיקט.

— גארנישט. צייטנווייז הויבט מיר אן ווי טאן, ווען איך הויב זי אויף.

און ווייטער:

— די לעצטע צייט, גארנישט געטאן. נישט געשריבן. ווי קען מען שרייבן, אז מען מוז ארומגיין און דעם גאנצן טאג טראכטן, ווו נעמט מען צו עסן?

— האסטו דען נישט פון די שרייבער, זאלן דיר העלפן?

— די שרייבער? די וואס ארבעטן אין די צייטונגען, די הענט, די אריסטאקראטיע, אזוי צו זאגן, זיי קימערט זייער ווייניק וועגן דיר. דער גרעסטער טייל פון די יונגע שרייבער ארבעטן, ווער א שוסטער, ווער א פארבער, ווער א לערער און ווער עס לעבט פון ווינט, וויפל דרוקן זיך אין די צייטונגען?

— פארוואס פרווסטו נישט ארויסגעבן א בוך?

בערעזין האט זיך ביטער צעלאכט.

— ווער, ווו און מיט וואס? ווו נעמט מען געלט? אן געלט וועט דיר קיינער נישט ארויסגעבן דיין בוך.

שמעון האט געשוויגן און בערעזין, ווי ער וואלט זיך געוואלט

באַלוינען פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט נישט געזען זיין פריינט, האָט גערעדט מיט ביטערקייט:

—מען דאַרף זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס שרייבן. פאַר וועמען און צו וואָס שרייבן? מיר האָבן נישט קיין לעזער. מיר געהערן צו קיינעם נישט. ווו מיר געפינען זיך, זענען מיר פרעמד און מען איז אונז פרעמד. מיר בענקען נאָך אַן אַנדער לעבן און ווו נעמט מען אים?

— וואָס רעכנסטו טאָן?

—דעם אמת, ווייס איך נישט. ווער בין איך? אַן אייביקער וואַנדערער, און צו אַזעלכע ווי איך וועל איך גיין.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— מיר, יידישע שרייבער, מיט אונזער אָנגעכאַפּטער נישט סיסטעמאַטישער וויסן, מיט אונזערע וואַנדער - נייגונגען, מוזן מיר האָבן פאַר זיך אַ קאָנקרעטע זאַך פאַר אונזער אידעאַליזם, פאַר וועמען מיר זאָלן וועלן און קענען אָפּגעבן אונזער לעבן. אַ לעבע־דיקן אינהאַלט פאַר אונזערע אויגן, וואָס זאָל איינהאַלטן אונזער וואַנדער־לוסט.

שמעון האָט געשטוינט.

— דו פאַררעדסט זיך ברודער, — האָט שמעון אים ווי באַ־דויערט און פאַרגעוואָרפן. בערעזין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— מיר שאַפן זיך אילוזיעס. און די אילוזיעס דערקלערן מיר פאַר ווירקלעכקייט און אין נאָמען פון דער אילוזיע־ווירקלעכקייט קערן מיר וועלטן. וואָס איז דער סוף? אָבער איצט, ווען די רוסישע רעוואָלוציע איז געקומען, קען זיין וועט פאַרשווינדן די אילוזיע און עס וועט בלייבן די ווירקלעכקייט.

— דיין הונגער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ קאָמוניסט.

— איך ווייס נישט, וואָס עס הייסט ביי דיר אַ קאָמוניסט. אָבער ווען דו פאַרגלייכסט אָט דאָ, ווו דו ביזט איצט, און דאָרט, ווו מען בויט אינגאַנצן אַ נייעם לעבן, אינגאַנצן...

און טראַכטנדיק שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— אַ קאָמוניסט? איך ווייס נישט. אין אונזער אוואַנטורייזם ליגט אַ שטיק רעוואָלוציאָנערישקייט. און ווען אונזער בענקשאַפט קען איבערגעטראָגן ווערן אויף אַ פעלד פון ווירקלעכן שאַפן, דאַן—

שמעון האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— וואָס איז מיט דיר געוואָרן?

און צוגעגעבן:

— וואָס וועסטו איצט טאָן?

— איך וועל גיין אַרבעטן.

ווען בערעזין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער, אין פּלוג, גישט דערקענט ווו ער איז. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט. ער איז ביי זיך אין צימער.

אומגעדולדיק האָט ער זיך אומגעקוקט. דער צימער, ווי שטענ־דיק אַ מעבלירטער צימער. שוין דריי וואָכן ווי ער אַרבעט אין שאַפּ. און היינט צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט אַ מידקייט. פריטיק, מאָרגן, אַרבעט ער נישט. געקומען אהיים, זיך צוגעלייגט, געדענקט זיך אויסרוען. צום סוף פילט ער זיך נאָך שווערער, מידער, אַזוי ווי די הענט און פיס וואָלטן אים אָפּגענומען.

וואָס טוט מען? האָט ער אַ טראַכט געטאָן. שוין אַריבער דריי וואָכן קיינעם נישט געזען, אַ חוץ ציטונגען גאָרנישט געלעזן. ער האָט זיך צוגעזעצט ביי זיין קליינעם טישל, אונטער דעם עלעקטרישן לאָמפּ, און געטראַכט וועגן דער אַרבעט פאַר די לעצטע וואָכן. די גאַנצע צייט נישט געטראַכט. שטענדיק פאַרנומען.

נישט גרינג איז אָנגעקומען צו גיין אַרבעטן. ערשטנס ביי וואָס, צווייטנס — אַריינגענומען ווערן אין יוניאָן און קריגן אַ יוניאָן ביכל, און דריטנס — די אַרבעטער. די ערשטע צוויי זאַכן האָט ער זייער שנעל איינגעאָרדנט. פאַרט אַ שרייבער, האָט מען אים אַריינגענומען אין יוניאָן און די געלט וועט ער אויסצאָלן ביי דער אַרבעט. מען האָט אים געקריגן אַ פּלאַץ צום אַרבעטן און דער „ביזנעס אידזשענט" אַליין האָט אים אַרויסגעפירט אַהין.

די ערשטע צייט האָט זיך געפילט אַן אָנגעצווינגנקייט, נישט גלויבן, אַ מין פאַרדאַכט פון די אַרבעטער צו אים. ערשטנס, צו וואָס אַריינגעמען לערנער? צווייטנס, וואָס עפּעס גאָר אַ שרייבער, ווען עס גייען אום אַזויפיל אַרבעטער ליידיק? אָבער דאָס איז באַלד פאַריבער. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן מיט די אַרבעטער זייער גוט, און איז אויך מיטגעגאַנגען צו זייערע מיטינגען.

די מיטינגען זענען פאַר אים געווען די ערשטע צייט אַזוי ווי ער וואָלט געליטענט אַ העכסט אינטערעסאַנטן ראָמאַן. אָבער דאָך —

ער איז אויפגעשטאַנען פון בענקל און האָט אַ טראַכט געטאָן וואָס איז אייגנטלעך דער „דאָך". און גלייך האָט ער זיך אַליין געגעבן צו דערקלערן, אַז נישט קוקנדיק אויף זיין בעסטן ווילן און דעם בעסטן ווילן פון די אַרבעטער פילט ער זיך דאָך אַביסל אָפּגעפרעמדט פון זיי. פיל זאַכן ווי זיי רעדן, ווי זיי טוען, ווי זיי באַציען זיך, זענען אים אַזוי פרעמד, אַז אָפּט מוז ער זיך איינהאַלטן נישט צו באַמערקן זיי דאָס.

— ווו איז די פּאָעזיע פון דער אַרבעט, — האָט ער זיך אַליין געטראַכט, — אָט די פּאָעזיע, וואָס ווערט אַזוי באַזונגען.

— איז דען די פּאָעזיע, אויפשטיין פּאַרטאָג און לויפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער צו דער אַרבעט מיט נאָך טויזנטער אַזעלכע ווי דו? ווערן דערשטיקט און צעקוועטשט אין דעם אונטערערדישן באַן. טרעטן איינער דעם צווייטן אויף די פיס און מיט אַ קני פון הינטן אַריינגעשטופּט ווערן אין וואַגאָן און דערנאָך אַזוי אַרויסגעטראָגן ווערן אויף דער סטאַציע און ווייטער לויפן. לויפן און שטופּן זיך אין דעם ליפט, וואָס ברענגט דיך צום שאַפּ, כאַפּן די באַנדלעך, ווייטער זיך יאָגן. דאַן מיטאָג צייט, דאַן פאַרנאַכט, און אַזוי אַלע טאָג, אַלע טאָג. ווו איז דאָ די פּאָעזיע?

יאָ, פיל מאָל פאַרגעסט מען זיך אין דעם ריטם פון דעם מאַשינען גערויש, אין דעם נישט - אויפהערנדן אייזערנעם גערויש סיי פון אינעווייניק, סיי פון דרויסן. מען פאַרגעסט דאַן אויף דער גאַנצער וועלט, מען ווערט אַ טייל אָט פון דער אייזערנער קראַפט, מען הערט אויף צו אָטעמען, מען ווערט איינס פון די רעדלעך, פון דער מאַשינעריע. דו פאַרגעסט, אַז דו האָסט דיין אייגענעם איך, דיין אייגענעם ווילן, און ווען דו ערוואַכסט פון דעם, דאַן וואָס דערזעסטו?

איינגעהויקערטע מענטשן, גלעזערנע אויגן, בלייכע, מאַטע פּנימער, פאַרשפּיצטע באַקן-ביינער. אברים, וואָס אַרבעטן ווי אין חלום, אַזוי מעכאַניש זעען זיי אויס, און ווען דו פרעגסט עפּעס איינעם, פאַרשטייט ער דיך נישט, קוקט אויף דיר אַזוי, ווי ער, אָדער דו וואָלסט פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן. און אַרום גייט דער

גראָבער אַהער דינער באַלעבאָס. — מיטן פּאַרמאַן, און יאָגן און טרייבן אונטער.

אפשר איז גאָר גערעכט זיין אַלטע באָבע, דאָרט אין דער אַל־טער היים, וועלכע פלעגט זאָגן, אַז דער מענטש מוז געבוירן ווערן צו יעדער זאַך. אפילו צו זיין אַן אַרבעטער — האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט. דו אַרבעט און בעט גאָט, ווייל דו ביזט צו דעם געבוירן געוואָרן. אַה, פאַרפלוכט! — האָט ער זיך אויסגעזידלט. ער דער־מאָנט זיך.

דאָס האָט געטראָפן די ערשטע וואָך ווען ער האָט זיך נאָר געשטעלט אַרבעטן. מיטאָג צייט. דער באַלעבאָס פון שאָפּ, אַ קורץ, גראָב יידל מיט אַ שפּאַניש בערדל און פאַרלאָפענע אויגן, האָט אָפּ־געשטעלט די מאַשינען פינף מינוט פאַר גיין צו מיטאָג און האָט זיך אָפּגערופן צו די אַרבעטער: נו, באָיעס, קומט אַהער און מיר וועלן מאַכן אַ לחיים. מיין טאָכטער איז מיט מזל געוואָרן אַ כלה. איך האָב איר געקויפט אַ הויז אויפן קאַנקאָרס.

ער האָט אָנגעהויבן אויסטיילן שנאַפּס פון אַ גרויסער פלאַש, וואָס ער האָט געהייסן אַרויסברענגען פון אָפּיס, די פּאָר עלטערע אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן שוין צו עטלעכע יאָר, זענען צוגעגאַנגען און געווינטשעוועט אים, מיט זיין הויזגעזינט לאַנגע יאָר, גליק און זיך אָנגעהויבן צו פרעגן ווער דער חתן איז. יענער האָט זיי אָנגע־הויבן צו דערציילן. דעם און דעמס זון. פון אַ באַוווסטן מאַנו־פעקטשורער. אייניקע אַרבעטער און אויך בערעזין זענען געשטאַנען פון ווייטן, נישט צוגעגאַנגען. דער באַלעבאָס האָט זיי צוגעשריגן:

— וואָס קומט איר נישט צו? קומט, נעמט אַ שנעפּסל? —

אַ פּאָר האָבן געכאַפּט זייערע רעקלעך און זענען אַראָפּגעלאָפן. בע־רעזין איז געבליבן. ער טרינקט נישט. די אַנדערע אַרבעטער האָבן איינגערוימט דעם באַלעבאָס, אַז ער איז אַ שרייבער. ווען דער באַ־לעבאָס האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך גלייך צעשריגן: אַזוי׳ דאַנקען זיי דאָס אַפּ פאַרוואָס איך לאָז זיי מאַכן אַ לעבן, פאַר־וואָס איך גיב זיי אַרבעט, אָט די שלעפּערס! ווען איך נעם זיי נישט אַריין אין שאָפּ, וואָלטן זיי דאָך געשטאַרבן פון הונגער!

און האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן פאַר בערעזינען אויף דער שווערער צייט, וואָס ער לעבט איבער און ווי ער לייגט צו געלט,

און ווי די ארבעטער זענען נישט דאנקבאר. נישטא אמאליקע ציימן, ווען דער ארבעטער און באלעבאס איז געווען איינס, ווען דער אר־בעטער האט געזען ארויסהעלפן דעם באלעבאס מיט וואס ער האט נאר געקאנט, ארבעטן ביז שפעט אין דער נאכט ווען מען האט געדארפט, ארויסענדיקן די ארבעט און נישט פאדערן אפילו קיין באצאלט. זיי האבן געוווסט אין וואס פאר א לאגע דער באלעבאס געפינט זיך. און איצט — האט ער א מאך געטאן מיטן האנט, — איצט ווילן זיי אפילו מיר נישט זאגן קיין מזל־טוב, ווען איך האב אזא שמחה. אבער איך וועל זיי ווייזן די שלעפער! — האט ער זיך אומגעקוקט צו די עלטערע ארבעטער, וואס האבן אים אנ־געהויבן איינרעדן.

בערעזין האט געשמייכלט: די פילאזאפיע און מאראל פון די ארבעטס־געבער. און ווער איז ער? אליין א געוועזענער ארבעטער, געווען א טוער אין א יוניאן אויך.

בערעזין האט נישט באמערקט, ווי ער האט טראכטנדיק אזוי אנגעהויבן זיך אנטאן, איינוואשן זיך, ראזירן, אזוי ווי ער וואלט זיך געגרייט ערגעץ גיין. אט דאס ביסל צייט, ווען ער האט זיך אפגעגעבן רעכענונג וועגן זיינע פאר וואכן ארבעט אין שאפ האט ער זיך אנגעהויבן פילן פרישער, מונטערער, און נישט אזוי מיד.

מען האט אנגעקלאפט אין טיר. עס איז ארייננעקומען זיינער א פריינט, א שרייבער אין א ציימונג.

— וואס מאכסטו, בערעזין? — האט ער זיך דערפרייט. — ווי גייט דיר דיין ארבעט?

— מען שקלאפט. מען מאכט זאכן, וואס דו וועסט קיינמאל נישט אנטאן און עשירות, וואס דו וועסט קיינמאל אין דיינע אויגן נישט זען. אבער דאך. מען האט כאטש א שטיקל ברויט און מען דארף זיך נישט בעטן ביי די רעדאקטארן זיי זאלן דיר טאן א טובה און עפעס נעמען ביי דיר. וואס הערט זיך ביי אייך? וואס הערט זיך אין קיבעצארניע? די גאנצע צייט, וואס איך ארבעט, אין ערגעץ נישט געווען.

— גארנישט. וואס זאל זיך הערן? טויט, ווי אויף א בית־עולם, אזוי ווי פריער. גאר נישט געביטן זיך. יעדער פאר זיך. איינער

פאַר דעם צווייטן אַרט נישט. אַן אַלטע מעשה. דו ווייסט, וואָס איך בין געקומען צו דיר?

— וואָס? מיך האָט עס טאַקע געוווּנדערט.

—מיר האָבן היינט אַ באַנקעטל צום אַרויסגאַנג פון דעם ערשטן נומער פון אַ נייעם זשורנאַל. בין איך דיר געקומען נעמען מיט זיך.

אַ קעלער. עלף אַזייגער ביינאַכט. נידעריק און אָנגערויכערט. פון פינף טישן געמאַכט איין טיש. ווי פון זיך אַליין האָט זיך דער קעלער צעטיילט. פון איין זייט די שרייבער מיט זייער באַנקעט, פון צווייטן זייט דאָס פאָלק, וואָס איז געקומען נאָכן טעאַטער זען די שרייבער.

איין טיש אין דער לענג פון וואַנט. זיצן די שרייבער, יונגע, אַלטע, עלטערע. אַ פּאָר מיידלעך. מער מענער ווי פרויען. מען האַלט רעדעס.

דער פאָרזיצער, אַן אַלטער שרייבער, האַלט אַ קורצע איינ־לייטונג. דערציילט וועגן וואָס? וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער נישט וועגן דעם זשורנאַל. ער רעדט:

— פאַר דער לעצטער צייט לעבט איבער אונזער יידישע לי־טעראַטור אין אַמעריקע אַ קריזיס. מען קויפט נישט קיין ביכער און מען וויל נישט אַרויסגעבן קיין ביכער. מיר האָבן זייער פיל שרייבער און זיי האָבן נישט ווו צו דרוקן און דערפאַר איז ביי אונז די גרעסטע פרייד, ווען מיר זעען ווי איינער פון אונז, מיט לײדיקע הענט, הויבט איצט אָן אַרויסגעבן און האָט שוין אַרויס־געגעבן דעם ערשטן נומער פון אַ נייעם זשורנאַל. פון דעם ערשטן נומער קאָנען מיר נאָך נישט וויסן, וואָס ער וועט זיין און אין וואָס ער וועט זיך אַנטוויקלען. אָבער איינס קאָן מען זאָגן, אַז די ענער־גיע פון זיין רעדאַקטאָר איז נישט אָפּצושאַצן. און איך דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער איז איינער פון די שענסטע און בעסטע פּאָעטן, — ער איז פון די גובערניעס, וואָס האָבן אונז אַרויסגע־געבן אַזויפיל שרייבער, פּאָעטן.

און עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ לויבגעזאַנג צו דעם רעדאַקטאָר,

וואָס איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דעם, וואָס ער האָט פאָרגע־שטעלט צום וואָרט דעם רעדאַקטאָר אַליין.

דער רעדאַקטאָר, אַ יונגערמאַן, וועמענס אויסזען עס האָט ממש אַרויסגעשריגן, אַז ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו לעבן אויף דער וועלט: שיינע מיידלעך זענען דאָ, עלטערע, יינגערע, עס מאַכט נישט אויס, קעלערס ווו מען קען גוט אָפּעסן און אָפּטרינקען זענען אויך דאָ. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און האָט געזאָגט:

— פריינט, קאָלעגן און פאָלק — אין דער זייט ווו עס איז געזעסן „דאָס פאָלק" און האָט זייער געשמאַק געגעסן גראָשיצע און פאַרטרונקען מיט וויין, — מיין גרויסער פריינט און קאָלעגע האָט מיך היינט געלויבט דאָ פאַר אייך. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך נעם דאָס אָן, ווייל איך בין דאָס אמת ווערט. איך האַלט פון דעם כלל, אַז איך, אַ לעבעדיקער בין פיל מער ווערט פאַר דער ליטע־ראַטור און קולטור ווי אַ טויטער שעלי, געטע אָדער בייראָן. איך וועל נישט דערציילן די שוועריקייטן, וואָס עס האָט איבערגעטראָגן און וועט נאָך אויסטראָגן דער זשורנאַל. איך אַליין דאַרף גיין מאַכן אַבאָנענטן, נעמען אַדווערטייזמענטס און אַזוי ווייטער. אָבער איינס וועל איך אייך זאָגן, אַז מיין זשורנאַל וועט זיין אַ פרייע טריבונע פאַר אַלעמען. פאַר אַלעמען אָן אונטערשיד. ווען איר קוקט דורך די נעמען פון די מיטאַרבעטער פאַרשטייט איר שוין אַליין, אַז דער זשורנאַל איז פאַר אַלעמען און אַלע וועלן דאָרט האָבן אָרט.

ער האָט פאַרענדיקט מיט אַ לויב־געזאַנג צו דעם פאָרזיצנדן.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט מער פון אַלעמען געקלאַפּט און געליאַרעמט דאָס אָנגעפּרעסענע און אָנגעזויפענע „אַריינגעבלאָנ־דזשעטע פאָלק" און אַלס דאַנק פאַר די רעדעס האָבן זיי געהייסן דערלאַנגען עטלעכע פלעשער וויין צום טיש פון די שרייבער אויף זייער רעכענונג. דער פאָרזיצער האָט זיי באַדאַנקט און זיי אויך געגעבן דאָס וואָרט.

— עסקיוז מי, — האָט איינער פון זיי, וואָס האָט זיך אויפ־געשטעלט רעדן אַ האַרטן גרעבץ געטאָן, — לייִדיס און דזשענ־טעלמען! מיטן גרעסטן פאַרגעניגן האָבן מיר דאָ געהערט אייערע רעדעס און אַזאַ „פאָן" האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט (ביי די

שרייבער־טישן איז געוואָרן אַ באַוועגונג). איך האָב זייער זעלטן געזען יידישע שרייבער און נאָך זעלטענער האָב איך זיי געלעזן. ווער האָט דאָס צייט? מען לייענט אַ „פּייפּער'' און דאָס אַלץ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געוווּסט, וואָס צו זאָגן ווייטער און האָט פּלוצלונג פאַרענדיקט. דאָס אַלץ, טהענקיו.

די שרייבער זענען געבליבן זיצן אַזוי ווי מען וואָלט זיי באַגאָסן מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער. אָבער דער באַלעבאָס פון קעלער איז זיי געקומען צו הילף און אויך דער רעדאַקטאָר. דער באַלעבאָס האָט געהייסן שפּילן אויפן צימבל און דער רעדאַקטאָר האָט אַלעמען אויסגעטיילט זיין זשורנאַל.

בערעזין איז די גאַנצע צייט געזעסן אין אַ שטילן כעס. אויף וואָס ער איז אין כעס האָט ער זיך אַליין נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג. נישט ווילנדיק, פון זיך אַליין, האָט ער געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן די אַלע דאָ און צווישן שאָפּ וווּ ער האָט געאַרבעט, און מען קען נישט זאָגן, אַז דער פאַרגלייך איז געווען צוגונסטן די קעלער־געסט. ער האָט זיך אומגעקוקט און זיינע אויגן האָבן זיך געטראָפן מיט שוואַרצע אויגן פון אַ מיידל, וואָס איז געזעסן קעגן אים אויף דער צווייטער זייט טיש. דאָס מיידל האָט ער קיינמאָל נישט געזען, נאָר אַ מאָדנע נאָענטקייט האָט ער צו איר דערפילט און אין דער איינענער צייט אַ ווילן אַרויסצוזאָגן, וואָס עס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן. ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס מיידל אויך דערפילט, ווייל זי האָט צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. בערעזין האָט זיך דערוואָרט ווען די מוזיק האָט זיך געענדיקט און געבעטן דאָס וואָרט. פון אָנהויב האָט זיין שטים אַ ביסל געציטערט, אָבער גלייך איז זי געוואָרן פעסט און גערעדט האָט ער אַזוי ווי ער וואָלט געקלאַפּט טשוועקעס אין וואַנט:

— איך האָב דאָ געהערט רעדן סיי פון אונזערע אַלטע שרייבער, סיי פון אונזער יונגן רעדאַקטאָר. מען האָט זיך איינער דעם צווייטן געלויבט, וויפל מען האָט געוואָלט, פונקט אַזוי ווי צוליב דעם וואָלט מען געמאַכט דעם באַנקעט. אָבער, וואָס פאַר אַ זשורנאַל דאָס וועט זיין, וואָס פאַר אַ ריכטונג וועט ער האָבן, מיט וואָס

ער וועט זיך אונטערשיידן פון אנדערע, און צו וואס מען דארף אים בכלל, האבן מיר דא נישט געהערט און מיר ווייסן נישט.

— איר האט אונז דערציילט, אז אלע וועלן אין אים האבן א פלאץ און צווישן די מיטארבעטער, וואס עס זענען אויסגעשטעלט אויפן שער־בלאט — האט ער אנגעוויזן אויפן זשורנאל, וואס ער האט געהאלטן אין האנט — פעלט נאר פויגל־מילך. אלע זענען דא אין דעם זשורנאל, אלע וועלן דארט שרייבן, און איך פרעג אייך:

— אט האט איר דעם זשורנאל. ער איז געשריבן געווארן אזוי, ווי זיינע אנטיילנעמער לעבן נישט דא, נאר ווער ווייסט ווו, און זענען צו קיינעם נישט פאראנטווארטלעך. עס איז געשריבן געווארן אזוי ווי מיר וואלטן געבן אביסעלע „פאן" אט די, וואס האבן אונז געשענקט זעקס באטל וויין, דערפאר, ווייל מיר האבן זיי פריילעך געמאכט און עס האט זיך זיי בעסער געגעסן די „גראַ־שיצע". און וועגן די לידער איז דאך שוין גארנישטא וואס צו רעדן. אזעלכע לידער, אין אזא פארם, מיט אזעלכע געפילן, האט מען געשריבן אין מיין באבעס צייטן. פרעג איך אייך: צוליב וועמען שרייבט איר און ווער איז אייער לעזער?

— איך ווייס, איר וועט מיר דא זאגן: קונסט צוליב קונסט. איר אליין ווייסט דאך אבער, אז דאס איז נישט ווערט קיין ציבעלע, פשוט דערפאר, ווייל אזא זאך עקזיסטירט נישט און עס איז נישטא אויף דער וועלט. און מער פון אלעמען וווּנדערט מיך, וואס דער גרעסטער טייל פון אייך זענען דאך ארבעטער. אט דער איז א שוסטער. א צווייטער איז א פארבער. א דריטער איז א לערער און שרייבן שרייבט איר, מילד גערעדט, אזוי ווי איר וואלט געהאט אין זינען נאר צו פארגרינגערן דאס איבערקאכן פון דער גראשיצע אדער פון סטייק, וואס נישט א י ר עסט, נאר אימיצער אנדערש.

—ווער זענען אונזערע לעזער? איר זאגט: מען קויפט נישט קיין ביכער? געוויס קויפט מען נישט, און וואס זאל מען קויפן? זיי דארפן נישט פארלייכטערן זיך דעם איבערקאכן פון זייער עסן, ווייל זיי האבן נאך אינגאנצן נישט געגעסן. זיי זענען הונגעריק און איר ווילט פון דעם נישט וויסן — האט ער פלוצלונג אפגעהאקט און האט זיך געזעצט.

עס איז געווארן א טומל. בערעזין האט זיך אנגעהויבן פילן

שלעכט, ער איז אויפגעשטאנען און איז ארויס. אפגייענדיק א פאר הייזער האט ער דערהערט, ווי מען רופט אים ביים נאמען. ער האט זיך אומגעקוקט און דערקענט דאס מיידל, וואס איז געזעסן קעגן אים.

— קען איך מיט אייך אביסל גיין?

בערעזין האט נישט געענטפערט און געגאנגען ווייטער.

—איר פארשטייט, — האט ער אנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אליין, — איך ארבעט שוין באלד ארום דריי וואכן אין שאפ און די ארבעט מיט די ארבעטער האט מיך פיל געלערנט. די ארבעט אליין געפעלט מיר שוין גאר נישט, א שקלאף. אבער די ארבעטער...

זיי זענען געגאנגען און געשוויגן. די פינסטערע פארדרייטע דאונטאון־געסל האט געאטעמט מיט דעם רויך פון געברענטע בערעטער, פאפיר און שמאטעס, מיט דעם רויך פון דער ארעמקייט, וואס איז געווען באגראבן אין די פינסטערע הייזער. איינציקע שכורים האבן פארבייגעבלאנקעט. בערעזין האט זיי נאכגעקוקט. דאס מיידל איז געגאנגען ביי דער זייט.

— וווהין גייט איר? — האט ער דערהערט דעם מיידלס שטימע.

— איך ווייס נישט, — איז ער געבליבן שטיין און האט זיך א כאפ געטאן, — ווי שפעט איז עס?

דער זייגער האט געוויזן האלב נאך איינס.

— וו ווינט איר? וועל איך אייך אפפירן.

דאס מיידל: וו ווינט איר?

— אין הארלעם.

— איך וועל גיין צו אייך.

בערעזין האט גארנישט געזאגט. זיי זענען אריין אין סאבוויי.

דער זייגער ערשט האלב נאך זיבן. די מיידל נישטא. פרי אוועקגעגאנגען. זי ארבעט היינט, — אזוי האט זי געזאגט, — וואס פאר אן ארבעט, ווייסט ער נישט. נישט געפרעגט. ער ארבעט היינט נישט, איז ער געלעגן און האט זיך געוווּנדערט. דעם ערשטן מאל אין זיין לעבן טרעפט אים, אז א מיידל זאל גאר אים פארליבן צו אים. שטענדיק האט ער געדארפט איינרעדן די פרוי־

און דאָ, — אַ מיידל, ווען ער האָט קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען, דעם ערשטן מאָל באַגעגנט, אַליין זיך פאַרגעשלאָגן און טאַקע געטאַנצט.

ער איז געלעגן פויל, נישט געוואָלט זיך רירן, האָט איבערגעטראַכט דעם פרימאָרגן.

אין דער פרי, דאָס מיידל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף. מען קען נישט זאָגן, אַז זי איז געשלאָפן. האָט זיך איינגעוואַשן, אָנגעטאָן. פאַרן אוועקגיין אָנגעשטעלט אירע אַביסל קאָסאָקע אויגן אויף בערעזינען, — ער האָט ערשט דאַן באַמערקט, אַז אירע אויגן זענען קאַסאָקע, און האָט אים געפרעגט, אַזוי קאַלט און רואיק, עס איז אויסגעקומען, אַזוי ווי זי וואָלט אים נישט געפרעגט, נאָר באַשטעטיקט:

— איר האָט אַ געליבטע?

בערעזין, ווי ער וואָלט זיך פאַרלוירן פון דער פראַגע, האָט געשטאַמלט:

— איר... איך האָב געוואָלט... איר זענט...

מיט דעם איינציקן אויסדרוק פון איר טרוקן־מאַטן פנים, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט אַ לייכטער רויטקייט.

— איר דאַרפט זיך נישט פאַרענטפערן. איך ווייס, אַז איר האָט אַ געליבטע.

— פון וואַנען ווייסט איר?

— נאָר אַ מענטש, וואָס האָט אַ געליבטע קען זיך אַזוי פאַרהאַלטן צו אַ פרוי, ווי איר צו מיר די נאַכט.

בערעזין האָט געפילט, אַז זיין פנים פלאַמט אים, זי האָט פאַרגעזעצט:

— איך וואַרף אייך נישט פאָר. איך באַשולדיק אייך אין גאָרנישט. איך האָב געדאַרפט פרעגן אויב איר האָט אַ געליבטע. ווען איך האָב נישט געפרעגט איז דאָס מיין שולד. גוד ביי.

בערעזין איז אַרויסגעשפרונגען פון בעט. זי פאַרהאַלטן:

— וועלן מיר זיך נאָך ווען עס איז טרעפן?

— צו וואָס?

— איך ווייס אַליין נישט. איך קען אייך נישט אַפּלאָזן אַזוי.

איך פיל, אז מיר וועלן זיין גוטע פריינט.

זי האָט געשמייכלט.

— באַגעגענען זיך, צו וואָס? וואָס קאָן דאָס אונז געבן? מיר ביידע האָבן זיך באַגעגנט אין אַ מינוט פון דער זעלבער איינזאַמקייט, אין אַ מינוט פון בענקשאַפט. און מיר האָבן זיך ביידע גענאַרט. איך האָב נישט צו אייך קיין טענות. וועלן מיר זיך ווען עס איז טרעפן צופעליק, איז גוט; ווען נישט—איז אויך דאָס אייגענע.

בערעזין האָט געפילט די ריכטיקייט פון אירע באַמערקונגען און אין דער אייגענער צייט האָט זיך אין אים דערוועקט אַן עקשנות: פאַרוואָס זאָל זי עפּעס זיין אַזוי? וואָס „אַזוי" האָט ער אַליין נישט געוווסט. נאָר אים האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן פאַרוואָס זי רעדט דאָס, וואָס ער האָט גאָר גענדאַרפט רעדן. אים האָט זיך געוואָלט איר פאַרהאַלטן, נישט לאָזן אַוועקגיין. ווי עס האָט אויסגעוויזן האָט די מיידל פאַרשטאַנען זיין טראַכטן און האָט אַ קורצן לאַך געטאָן.

— מענער קענען נישט פאַרטראָגן, ווען אַ פרוי רעדט אַזוי. ווי עס איז אָנגענומען, אַז מענער זאָלן רעדן.

בערעזין האָט זיך דערפילט געכאַפּט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט.

— איר זענט גערעכט, — און נאָך אַ קורצן שווייגן, — אָבער נישט אינגאַנצן. צוגייענדיק, האָט ער אים אַרומגענומען, איבערגעפירט מיטן האַנט איבער די האָר.

— איך האָב גאָרנישט געמיינט מיט דעם. איך ווייס, אַז איר פאַרשטייט מיך נישט. עס קען זיין איר טראַכט, וואָס עס טראַכט יעדער מאַן אין אַזאַ פאַל. אָבער צו אייך האָב איך נישט קיין טענות. איר האָט זיך געפירט, ווי איר האָט געפילט. באַגעגענען זיך ווייטער, — צו וואָס?

ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— דעם ערשטן מאָל באַגעגן איך אַ פרוי, ווי איר. יאָ. איך זאָג דאָס אָפן. אַלע פרויען, אָט די וואָס איך האָב געקענט, האָבן שטענדיק געוואָלט און ווילן איבערמאַכן דעם מאַן. נישט אַלע מאָל געלינגט זיי און עס קומען טראַגעדיעס. — ער האָט זי אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני. — איך וועל אייך ענטפערן ווי איר האָט

צו מיר גערעדט. יאָ, איך האָב געהאַט אַ ווייב, זיך צעגאַנגען. איך האָב געהאַט אַ געליבטע, מיך פאַרלאָזן. ווער ווייסט, אויב זי וועט זיך אומקערן. עס איז ריכטיק, די גאַנצע צייט, אַט די גאַנצע נאַכט, האָב איך געטראַכט וועגן איר און פיל זיך שולדיק קעגן אייך. אָבער איצט, וואָלט זיך מיר וועלן האָבן אייך אַרום מיר. האָבן זייער נאָענט, — האָט ער זיך איינגעגעסן אין אירע ליפּן, וואָס זענען געווען בלוטרויט. זי האָט אים געענטפערט. ער איז צוגעפאַלן צו איר. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט זי אים פאַרלאָזן און פאַרן אוועקגיין האָט זי גענומען זיין אַדרעס און זיין טעלעפאָן, אָבער אירן האָט זי נישט איבערגעלאָזן.

ער איז געלעגן און האָט זיך געוואָלט דערגרונטעווען, וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען נעכטן אויפן באַנקעט און נאָכדעם מיט דעם מיידל.

שפּעט בייטאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט, גענומען אַ וואַנע און ווען ער איז אַראָפּ אונטן האָט ער געפונען אַ בריוו. דער בריוו איז געווען פון גערען.

— אַ פאַרגעפּיל, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און נישט עפענענדיק דעם בריוו איז ער אַרויס פון שטוב.

— מען דאַרף עפענען דעם בריוו, — האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן און אין דער אייגענער צייט האָט זיך אים עפּעס נישט געוואָלט עפענען, אים האָט זיך געוואָלט, אַז נישט עפענענדיק זאָל ער ווייסן, וואָס דאָרט שטייט.

— בייזט אַ פייגלינג, — האָט ער זיך אויסגעזידלט, כאַפּנדיק זיך, אַז ער וויל דערפאַר נישט עפענען דעם בריוו, ווייל ער האָט מורא טאָמער וועט זי נישט קומען צוריק.

ער איז אַראָפּ אין סאָבוויי. פאַרבייגייענדיק דאָס בידל, ווו מען בייט די קליינגעלט האָט ער דערזען, אַז עס איז האַלב נאָך עלף. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דער טשערמאַן האָט אים געהייסן קומען אין יוניאָן אַפּיס און ער האָט נאָך גאָרנישט געגעסן.

דער סאָבוויי האָט געקלאַפּט און געטאַראַרעקעט אויף וואָס די וועלט שטייט. ווי שטענדיק האָט מען נישט געקאָנט הערן וואָס מען רעדט און אַפילו לעזן האָט מען אויך נישט געקענט, דאָך האָט בערעזין אויפגעריסן דעם בריוו. ער

האָט אים געלייענט איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, און האָט אים נישט פארשטאַנען. עס האָט זיך אים פּשוט נישט געגלויבט. געראַ האָט געשריבן וועגן דעם, אַז זי פילט זיך נישט גוט. דער געליבטער איז קראַנק. און אין אַלגעמיין פילט זי צו אים אַ מאָדנע פרעמדשאַפט. איר פאַרדריסט, וואָס זי איז געפאָרן צו אים. איצט ווייסט זי נישט, וואָס צו טאָן. זי וואַרט ער זאָל איר שרייבן, וואָס ער מאַכט.

די באַן האָט זיך אַ דריי געטאָן צו אַ סטאַציע און עס האָט אים אַ וואָרף געטאָן אויף אַ דיקער פרוי, וואָס איז לעבן אים געזעסן.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער זיך אויסגעגליכט. די ווייכקייט פון דער פרוי האָט אים דערמאָנט אויף דער מיידל און אַ מאָדנער פאַרדרוס האָט אים אָנגעכאַפּט. אַ פאַרדרוס אויף געראַן, פאַרוואָס זי האָט פריער נישט אַרויסגעשיקט דעם בריוו, פריער, אַז ער זאָל אים געהאַט באַקומען איידער ער האָט באַגעגנט דאָס מיידל, — און ווי פון זיך אַליין האָט ער אָנגעהויבן זיי ביידן צו פאַרגלייכן.

דאָס, וואָס ער האָט געדאַרפט אַרויסגיין פון סאַבוויי, האָט איבערגעריסן זיין טראַכטן. ביים רעכטן אַרויסגאַנג האָט ער געטראָפן דעם „דראַנג”, וואָס האָט געאַרבעט מיט אים.

דער יוניאָן אָפיס. די געביידע, — דאָס אייגנטום פון דער יוניאָן, — איז פיר שטאָק.

ווען בערעזין און דער „דראַנג” זענען אַריינגעקומען האָבן זיי שוין דאָרטן געטראָפן אַלע אַרבעטער פון שאָפּ. נאָר צוויי האָבן געפעלט. שמחה דער רויטער און די שוואַרצע סאַראַ. דער טשערמאַן פון שאָפּ האָט דערקלערט, מען האָט געשיקט צוויי מענטשן אויסצוגעפינען, אויב זיי אַרבעטן נישט היינט, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי אַרבעטן אין דער צייט, וואָס מען טאָר נישט אַרבעטן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען זיי אַריינגעבראַכט. דער טשערמאַן איז געווען גערעכט: זיי האָבן געאַרבעט. נישט נאָר זיי אַליין, נאָר מ'האָט דאָרט געטראָפן אַרום צוואַנציק אַנדערע אַרבע־

מער פון פרעמדע שעפער. זיי זענען זיך גלייך צעלאָפן, ווי נאָר זיי האָבן דערזען די קאָמיטע. מען האָט באַשלאָסן זיי צו ברענגען צו דער עקזעקוטיוו באָרד און דערווייל האָט דער טשערמאַן ביי זיי צוגענומען די יוניאָן - ביכלעך. דער „דראַנג" האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי.

— לאָזט מיך. איך וועל אים צעברעכן די ביינער, דעם סקעבאַטש! איך וועל אים ווייזן ווי אַזוי אַרבעטן שבת. די וועלט איז אים ווייניק. שוין לאַנג האָב איך נאָכגעשפּירט, אָבער קיינמאָל האָב איך אים נישט געקענט כאַפּן. ווי לאַנג אַרבעטסטו שוין די אָווערטיים? זאָג, אָדער איך וועל דיר צעברעכן די ביינער!

מען האָט זיי צוגעפירט צום מענעדזשער. דער מענעדזשער פון יוניאָן האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין צימער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי אַרבעטן שוין אַריבער 86 שטונדן. און ווי בערעזין האָט נאָכדעם אויסגעפונען האָט דער באַלעבאָס געמוזט איינצאָלן פאַר דער אָווערטיים און ער איז נאָך באַשטראָפט געוואָרן מיט 100 דאָלאַר. יעדער פון די אַרבעטער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט 25 דאָלאַר.

דער שאָפּ טשערמאַן האָט זיי אַלעמען אַריינגערופן צו אַ מיטינג און גלייך אָנגעהויבן.

— ברידער, — איך האָב אייך גערופן ספּעציעל, ווייל איך האָב געוווּסט וועגן די, וואָס אַרבעטן היינט, — האָט ער אָנגעוויזן אויף די צוויי אַרבעטער. — אונזער שאָפּ איז שטענדיק געווען דער בעסטער און דער פאַרגעשריטנסטער און ווען ביי אונז אין שאָפּ האָט זיך געקענט טרעפן אַזאַ זאַך, היינט ווער ווייסט, וואָס עס קומט פאָר אין אַנדערע שעפּער.

— אַזעלכע אַרבעטער ווי די, זענען ערגער פון סקעבס, ווייל אַ סקעב איז אַן אָפענער שונא. מיט אים ווייסן מיר ווי צו האַנדלען. אָבער אַן אַרבעטער מיט אַ יוניאָן־ביכל אין קעשענע, וועלכע־מאַכט יד אחת מיטן באַלעבאָס און פאַרראַט די יוניאָן, איז הונדערט מאָל ערגער, און אַזוינע מוזן מיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסראָטן. און פאָרגעשלאָגן אויסצוקלויבן אַ קאָמיטעט פון שאָפּ, וואָס זאָל אכטונג געבן אויף דעם.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דעבאַטע.

דער ערשטער איז ארויסגעשפרונגען דער „דראָנג״.

— אזעלכע ארבעטער, ווי די, דאַרף מען ארויסוואַרפן,— האָט ער זיך צעשריגן, אָבער דער טשערמאַן האָט אים גלייך אָפּגע־שטעלט און האָט אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל רעדן וועגן דער קאָ־מיטע. האָט דער „דראָנג״ אויסגעשריגן:

— וואָס איז דאָ צו רעדן? אליין ווייסט איר נישט, אז מיר דאַרפן זיי נויטיק ווי אין לעבן?

אן אלטער ארבעטער איז אויפגעשטאַנען און געבעטן דאָס וואָרט:

— ברידער און טשערמאַן! אלע ווייסן מיר, אז אזא קאָמיטעט איז נויטיק. איך וועל אייך דערציילן פון מיינע דערפאַרונגען מיט מיין פריערדיקן באָס, וועט איר אליין פאַרשטיין. ביי אונז איז נישט לאַנג געוואָרן א יוניאַן שאָפּ. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָרט האָבן געאַרבעט יוניאַן לייט האָט קיינער נישט געוואָלט ווישן וועגן דעם שאָפּ אין אָפיס, ביז איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אהין. דעם ערשטן טאָג, — איך זע מען „רייבט״ אויף וואָס די וועלט שטייט, ביז זיבן, ביז אכט, ביז ניין אזייגער אין דער נאַכט. אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען איך בין געקומען זע איך, — דער עולם רייבט שוין א שעה צייט די „גראַנדע״. א פּאָר לערן־ייִנגלעך אויך צו דעם. געלאָזט ווישן אין אָפיס. נו, פאַרשטייט איר דאָך, אז עס איז אראָפּגעקומען דער איידזשענט און מען האָט מיך גע־מאַכט פאַר א שאָפּ־טשערמאַן. אָבער דאָס האָט אויך נישט גע־האָלפן. ווי נאָר איך בין אראָפּגעגאַנגען, אזוי פלעגן זיך די איבע־ריקע אומקערן. עס פלעגן נאָך צוקומען א פּאָר פרעמדע פון אַנדערע שעפּער און מען פלעגט רייבן אויף וואָס די וועלט שטייט.

גענומען די ארבעטער אין יוניאַן, — לייקענען זיי שטיי: און ביין, נישט געשטויגן נישט געפלויגן. דער אומגליק איז געוועזן, וואָס דאָרט האָבן געאַרבעט א פּאָר חברה גענגסטערס. דער באַלעבאָס האָט זיי שטענדיק געגעבן די בעסטע ארבעט, און זיי האָבן צוגע־זאָגט צו צעברעכן די ביינער יעדן איינעם, וואָס וועט נאָר וואַגן זאָגן א וואָרט, און מיר אויך אינמיטן.

איך האָב געזען, אז די שפּיל איז פאַרן טייוול, בין איך גע־קומען אין אָפיס. מיר האָבן גענומען מיט זיך א זעקס געזונטע

חברה, און אין אַ שבת זענען מיר אַרויסגעגאַנגען און געפּאַקט אַלעמען ביי דער אַרבעט. די שוואַכערע זענען זיך צעלאָפן, די שטאַרקערע האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן. נו, האָבן מיר זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער, און דעם שאַפּ דערקלערט אין סטרייק. איך דערצייל אייך דאָס דערפאַר, אַז איר זאָלט וויסן, אַז אויב מיר אַלע וועלן נישט נעמען די אַרבעט אין אונזערע הענט וועט די יוניאָן גאָרנישט טאָן און נישט קענען העלפן. אָבער דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצן.

דער באַלעבאָס האָט איינגעליינט סעקיוריטי, און פון מאַנאַט אַרום האָב איך זיך דערוווסט, אַז מען האָט אים די סעק־יוריטי צוריקגעגעבן. ווען איך האָב געפרעגט פאַרוואָס, האָט ער מיר געהייסן זוכן אַן אַנדער שאַפּ, אויב מיר געפעלט נישט. די קאָמיטעס איז אַ גוטע זאַך, אָבער זיי דאַרפן נישט נאָר אַכטונג געבן אויפן שאַפּ נאָר אויך אויף די באַאַמטע, און פונקט אַזוי ווי מיר שטעלן זיך קעגן דעם באַלעבאָס, דאַרפן מיר זיך אַ״ידי שטעלן קעגן די באַאַמטע, וואָס קומען נישט נאָך אונזערע פאָדערונגען צום שאַפּ.

— פאַנפּע נישט, וואָס דערציילסטו באַיקעס! — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ רויטער אַרבעטער מיט אַן אונטערגעבונ־דענער באַק, וואָס זיין קול האָט געקלונגען אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ ליידיקער פאַס — פאַנפּע נישט, דאָס אַלץ וויסן מיר.

בערעזין איז געזעסן, זיך איינגעקוקט אין די אַרבעטער און אַ מאָדנער געפיל פון טרויער און מאַכטלאָזיקייט האָט אים אַרום־געכאַפּט. ער האָט שוין נישט געהערט, וואָס די איבעריקע האָבן גערעדט, נאָר ער האָט געפילט, אַז וואָס די אַרבעטער זאָלן נישט ריידן איז ביי זיי באַהאַלטן אַ שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, אַ שרעק פאַר דער צייט, ווען זיי וועלן נישט האָבן קיין אַרבעט. און אַזאַ הילפלאָזיקייט האָט געקלונגען אין זייערע ווערטער, אַז אים האָט זיך געוואָלט אויפשטיין און אַוועקגיין.

נישט פיל זענען זיי ביים מיטינג. עס קאָן זיין, אַז איצט אין דעם מאָמענט קומען פאָר אַ סך אַזעלכע מיטינגען, וווּ מען וויל זיך אָרגאַניזירן נישט נאָר קעגן דעם באַלעבאָס נאָר אויך קעגן

דעם אָפּיס פון דעם יוניאָן. ער כאַפּט איינציקע אָפּגעריסענע ווער־מער. משה זאַסלאַווסקי רעדט:

— זאָל די יוניאָן אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט, אויב זיי ווילן. וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט דעם? מיר צאָלן גענוג דיוס. מיר מוזן האָבן אַרבעט, און ווען מיר קריגן שוין אַרבעט, קאָנען מיר זיך נישט קריגן מיטן באַלעבאָס. איך בין אַלט 58 יאָר. זעקס מאָנאַטן נישט געאַרבעט און איצט, ווען דער באַלעבאָס וועט זיך דערוויסן, וועט ער אונז אַרויסוואַרפן. מיין ווייב שרייט, אַז זי דאַרף מיך נישט. זי דאַרף נישט קיין אַלטע טראַנטע, ווי איך, וואָס קען אַפילו נישט פאַרדינען.

דער מיטינג האָט אָנגעהאַלטן זייער לאַנג. נישט גרינג איז אָנגעקומען די אַרבעטער צוזאַמענרעדן זיך און זיך אַליין ערקלער־ן וואָס זיי ווילן מיט דעם קאָמיטעט אין שאַפּ. איבערהויפּט האָט זייער פיל געשטערט דער אַלטער משה.

דער אַלטער משה איז געווען אַ ייד אַ באַוואַקסענער מיט האָר פון קאָפּ ביז די פיס. די נאָז, די אויערן, דער האַלז, די הענט, דער שטערן, אַלץ איז געווען באַדעקט מיט האָר. דער אַלטער משה איז אַ שניידער פון דער היים. דאָרט, אין זיין קליינעם שטעטל, האָט ער זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן שניידער, סיי פאַר מענער, סיי פאַר פרויען. ער פלעגט נייען פאַרן פּראָוויזאָר און זיין ווייב, פאַרן דאָקטאָר, פעלדשער און אַפילו איספּראַווניק. און דאָ אין אַמעריקע, האָט ער געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אַר־בעטער, וואָס קענען נאָר אויפנייען אַן אַרבל, אָדער אַ פראָנט, — פּרוווט זיי געבן אַ גאַנצע זאַך מאַכן — פלעגט ער טענהן צו די אַרבעטער — וואָס ווייסט איר און וואָס קענט איר? איר וועט דאָך אַפילו נישט וויסן, ווי אַזוי צוצוגיין צו דעם. און ער האָט גע־טענהט:

— צו וואָס דאַרפט איר דעם קאָמיטעט, וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס? מיר האָבן אַ שאַפּ - טשערמאַן, מיר באַלאַנגען צו דער יוניאָן, זאָל די יוניאָן דורכפירן, וואָס זיי ווילן. מיר צאָלן דיוס. מיר קענען זיך נישט קריגן מיטן באַלעבאָס. איר ווייסט, אַז מאָרגן קען ער אונז אַרויסוואַרפן. וואָס וועלן מיר אים טאָן?

— וועט איר קומען אין דער יוניאָן! — האָט אויסגעשריגן

ליזער דער „קאָמוניסט״ און דער „דראַנג״ האָט אונטערגע־באַפֿט:

— פּע, אַזאַ אַלטער ייד, און זאָל מורא האָבן פאַר די באַנדלעך. נישקשה, אייערס וועט ער אייך געבן. איר מיינט, אַז מיר ווייסן נישט וועגן אייך? מיר ווייסן, נאָר מיר טשעפּען אייך נישט, ווייל איר זענט אַן עלטערער ייד און האָט אַ יונג ווייבל, אַנישט וואָלטן מיר אייך געוויזן, ווו דער חמור שטייט.

אַלע זענען באַפאַלן דעם „דראַנג״ ער זאָל דערציילן, וואָס ער ווייסט. אָבער דער „דראַנג״ האָט נישט געוואָלט זאָגן. דער אַלטער האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט. ענדלעך האָט מען אויסגעקליבן דעם קאָמיטעט. בערעזין איז געווען איינער פון דעם קאָמיטעט. דער טשערמאַן מיט דעם קאָמיטעט האָט געדאַרפט באַשטימען אַלץ, וואָס איז שייך דעם שאָפּ, דעם באַלעבאָס און אויך די יוניאָן.

די גאַנצע נאַכט פון שבת אויף זונטיק איז בערעזין נישט גע־שלאָפן. שווערע קאָשמאַרן האָבן אים געוואָרגן. פון די שווערע חלומות איז אים איינער געבליבן אין זכרון און אים געדריקט די גאַנצע צייט.

א געזונטער בחור, א פאַרשוואַלמענער ווי א חזיר, מיט א פנים פון איינעם פון די, וואָס ער האָט געזען זיצן אין אווטאָמאַט, ווען ער איז אַראָפּ פון מיטינג. דער בחור שטייט איבער אים און וויל אים אָנכאַפּן פאַרן האַלז, פאַרמעסט זיך אים פאַרפאָרן אין די ציין, אונטער די אויגן, כאַפּט א מעסער אין האַנט. הינטער דעם בחור שטייט א גראָבער ייד מיט א גראָבן סיגאַר אין מויל, מיט א סך דימענטענע רינגען אויף זיינע פינגער, אויבערינגלעך און א גראָבע גאָלדענע זייגער־קייט, וואָס ציט זיך אין דער גאַנצער ברייט פון זיין גראָבן בייכל. ער שטופּט אונטער דעם בחור, ערמ־טיקט אים און שטופּט אריין דעם אָנפאַלער גאַנצע פּעק מיט פּאַ־פּירן־געלט אין האַנט און הייסט אים וואָס שנעלער פאַרענדיקן מיט בערעזינען. „מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז א שרייבער זאָל ווערן איינס מיט די אַרבעטער״. און דאָ הינטער בערעזינען שטייט משה דער אַלטער און בעט זיך ביי אים: „לאָז זיי נישט, איך בעט

דיך. פֿאַר דיר האָבן זיי דרך־ארץ. האַלט אים אָפּ. מיין ווייב וועט מיך אַרויסטרייבן, ווען איך וועל איר גאָרנישט נישט ברענגען, אויף וואָס דאַרף זי האָבן אַזאַ אַלטן ווי איך? וואָס וועל איך טאָן אויף דער עלטער אַליין? וווּהין וועל איך זיך קערן און ווענדן? אַפֿילו אין קיין מושב זקנים וועל איך נישט קענען אָנקומען, ווייל אַפֿילו אַהין נעמט מען נישט צו קיין קבצנים". און בערעזין שטייט און קעמפֿט די גאַנצע נאַכט. קעמפֿט אַפֿילו איצטער, ווען ער ווייסט, אַז דאָס איז אַ חלום, אַ קאָשמאַר.

אַ שווערער אומעט איז אים באַפֿאַלן. זינט נעראַ איז אָפּגעפֿאָרן זענען פֿאַר אים די זונטיקן געווען די שווערסטע צייט. ער האָט זיך אין די זונטיקן נישט געפֿונען קיין אָרט.

— וואָס קומט דאָ פֿאָר? — האָט ער זיך געוווּנדערט, — אַ יוניאָן, אַרבעטער, יוניאָן־באַאַמטע, באַלעבאַטים, גענגסטער, שטאַרקע. וואָס איז דאָ? וואָס פֿאַר אַ פֿאַרכישופֿטער קרייז איז דאָ?

די געדאַנקען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן. און אַזוי ווי ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכנונג און נישט געפֿונען קיין ענטפֿער, האָט דאָס אים געדריקט און ער האָט ווייטער געטראַכט:

— אַ יידישער שרייבער. אַזויפֿיל געשריבן, וואָס האָט דאָס פֿאַר אַ ווערט. די אַרבעטער אינגאַנצן פֿאַרזען. קיינמאָל נישט געקענט. הייַנט פֿאַר וועמען געשריבן? צו וואָס?

און אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער זיך דערמאָנט אויף גערשבריוו, וואָס ליגט שוין ביי אים אין קעשענע פֿון נעכטן אָן. ער האָט אים אַרויסגענומען, איבערגעלייענט און האָט אַ טראַכט געטאָן:

— מען דאַרף איר ענטפֿערן. אָבער ער האָט נישט געוווּסט, וואָס איר צו ענטפֿערן.

ער האָט זיך געפּרוווט פֿאָרשטעלן איר לעבן דאָרט מיט דעם צווייטן, אָבער קיין קלאָר בילד האָט ער נישט געהאַט פֿאַר זיך. אַזוי טראַכטנדיק וועגן גערשן האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם מיידל, וואָס האָט ביי אים געגעכטיקט, און אים האָט פֿאַרדראָסן, וואָס ער האָט ביי איר נישט גענומען איר אַדרעס. ער האָט זיך

געוואונדערט און געפרעגט זיך אליין, אזוי ווי ער וואָלט זיך וועלן דערקלערן: וואָס טוט זי און וווּ איז זי איצט?

דער געדאַנק וועגן דעם מיידל האָט זיך ביי אים צונויפגע־מישט מיט געראָס ברייוו און עס האָט אים אָנגעכאַפּט א שרעקלע־כע בענקשאַפט נאָך א צווייטן מענטשן. אים האָט זיך זייער פאַר־וואָלט זען דאָס מיידל. ער האָט זיך אָנגעטאָן, אַרויס פון שטוב, און ווען ער האָט זיך שפּעטער אַרומגעקוקט האָט ער זיך שוין געפונען נעבן זיין שאַפּ. די גאַסן זענען געווען ליידיק, ער האָט זיך נאָר געוואונדערט, צו וואָס ער איז פאַרקראָכן אַהין איצט.

דער שאַפּ. די ערשטע דריי טעג איז געווען שטיל. מען האָט געאַרבעט ווי געוויינלעך, אָבער דאָך האָט זיך דאָרט געפילט אַן אומרואיקייט, וואָס מען האָט נישט געקענט אָנווייזן פון וואָס זי האָט זיך גענומען, נאָר אַלע האָבן געפילט אָט די אומרואיקייט און דעריבער האָט זיך אויך נישט געאַרבעט ווי עס דאַרף צו זיין. איינציקע מאָל איז אַריינגעקומען דער ביזנעס־אייגענט פון דער יוניאָן. מיט די אַרבעטער האָט ער ווייניק גערעדט. דורכגעגאַנגען דעם שאַפּ, און אונטער פאַרשידענע אויסריידן פלעגט ער אַריינ־גיין צום באַלעבאָס אין אָפיס און דאָרט בלייבן זיצן א לענגערע צייט און אַוועקגיין, נישט ווייזנדיק זיך צווישן די אַרבעטער.

— זיי קענען זיך שוין אַביסל צו גוט, — פלעגט שטענ־דיק קריצן מיט די ציין לייזער און דער „דראַנג” פלעגט צוגעבן — אַלטע באַקאַנטע.

בערעזין, ווי אַלע, האָט געפילט די אומרואיקייט, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען א גרינער אין דער אַרבעט, האָט ער בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין די באַציאונג פון די אַרבעטער אין שאַפּ. דער איינציקער, וואָס איז געווען רואיק, איז געווען דער אַלטער משה. אים האָט גאָרנישט געאַרט. פאַרקערט, ער פלעגט זיך נאָך אין גוטן מוט, פּאַטערלעך, אָנבייזערן אויף לייזערן, נעבן וועמען ער איז געזעסן און געאַרבעט.

עס איז מיטאָג־צייט. איינציקע זענען אַראָפּגעלאָפן אונטן עסן. בערעזין האָט זיך געפוילט און איז געבליבן אויבן מיט די אַרבע־טער, וואָס פלעגן שטענדיק בלייבן און שפּילן דערווייל פּויקע.

אָבער היינט איז אַפילו דער פּויקער אויך נישט געגאַנגען, ווי עס דאַרף צו זיין. אַלע זענען געווען נערוועז, אַנגעצויגן און אָנגעכמור־רעט איינער אויפן צווייטן.

זיצנדיק מיט די פּיס אונטער זיך אויף די ברייטע טישן, האָט מען זיך דורכגעוואָרפן, פון איין קאָרט ביז דער צווייטער:

— א ניקל. וואָס וועט איצט זיין, אַרבעטן פון שטיק?

— א ניקל מיט א ניקל. דריי מיידלעך איז נישט שלעכט. די יוניאָן וועט נישט לאָזן.

— פּאַס. אַז עס גייט נישט, איז נישט שייך צו רעדן. די גאַנצע צייט נאָך קיין איין קאָרט נישט גענומען. יעס, א סך אַרט דאָס דער יוניאָן. האָסט דאָך געזען דעם פּאַרזאָרגער אונזערן לויפנדיק צום באָס.

— דריי קאָרטן, געווים, אַלטע באַקאַנטע. דער באָס איז דאָך עפּעס א געוועזענער מאַכער אין דער יוניאָן, ער ווייסט די גיים.

— אַראָפּגעוואָרפן א מלך און צוגעקויפט א מלך. געהאַט מיט אים געגוג צרות, ביז מען האָט זיין שאַפּ געמאַכט פאַר א יוניאָן־שאַפּ. בשום אופן נישט געוואָלט. א קאָמיטעט, וואָס איז געקומען אַראָפּנעמען זיין שאַפּ האָט ער אַרעסטירט און איין מיידל גוט צעשלאָגן.

—צען סענט.

— צען מיט צען. אויב איר שפּילט, איז געשפּילט. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דעם באָס? דאָ שפּילט מען פּויקער. איצט וועלן מיר נאָך דאַרפן אַרבעטן פון שטיק. זאָרג זיך נישט, ער האָט שוין אָפּגעמאַכט מיט דעם ביזנעס־אייידזשענט. זיי וועלן ביידע נישט צולייגן.

— איך פּאַס. און די יוניאָן?

— וואָס די יוניאָן? א געוועזענער באַאַמטער. האָט זיי אַלע־מען אין קעשענע. ער האָט אַפילו קיין „סעקיוריטי" נישט געגעבן. וואָס האָט ער מורא? נישקשה: זיין שאַפּ וועט נישט סטאַפּן. אונז וועט מען סטאַפּן, אָבער נישט אים.

— חברה, שטילער. ער וועט נאָך דערהערן און מען וועט ביי אייך צונעמען די ביכלעך.

— וואָס וועט זאָגן אונזער „קאָמוניסט"?

— מען וועט אים ארויסוואַרפן נישט נאָר פון שאַפּ, נאָר אפילו פון יוניאָן אויך. און צו דעם וועט מען אים נאָך גוט אָנ־ברעכן די ביינער.

— ער איז געוווינט געוואָרן. נישט דאָס ערשטע מאָל.

— וואָס וועט זאָגן דער שאַפּ טשערמאַן מיט דעם קאָמיטעט?

— וואָס קאָנען זיי טאָן?

אין שאַפּ איז אַריינגעקומען דער טשערמאַן, נאָך אים לייזער און דער „דראַנג" צעפּלאַמטע:

— היינט איז אַ שאַפּ־מיטינג.

— וואָס עפּעס ווידער אַ שאַפּ־מיטינג? ערשט געווען איינער און איצט ווייטער.

מען מוז. דער באָס האָט מיר ערשט געזאָגט, אַז מיר וועלן מוזן אַרבעטן שטיק־אַרבעט, די נייע אַרבעט. נאָר צוויי וואָכן, האָט ער געזאָגט, ער וויל זען וויפיל מיר וועלן אויסאַרבעטן. דער ביזנעס־אייגדזשענט האָט שוין צוגעשטימט.

עס איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט געזידלט די יוניאָן. די באַאַמטע, די אַרבעט, דעם באָס, און מען האָט געוואָרפן דעם פּויקער.

נאָך מיטאָג האָט זיך בערעזין צום ערשטן מאָל באַקענט מיטן באַלעבאָס. די גאַנצע צייט האָט ער אים געזען פונדערווייטן. יענער איז צו אים קיינמאָל נישט צוגעגאַנגען. אָבער איצט איז ער צו און אָנגעהויבן נאָכפרעגן: ווי געפעלט אים די אַרבעט, און אין דער אייגענער צייט אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן נישט אויס אַזויפיל, וויפיל ער צאָלט זיי און צו יעדן פון זיי ליגט ער צו. סוף כּל סוף וועט ער מוזן פאַרמאַכן דעם שאַפּ.

— איר פאַרשטייט דאָך — האָט ער זיך געקלאָגט — איך בין אַליין געווען אַ יוניאָן־פירער און האָב געקעמפט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. האָב געפירט סטרייקס, פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך וויל נישט באַרייסן די אַרבעטער. אָבער עס איז דאָך אומ־מעגלעך אויסצוהאַלטן, איך האַלט אין איין הערלייגן, און וואָס וועט זיין, ווייס איך נישט.

בערעזין האָט געשוויגן. דער באָס איז אָפּגעגאַנגען דאָ צו

איינעם, דאָ צו אַ צווייטן. אָבער די גאַנצע צייט אויסגעמיטן לייזערן און דעם „דראַנג‟.

בערעזין האָט אים נאָכגעקוקט, און אַ מאָדנער עקל האָט אים אַרומגעכאַפּט אָט צו דעם געוועזענעם יוניאָן־פירער, געוועזענעם עקזעקוטיוו־מעמבער, וואָס גייט אַזוי רויִק און גוטברודעריש צו די אַרבעטער.

בערעזינען האָט זיך געוואָלט וואַרפן אַלץ און אַנטלויפן פון שאַפּ. פון דער צווייטער זייט האָט זיך אים פאַרוואָלט אַנטאָן עפּעס אַ שאָדן אַזאַ, אַז דעם באַלעבאָס זאָל עס דאַרפן קאָסטן געלט, ער זאָל דאַרפן צאָלן פאַר דעם. ער האָט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן רעכענונג אין דעם, וואָס ער האָט געוואָלט טאָן. און אַזוי זיצנדיק, ביי דער אַרבעט, האָט ער דערפילט, ווי דער באַלעבאָס האָט זיך אָנגעהויבן טאַפּלען, פּערטלען, אַכטלען, אָט איז שוין דער גאַנצער שאַפּ פול געוואָרן מיט אַזעלכע באָסעס, וואָס גייען אום דאָ צו איין אַרבעטער, דאָ צום צווייטן, רוימען עפּעס אַריין אין אויער און טיטלען אויף לייזערן און דעם „דראַנג‟. זיי אַלע בלאָזן זיך און ווערן אַזוי ווי געשוואָלן, אַלץ גרעבער, און איינער נאָך איינעם, אַזוי ווי זיי וואָלטן פאַרשלונגען געוואָרן, פאַרשווינדן די אַרבעטער ביי די מאַשינען. און די מאַשינען זענען שוין נישט קיין מאַשינען, נאָר לאַנגע פּיס פון שפּינען, וואָס כאַפּן אים אַרום, עסן זיך אין אים איין, און זויגן זיין בלוט ביסלעכווייז, טראָפּנווייז. ער פּרוווט זיך באַפרייען, אַרויסרייסן זיך, ער קען נישט. ביז ער האָט מיט אַן איבערנאַטירלעכער אָנשטרענגונג אָפּגעריסן איין פוס און האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק.

זיינע פינגער האָט ער דערפילט אין מויל. ער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האָט זיך צעשטאָכן.

דער שאַפּ־מיטינג איז נישט פאָרגעקומען. דער ביזנעס־אייזשענט איז נישט געווען. אַלע צימערן אין דער יוניאָן זענען געווען פאַרנומען. אָן לייזערן האָט זיך אָנגעטשעפּעט עפּעס אַן אַרבעטער, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען, און זיי האָבן זיך צעשלאָגן. די אַרבעטער זענען זיך צעגאַנגען.

א שאפ־קאמיטעט. וואס קען טאן א שאפ־קאמיטעט אן די אר־בעטער? און וואס פאר א ממשות האט ער, ווען די יוניאן וויל אים נישט האבן, און וואס פאר א ווערט האט אין אלגעמיין א שאפ, ווען די יוניאן וויל נישט האבן די ארבעטער אין דעם שאפ? הונ־דערטער און הונדערטער ווערן זענען דא, ווי אזוי אנצולערנען און פאנאנדערלאזן דעם שאפ, און ווי אזוי צו באשטראפן די ארבע־טער, וואס ווילן נישט פאלגן די באאמטע פון דער יוניאן. פריער איז טאקע געווען אזוי. אט דערציילט דער אלטער משה:

— עס איז שוין געווען לאנג, מיט א שיינע פאר יאר צוריק. איך האב געארבעט אין א שאפ. דער שאפ האט געהאט יונגע מיידלעך, וואס האבן געארבעט אונטער דער אויפזיכט פון דעם פארמאנס טאכטער. איך האב דאס איבערגעגעבן אין יוניאן. איז ארויפגעקומען דער ביזנעס־איידזשענט. צוגעזאגט, אז די מיידלעך וועלן ארויסנעמען יוניאן־ביכלעך. עס איז דורך א וואך, צוויי, זיי טראכטן אפילו נישט וועגן דעם. ווייטער געזאגט אין יוניאן. האט מען זיך פון מיר אויסגעלאכט. און דא, זע איך, קומט ארויף דער ביזנעס־איידזשענט, דעם פארמאנס טאכטער באגעגנט אים, טוט זיך מיט אים א שפיל. נעמט אים אריין אין אפיס. וואס זיי האבן דארט געטאן, ווייס איך נישט, אבער אים האבן מיר שוין נישט געזען, און ווען איך בין געקומען אין אפיס און צו א מיטינג געוואלט דאס דערציילן, — פינף דאלאר האב איך זיי געוואלט געבן, זיי זאלן מיר דאס דערלויבן צו דערציילן! — האט מען מיך אנגענומען און ארויסגעווארפן. און פון דאן אן בין איך דער בעסטער יוניאן־מאן. וואס איך זע, שווייג איך. איך צאל דיוס, קריג זיך אליין מיין שאפ צו ארבעטן. אמאל א יוניאן־שאפ, אמאל — נישט. שטרייקן קיינמאל נישט, נישט געשטרייקט און נישט געפיקעט. פאראן געגוג „שטארקע", וואס נעמען דערפאר גוטע געלטער.

איין טאג נאכן צווייטן האט דער שאפ געפרווט צוזאמענ־רופן א מיטינג. אבער עס האט זיך נישט איינגעגעבן. ביז דער ביזנעס־איידזשענט האט זיי גראב דערקלערט, אז מען דארף נישט קיין מיטינג. פון די עטלעכע צענטליק ארבעטער האט זיך א העלפט גלייך אפגעווארפן. זיי דארפן נישט קיין קאמיטעט און ווילן נישט

האָבן צו טאָן מיט די, וואָס גייען קעגן דער יוניאָן. די איבעריקע האָבן געשוויגן און ווי אויסגעוואָרט, וואָס עס וועט זיין.

אין שאַפּ ארבעטן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. דער באָס איז פּלוצלונג געוואָרן אַלץ חוצפּהדיקער צו די אַרבעטער, איבער־הויפּט צום „דראַנג" און צו לייזערן. יעדע מינוט איז ער צוגע־גאַנגען, באַקוקט זייער אַרבעט און געטענהט, אַז עס טויג נישט. ער האָט אויך „געקאָמפּליינט" אין אָפיס פון דער יוניאָן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט לייזערן געגעבן אַ פּאַטש. יענער האָט געכאַפּט די שער און ווען מען האַלט אים נישט אָפּ, ווער ווייס, וואָס עס וואָלט פּאַרגעקומען. דער שאַפּ טשערמאַן האָט גלייך אָפּגעשטעלט דעם שאַפּ. אָבער ווען זיי זענען געקומען אין יוניאָן האָט מען זיי קורץ דערקלערט, אַז זיי זאָלן זיך גלייך אומקערן צו דער אַרבעט, — ווען נישט, וועט מען אַהין אַרויסשיקן אַ נייעם סעט אַרבעטער. עס זענען דאָ גענוג אַרבעטער, וואָס גייען אום לייִ־דיק. און דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט פאָלגנדע געשיכטע:

ווען לייזער האָט אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי דער באַלעבאָס טשעפּעט זיך צו אים, האָט מען אים קורץ ערקלערט, אַז מען גלויבט אים נישט, ווייל דער באַלעבאָס וועט דאָס קיינמאָל נישט טאָן. ער איז אַ געוועזענער עקזעקוטיוו־מיטגליד און ווייס, וואָס עס הייסט אַ יוניאָן.

לייזער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און האָט פאַרגעוואָרפן:

— ער איז דער זעלביקער, ווי איר, אויב איר מיינט, אַז מיר ווייסן נישט, וואָס איר האָט מיט אים אָפּגעמאַכט, האָט איר אויך אַ טעות.

— שאַראַפּ! — האָט מען באַפוילן — אַרויס פון אָפיס, און גלייך!

— און ווען נישט?

ווען נישט? — האָט ער טאַקע גלייך אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר גוטע סמוסאַקעס און מען האָט אים געוואָלט אַרויסוואַרפן. די אַרבעטער פון שאַפּ האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט און עס איז געוואָרן אַ געשלעג. דאָס איז פאָרגעקומען פרייטיק נאָך דער אַרבעט.

אום זיך אויסרוען) פון אַט דער פרעמדער און אומגויטיקער ברוטאַליטעט אין דער יוניאָן איז בערעזין אַריין אין דער קאַפּע פון די שרייבער. אָבער אויך דאָרט האָט ער נישט געפונען קיין אָפּרו. אַט דאָס, וואָס ער האָט געזען אין שאַפּ, אין אָפיס פון דער יוניאָן, די קלעפּ, וואָס לייזער האָט אַריינגעכאַפּט פריער פון באַלעבאָס און דערנאָך אין דער יוניאָן, האָט אים נישט געלאָזט רוען. ער האָט זיך געפרעגט: איז שוין נישטאָ קיין אויסוועג? איז שוין נישטאָ קיין שום מיטלען, ווי אַזוי זיך צו העלפן?

לייזערס אונטערגעשלאָגן אויג איז פאַר אים געשטאַנען און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ פאָרוואורף, אַזוי ווי ער פּערזענלעך וואָלט געווען שולדיק אין דער גאַנצער געשיכטע, אַט אין דעם אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שאַפּ, אין דער יוניאָן און אין אַלגעמיין אין אַלע שלעכטע באַדינגונגען. בערעזין האָט זיך אַליין פאַרענטפערט: וואָס בין איך שולדיק?

דאָס אויג האָט אים פאָרגעוואָרפן:

— יאָ, דו ביסט שולדיק, דו און נישט קיין אַנדערער. עס קען זיין, ווען איר, וואָס קענט זאָגן אַ וואָרט, וואָלט זיך געווען פאַראינטערעסירן מיט דער אַרבעט, מיט אונז, מיט אונזער פירונג וואָלט עס נישט געווען אַזוי. און דעם ערשטן באַווייז האָסטו אין דעם, ווען מיר האָבן זיך געשלאָגן אין אָפיס האָט מען דיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, דיך האָט מען נישט אַרויסגעוואָרפן. הייסט דאָס, מען רעכנט זיך מיט דיר, מיט אַ שרייבער.

אין קיבעצאַרניע איז בערעזין אַריינגעפאַלן אין זייער אַ הייסן מאָמענט. עס איז געגאַנגען אויף רעדלעך. מען האָט געלאַכט און מען האָט זיך געחכמהט וועגן דער לעצטער ליטעראַרישער רכילות. בערעזין האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן, וווּ זיך צו זעצן. אַזוי פרעמד האָט ער זיך געפילט. זינט דער צייט, וואָס ער האָט געאַרבעט, איז ער זייער זעלטן אַריינגעקומען אַהער. פון אַ טישל אין אַ ווינקל האָט מען אים אָנגערופן ביים נאָמען. ער האָט דערקענט כלינען. ער אַרבעט אין אַ צייטונג אַלס אַ „לייבאָר עדיטאָר“. ער גיט איבער די נייעס און שרייבט אַרטיקלען וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט געוווּסט, אַז בערעזין אַרבעט אין שאַפּ און ער האָט אים צוגערופן.

— ווי אַרבעט זיך? — האָט ער אים דערלאַנגט די האַנט.

בערעזין האָט זיך זייער דערפרייט און האָט אים אַלץ דער־ציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע דריי וואָכן, וואָס ער אַרבעט: וועגן דעם שאַפּ־קאָמיטעט, וועגן דעם באָס, דעם געוועזענעם עקזעקוטיוו־מיטגליד און וועגן די פּעטש.

— איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, — האָט זיך כלין אָפּגערופן, ווען ער האָט אַלץ אויסגעהערט — מישט זיך נישט אין פּאָליטיק. איר זענט אַריינגעגאַנגען אַרבעטן, ווייל איר האָט נישט געקריגן קיין אַרבעט אין אַ צייטונג. ווי איר וועט נאָר קריגן, וועט איר אַוועקגיין. איז מישט זיך נישט אין דער יוניאָן־פּאָלי־טיק. פאַר אייך וועט עס געזונטער זיין. איר וועט זיך אָנהויבן מישן וועט מען ביי אייך צונעמען דאָס ביכל און איר וועט נישט קענען קריגן קיין אַרבעט.

בערעזין האָט אים נישט געלאָזט דערענדיקן:

— אָבער אום גאָטעס ווילן, איר פאַרשטייט, אָדער איר פאַר־שטייט נישט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מען וויל צווינגען די אַרבעטער אַרבעטן פון שטיק. דאָס איז קעגן די יוניאָן־באַדינגונ־גען.

— איר זענט נאָך אַ גרינער — האָט אים יענער נישט גע־לאָזט דערענדיקן.

בערעזין האָט פאַר זיך ווידער דערזען ליזערס אונטערגע־שלאָגן אויג, וואָס האָט צו אים געוווּנקען אַזוי אָפּלאַכנדיק, אַז אים האָט זיך געוואָלט אַ שליידער טאָן די גלאָז קאַווע, וואָס ער האָט געטרונקען, אום דאָס אויג זאָל פאַרשווינדן. ער האָט אויס־געשריגן, נישט באַמערקנדיק, אַז ער שרייט:

— וואָס הייסט, מישט זיך נישט? מען שלאָגט אַרבעטער און שווייג!

מען האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקלייבן. מען האָט פאַרגעסן דעם טומל וועגן די ליטעראַרישע רכילות. און בערעזין האָט דער־ציילט, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, און וואָס דער „ליבאָר עדי־טאָר" דערציילט אים. די שרייבער זענען זיך גלייך צעגאַנגען פון זיין טיש — טאָקע, טאָקע אַ סקאַנדאַל, אַ פאַרברעכן.

מיט אַ זויערן נאָך־טעם אין מויל האָט בערעזין פאַרלאָזן די קיבעצאַרניע. לייזערס אויג האָט פון אים אָפּן געלאַכט.

אויף מאָרגן איז בערעזין גלייך געלאָפן אין יוניאָן. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אין דער היים. עס איז געווען אַרום צען אינדערפרי, דער אָפיס איז נאָך געווען כמעט ליידיק, עס האָבן זיך בלויז געפונען איינצלנע אַרבעטער. זיי האָבן שוין געוווּסט פון דעם נעכטיקן געשלעג, און ווייסנדיק, אַז בערעזין אַרבעט אין יענעם שאַפּ, האָבן זיי אים גענומען אויספרעגן. נאָר דאָ איז אַריינגעקומען דער מענעדזשער און האָט אַריינגערופן בערעזינען אין אָפיס.

— זייער גוט, וואָס איר זענט דאָ. איך האָב אייך טאַקע געוואָלט זען.

ווי עס האָט אויסגעזען האָט דער מענעדזשער נישט געוווּסט, ווי אַזוי אָנצוהויבן. ער האָט זיך געריבן די הענט, פאַנאַדערגעגנמען די פּאַפּירן אויף זיין טיש. ענדלעך האָט ער אויסגערעדט:

— עס פאַרדריסט מיך זייער אויף דאָס נעכטיקע. אָבער ווען איר וועט לענגער אַרבעטן אין יוניאָן וועט איר זען. (וואָס זען האָט ער נישט געזאָגט). עס איז דאָ אַן עלעמענט, וואָס איז שטענדיק אומצופרידן און האַלט אין איין בונטעווען די אַרבעטער, זיי דערציילן פאַרשידענע מעשיות וועגן די באַאַמטע. זיי ווילן צעברעכן די יוניאָן. די באַלעבאַטים צאָלן זיי פאַר דעם. מיר האָבן דאָס אויסגעפונען. אַט איר זעט דעם לייזערן. אין וועלכן שאַפּ ער האָט נישט געאַרבעט, האָט ער אומעטום געמאַכט טראָבל.

בערעזין האָט נישט געפונען וואָס צו זאָגן. אים האָט פּשוט אָפּגענומען די צונג און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַר וועמען דער מענעדזשער רעכנט אים. פאַר אַ קליין קינד אָדער פאַר אַ פּשוטן אידיאָט. און דער מענעדזשער האָט ווייטער גערעדט:

— איר זענט אַ שרייבער, און איר האָט זיך נישט וואָס צו מישן מיט זיי, אייך וועלן מיר שטענדיק פאַרזאָרגן מיט אַרבעט. פון די טראָבלמאַכער וועלן מיר שוין ווי עס איז פּטור ווערן.

בערעזין איז אַרויס פון אָפיס. ער האָט זיך געפילט אַזוי ווי ער וואָלט זיך אויסגעשמירט אין עפּעס אומריינעם. אין האָל האָט

ער גע͏טראָפֿן דעם שאַפּ־טשערמאַן, לײזערן, דעם „דראַגג״, און נאָך אײניקע פֿון די אַרבעטער פֿון זײן שאַפּ. ער האָט זײ דערצײלט, װאָס דער מענעדזשער האָט אים געזאָגט.

— װאָס װעט זײן?

דער שאַפּ־טשערמאַן האָט זײ אײנגעלאַדן: — קומט מאָרגן צו מיר, װעלן מיר מאַכן אַ פּיקעט.

און פֿאַרנאַכט, אין דער אױסגאַבע פֿון דער ײדישער צײטונג האָט בערעזין דערזען די פֿאָלגנדע נײעס:

קאָמוניסטן באַפאַלן דעם אָפיס פון יוניאָן, אָבער זײ קריגן דעם
ריכטיקן אָפּשניט. — די אַרבעטער װעלן נישט לאָזן
צעברעכן די יוניאָן.

דער צװײטער בריװ פֿון געראַן:

„טײערער,

נישטאָ פֿון דיר קײן בריװ. געװיס געקריגן עמיצן אַנדערש. איך קלאָג זיך נישט אױף דעם און טראַכט װעגן קומען קײן ניו־יאָרק. דאָ איז מיר זײער שװער. װען איך זעץ זיך דיר שרײבן אַ בריװ, פֿאַרלאָזט ר. דאָס הױז. ער קען נישט איבערטראָגן מײן פֿרײד, װײל ער װײסט, אַז איך דערװאַרט פֿון דיר אַ בריװ. און װען עס איז נישטאָ פֿון דיר גאָרנישט, קען ער נישט איבערטראָגן מײן אומרואיקײט. ער אַלײן האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן שרײבן דיר אַ בריװ און פֿאָדערן פֿון דיר ענטפֿער. די אַלטע מעשׂה. איך בין מיט אים און טראַכט װעגן דיר. װען איך זאָל זיך נישט שעמען פֿאַר מײן פֿאַמיליע, װען איך װאָלט זײ געקענט געפֿינען אַ תּירוץ, װאָלט איך גלײך געקומען צו פֿאָרן. אָבער אַזױ? איך װײס נישט, װאָס עס װעט זײן. איך װאַרט פֿון דיר אַ בריװ מיט דער צװײטער פּאָסט״.

בערעזין האָט זיך געװוּנדערט. אין דעם טומל מיטן שאַפּ און מיט דער יוניאָן האָט ער אינגאַנצן פֿאַרגעסן אין געראַן און אין איר בריװ. צײטנװײז פֿלעגט זי פֿאַר אים אַרױסשװימען, נאָר שטענדיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם מײדל, װאָס האָט בײ אים געגנבֿעט.

— מען דאַרף איר אָנשרייבן אַ בריוו — האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן און אין דער איינענער צייט האָט ער געוווּסט, אַז ער וועט דאָס נישט טאָן.

— ווען זי איז דאָ — האָט ער זיך אָנגעהויבן דערמאָנען אין די מאָמענטן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט מיט גערטאָן און אין דער איינענער צייט האָט ער געפילט אַ מאָדנע ביטערקייט, אַ ביטערקייט, אין וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג.

— די גאַנצע צייט גענאַרט — האָט ער זיך ווייטער געטראַכט וועגן גערטאָן — גענאַרט אַלעמען, און צו וואָס? פאַרוואָס? וואָס איז געווען, וואָס האָט זי געמאַכט ליגן זאָגן, באַהאַלטן זייערע באַציאונגען, און וואָס האָט זי געמאַכט אָפּפאָרן צו ריווקינען. — און נאָך שאַרפער איז פאַר אים אַרויסגעטרעטן דאָס מיידל.

— ווו איז זי איצט? — האָט ער געטראַכט און אַ בענקשאַפט האָט אים אַזוי שטאַרק אַרומגענומען, אַז ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אָפּגערופן זיינע אַ באַקאַנטע, אָבער יענע איז נישט געווען אין דער היים. בערעזין האָט אָפּגערופן גערטאָס היים. אים האָט געענטפערט דער ברודער. נאָך די געוויינלעכע פראַגן וועגן געזונט און נאָך אַזעלכע זאַכן, האָט אים דער ברודער דערציילט, אַז ערשט נעכטן האָבן זיי באַקומען פון גערטאָן אַ בריוו. זי שרייבט, אַז זי קומט צו פאָרן. בערעזין האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל. אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט האָט אים אַרומגענומען. מען קען נישט זאָגן, אַז ער איז נישט געווען צופרידן פון דעם, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט. אָבער אין דער איינענער צייט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג צו זען די צווייטע מיידל.

ער איז געגאַנגען מיט דער לענג פון פינפטער עוועניו. ביי דעם ווינקל פון אַ גאַס איז געשטאַנען אַ העדל מענטשן. ער איז אויך צוגעגאַנגען. אַן עלטערער מענטש איז געלעגן אויף דער ערד אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. אויסגעזען שטייף ווי אַ האָלץ, זיין פּנים האָט זיך געצוקט און די ווייסלעך פון די אויגן האָבן זיך געצאַפּלט. מענטשן זענען צוגעקומען, אַ קוק געטאָן און ווייטער אַוועק. דער גראָבער, הויכער פּאָליסמאַן, האָט גאַנץ גראָב-

לעך געבעטן אלעמען אוועקגיין און איינעם, וואס איז געווען אנ־געטאן אין ארבעטער־קליידער, האט ער גראב א שטופ געטאן, ווען יענער האט איינדערהויך ארויסגערעדט:

— דאס איז די פלאטפארם, סיי פון די רעפובליקאנער און סיי פון די דעמאקראטן.

פון דערווייטנס האט זיך דערהערט דאס קלינגען פון אמבו־לאנס. עס זענען אראפגעשפרונגען צוויי מענטשן אין ווייסן. מען האט גלייך ארויפגעלייגט דעם מענטשן און מיטן אייגענעם קלינגען איז דער וואגן אוועק. סיי די קאלט־פארשלאסענע מויערן פון די וואנדערבילדס, ראקפעלערס און אנדערע, סיי דער גראבער פא־ליסמאן, וועלכער איז צוריק אוועק אינמיטן גאס, האבן אויסגעזען אזוי ווי גארנישט וואלט געווען.

דער צופאל מיט דעם מענטשן האט צוריקגעקערט בערעזינס געדאנקען צום שאפ און יוניאן. און ווען איינער וואלט געקענט פארצייכענען זיין טראכטן, וואלט ער פארצייכנט פאלגנדעס:

— מיט וואס בין איך זיכער, אז אויך איך וועל נישט אוועק־פאלן אינמיטן גאס. אפגעארבעט דעם גאנצן לעבן, נאר נישט צו שטארבן פון הונגער, און דערנאך פאלן אין גאס ווי א פערד, ווע־מענס כוחות עס האבן זיך פלוצלונג אויסגעלאזן.

ער האט זיך שטיל צעלאכט.

— און די אלע געביידעס? וועמענס איז דאס? זיי שטייען פארשפארט און איך האב אפשר נישט וווּ צו שלאפן. פארוואס? ווער איך קראנק און אלט, — איז גארנישט. פאל איך אין גאס, נעמט מען גלייך צו. געדעכט... גלייך אראפפטרן. מענטשן־ליבע? גרויסע נאראנים. געדארפט גלייך אננעמען א געזעץ, דעם אלטן געזעץ פון אלע ווילדע: שוואכע און אלטע טארן נישט לעבן. מען דארף פון זיי פטור ווערן.

— גערא און דאס מיידל. זי קומט צו פארן. וואס וועט זיין? ווייטער די קייט פון ליגן. ווייטער די קייט פון באהאלטן זיך. און פארוואס? נישט צוליב זיך, נאר צוליב יענעם. צוליב די שכנים, צוליב דער מאמען, צוליב דעם ברודער און צוליב די פיל אנדערע.

— אט דאס מיידל. ווו איז זי איצט? ווי אזוי קען מען זי

אויסגעפינען? די איינציקע מיט וועמען מען קען רעדן, איז דאָס אויך געווען בלויז אַ מאָמענט? ווו טרעפט מען זי?

— היי, גיי אַוועק פון דאָרטן! ווילסט מען זאָל דיך איבערפאָרן? — ער האָט דערפילט, ווי מען האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרבל און אַ שלײדער געטאָן אָן אַ זייט, ער איז אומגעפאַלן. ער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האָט איבערגעשניטן די גאַס און אַ מאַשין איז אים שיער נישט איבערגעפאָרן. ער איז אַוועק ווייטער:

— פריער, שפּעטער, אַלץ אײנס.

דאָרטן, ווו דער שאָפּ־טשערמאַן האָט געוווינט, אַ שטילע גאַס אין די בראָנקס, נישט ווייט פון קראָטאָנאַ־פּאַרק, פיר קליינע צימערלעך. ווען בערעזין איז אַהין אָנגעקומען, האָט ער שוין געטראָפן אין דעם „דראָנג" אין לייזערן. מערער פון אַלץ האָט אים פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט דאָרטן דערזען דעם אַלטן משהן.

אין עס־צימער איז געשטאַנען אַ קליינער ביכער־שראַנק. ווען בערעזין האָט זיך צוגעקוקט, האָט ער דאָרט געזען די ווערק פון רייזינען, זשיטלאָווסקין, אַ פּאָר אַלטע נומערן פון „נאָווי מיר". די אויסגאַבע פון היינע און אַן איבערזעצונג פון זשאַן קריסטאָף אין יידיש, און אַ פּאָר ענגלישע ביכער.

אויף די ווענט — בילדער פון אַ פערד אויף די פאָדערשטע פיס, אַן אַלטע פּאָר פאָלק, לענין און מאַרקס; אָנגעשטעלט גלעזערנע געפעס, וואָס מען נעמט אַרויס נאָר פאַר געסט. די שטוב האָט געשמעקט מיט קינדער. דער זונטיק האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. דער „טשאַרלסטאָן" פון דער צווייטער טיר האָט זיך צונויפגעמישט מיטן „פּריפּעטשיק" פון אונטן; אַ „דזשעז־באַנד" פון דעם ערשטן שטאָק איז אַריינגעפאָרן אין „אלי־אלי" און דער „גרינער קוזינע". מען האָט געמוזט פאַרמאַכן די פענסטער, כדי מען זאָל קענען הערן וואָס מען רעדט.

דעם טשערמאַנס פרוי, אַ קורצע, דאַרע יידענע מיט געשווירענע האָר, האָט פריילעך אויפגענומען בערעזינען, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן:

— איך קען אייך.

— פון וואַנען? — האָט בערעזין געשמייכלט, וואָס מען קען אים.

— זי איז אייער בעסטע לעזערין, — האָט אונטערגעכאַפּט דער מאַן.

— איך האָב אייך אַמאָל געזען אין דער קאַפּע.

— אַזוי? — האָט בערעזין זיך געזעצט צום טיש.

מען האָט דערלאַנגט עסן. אַזוי ווי דער עולם איז געווינט געוואָרן עסן שנעל, האָט מען דאָ אויך אָפּגעפּטרט איינס און צוויי.

— מיר מוזן נאָך צעוואַשן די געפעס, — האָט לייזער אַריינגעוואָרפן. — זונטיק איז דאָ איינגעפירט, אַז יעדער דאַרף אַליין וואַשן די געפעס.

— איר האָט קינדער? — האָט בערעזין נישט אַזוי געפרעגט, ווי באַשטעטיקט.

— צוויי, זיי זענען היינט אין דער ייִדישער שולע.

בערעזין האָט שוין ווייטער נישט געפרעגט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז די קינדער לערנען זיך אין דער שלום־עליכם־שולע, וואָס איז דאָ נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן פון די עלטערן.

נאָכן עסן האָט מען אַראָפּגענומען דעם טישטוך. מען האָט אַרויסגענומען אַ טעשל קאָרטן און מען האָט זיך געזעצט שפּילן פּויקער פינף און צען סענט.

די פרוי האָט זיך געבייזערט.

— וואָס עפעס פּויקער? עס איז געקומען אַ פרעמדער מענטש און פּויקער. ער וועט נאָך אונז באַשרייבן.

דער אַלטער משה האָט אויך אונטערגעכאַפּט:

— מאַקע, צו וואָס פּויקער? איר זענט דאָך דאָ וועגן אַן עניין, וועגן דעם בין איך אויך געקומען אַהער, געלאָזט די ווייב אַליין.

לייזער האָט גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן.

— זעט, רב משה, איר קענט דאָך קומען אַהיים און זי נישט טרעפן.

— זאָל זי. אַז אַ ייִד, ווי איך, ווייל האָבן אַ יונגע ווייב, קען ער נישט וואַרטן, זי זאָל שטענדיק זיצן איינדערהיים.

דער „דראַנג“ האָט אַריינגעוואָרפן:

— וואָס וועט זיין? וואָס וועלן מיר טאָן?

— איך פאַרשטיי נישט די גאַנצע זאַך, — האָט זיך אויך בערעזין אָנגערופן, — איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי פּלוצלונג?

—עס איז נישט פּלוצלונג. דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. קיין יוניאָן־באַאַמטער וויל נישט האָבן אַרבעטער, וואָס ווילן אים נישט פאָלגן.

— וואָס בלייבט צו טאָן?

— צוויי זאַכן, אָדער מיר זאָלן אַוועקגיין, אָדער אַרויסרופן אַ סטרייק אין דעם שאַפּ. אין ערשטן פאַל וועלן די אַרבעטער בלייבן ביי דער אַרבעט, מיר וועלן דאַרפן הונגערן און זוכן אַן אַנדערן פּלאַץ; מיר וועלן געוויס נישט קריגן. אין צווייטן פאַל, הייסט גיין קעגן דער יוניאָן, פאַרשטייט איר דאָך, אַז דאָס איז אַ שפּיל פאַרן טייוול. מיר וועלן שטרייקן און די יוניאָן וועט אַרויפּ־שיקן סקעבס.

די פּראָבלעם איז נישט געווען קיין פרייליכע און קיינער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ביז דער אַלטער משה איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן:

— וואַרט אָפּ די וואָך. ווען עס וועט קומען די נייע פאַר־אָרדענונג וועגן שטיקאַרבעט, דאַן וועט מען קענען עפּעס טאָן.

— רב משה, געזונט זאָלט איר זיין, פון ווען אָן זענט איר דאָס געוואָרן אַזאַ רעוואָלוציאָנער? — האָט אים לייזער שיער נישט געכאַפּט קושן.

— זיינט דו האָסט אַריינגעכאַפּט אַזעלכע גוטע פּעטש.

אַלע האָבן געלאַכט.

בערעזין האָט זיך דערוווסט, פאַרוואָס מען האָט אַזוי פיינט לייזערן, דעם „דראַנג“ און אויך דעם שאַפּ־טשערמאַן. אַלץ צו־ליב דעם געוועזענעם עקזעקוטיוו באָארד מעמבער, זייער באָס.

— דער עקזעקוטיוו באָארד מעמבער איז מיט צוויי יאָר צו־ריק געוואָרן אַ מאַנופעקטשורער, און ווייסנדיק גוט די נייס, האָט ער איין שאַפּ געעפנט דאַון־טאַון, אַ יוניאָן־שאַפּ, און אַ צווייטן,

נישט קיין יוניאָן־שאַפּ, ערגעץ אין דזשאַמייקאַ; נישט מורא האָבנ־דיק פאַר אַ שטרייק און זייענדיק גוט מיט די יוניאָן־באַאַמטע, האָט ער געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין סעקיורירטי אין דער יוניאָן.

נאָך מערער, די יוניאָן־באַדינגונגען האָט ער אויך נישט אָפּ־געהיט. מען האָט ביי אים געאַרבעט אָווערטיים, מען האָט געאַר־בעט שבתים און זונטיקס. אַרבעטער האָט ער גענומען אַזעלכע, וואָס האָבן אים געקענט און זענען געווען גוט מיט אים, ווען ער איז נאָך געווען אַ יוניאָן־מעמבער.

ווען לייזער, דער „דראַנג" און דער שאַפּ־טשערמאַן זענען אַרויף אַרבעטן, האָבן זיי גלייך דערפילט דעם שאַפּ און באַשלאָסן אים מאַכן פאַר אַ יוניאָן־שאַפּ. צום ערשטן האָבן זיי געזען, אַז דער באָס זאָל אַריינטראָגן סעקיורירטי. דריי מאָנאַטן האָט מען גע־שטרייקט, ביז מען האָט אויסגעפירט. אין דער צייט פון שטרייק האָט זיך דאָס דער „דראַנג" דערוווּסט, אַז דער באָס האָט נאָך אַ שאַפּ. מען האָט אים אָנגעהויבן נאָכשפּירן, ער אַליין, אַ געניטער יוניאָן־באַאַמטער, האָט ער זיך אויסגעהיט און מען האָט אים קיינמאָל נישט געקענט כאַפּן, קיינמאָל נישט געזען. ווען מען האָט געפּיקעט זיין שאַפּ, האָט די יוניאָן קיין פּרעמדע מענטשן נישט געגעבן, און דער באַלעבאָס האָט אַ פּאָר מאָל אַרעסטירט אי לייזערן אי דעם „דראַנג", אי דעם שאַפּ־טשערמאַן.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אויסצוגעפינען, ווו דער שאַפּ איז, איז געווען לייזער, און ער איז געפאַלן אויף דעם פּאָלגנדן פּלאַן: ער האָט אָפּגעהיט דעם געוועזענעם באָרד־מעמבער זונטיק. ער איז געשטאַנען אַרום זיין טיר ביז נאָך צען אַ זייגער, און ווען יענער איז אַרויס, האָט ער אים נאָכגעשפּירט מיט אַ צווייטער טעקסי און האָט אויסגעפונען דעם שאַפּ. אויף מאָרגן האָט ער צונויפגעשטעלט אַ קעסטעלע מיט בערשטעלעך, טוט פּייסט, זאָקן און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן און איז אַוועק אין יענעם שאַפּ; האָט דערזען, אַז דער שאַפּ האָט געהאַט אַריבער 18 מאַשינען און מען האָט געריבן אויף וואָס די וועלט שטייט.

דאַן ערשט האָט ער זיך אונטערגעגעבן, נאָר אין דער איי־נענער צייט איז געוואָרן דאָס לעבן פון די דריי אין דער יוניאָן

אומדערטרעגלעך. דער איינציקער גליק איז געווען, וואָס די אַר־בעטער זענען געשטאַנען פאַר זיי שטאָל און אייזן און די יוניאָן האָט מורא געהאַט פאַר אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל פון די איבעריקע אַרבעטער.

אָט דאָס האָט זיך דערוווּסט בערעזין ביי שפּילן פּויקער אין די בראָנקס.

דער אַלטער משה איז געווען געדעכט. דער באָס, ווייזט אויס, האָט געוווּסט וועגן דעם געשלעג אין דער יוניאָן, און ווי נאָר ער האָט דערזען לייזערן, האָט ער אים גלייך דערקלערט:

— פאַר אייך האָב איך נישט קיין אַרבעט.

— געדאַרפט זאָגן שבת.

— איר קענט מיך אָנקלאָגן צו דער יוניאָן.

האָט זיך אַריינגעמישט דער טשערמאַן.

— מיר אַלע וועלן אָפּוואַרפן די אַרבעט און איר וועט זיך ניין קלאָגן אין יוניאָן.

— איר אַלע, מיר וועלן זען. די יוניאָן וועט מיר שיקן אַנ־דערע.

— לייגט אַוועק די אַרבעט!

ס׳איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער טומל, מען האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. דער רויטער שמחה און די שוואַרצע שרה האָבן די אַר־בעט נישט אַוועקגעלייגט.

— אויב די יוניאָן וועט הייסן, וועלן מיר אַוועקלייגן.

זענען צו זיי צוגעקומען אַ פּאָר אַרבעטער און מען האָט זיי אויפגעהויבן:

— אויב זיי ווילן אַרבעטן אין דעם שאַפּ, זאָלן זיי נישט זיין קיין סקעבס.

דער באַלעבאָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אָפיס. נאָך אַ קורצער ווײַלע איז ער אַרויסגעקומען און האָט דערקלערט, אַז ער האָט נאָר געשפּאַסט. ער האָט נישט געמיינט ערנסט. מען קען זיך שטעלן ווייטער אַרבעטן.

די געמיטער פון די אַרבעטער זענען שוין געווען אָנגעצויגן. ביי מיטאָג איז פאָרגעקומען דאָס, וואָס קיינער האָט נישט ער־וואַרט. די צוויי אַרבעטער, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויפשטיין,

האָט מען אונטן ביים עסן שטאַרק צעקלאַפּט. ווער, וואָס, האָט מען נישט געקענט דערזען. זיי האָבן דערציילט:

— ווען מיר זענען אַראָפּ עסן, זענען מיר געגאַנגען אין אונ־זער שטענדיקן רעסטאָראַן, איר ווייסט דאָך, וועסט 36־טע גאַס. פון הינטן האָט מען אונז אָנגערופן ביים נאָמען. מיר האָבן זיך אומגעקוקט, קיינעם נישט געזען. מיר זענען ווייטער געגאַנגען און מיטאַמאָל דערפילט אַ זאַק איבער אונז — מען האָט אונז אָנ־געהויבן שלאָגן. ווען מיר זענען באַפרייט געוואָרן, האָבן זיך אַלע געאיילט עסן, מיר האָבן קיינעם נישט געקענט דערקענען.

דעם צווייטן האַלבן טאָג האָבן זיי נישט געאַרבעט.

די אַרבעטער פון שאַפּ האָבן אַריינגעטראָגן אַ קלאָגע צום מע־נעדזשער פון דער יוניאָן פאַר וועלן אָפּזאָגן לייזערן. ווען דער ביז־נעס־אייגנטימער האָט אונטערזוכט די אָנגעלעגנהייט, האָט ער אָנגע־קלאָגט לייזערן און דעם „דראַגנ'' פאַר שלאָגן שמחה דעם רויטן און שרה די שוואַרצע. דער מענעדזשער האָט דאָס איבערגעגעבן צו דער גריוועגס קאָמיטע, וואָס האָט געהאַט אירע זיצונגען אַלע מאָנטיק און די גריוועגס קאָמיטע, לויט דער פאָדערונג פון דעם ביזנעס אייגנטימער, האָט באַשטראָפט לייזערן מיט 50 דאָלאַר, דעם „דראַגנ'' מיט 25, און דעם שאַפּ־טשערמאַן מיט אַן אויסרייד.

וואָס זאָל מען טאָן? אַט דאָ איז אויסגעוואַקסן די פראַגע נישט בלויז פאַר די דריי, נאָר פאַר אַלעמען. דער שאַפּ איז געווען אויפגערעגט און פון זיך אַליין האָבן די אַרבעטער באַשטימט אויסלייגן די 75 דאָלאַר פאַר זיי ביידן און אין דער אייגענער צייט פּראָטעסטירן צום דזשאָינט באָרד, אַפילו צום באָרד אָוו דיר־רעקטאָרס. נאָר סיי דער „דראַגנ'', סיי לייזער האָבן זיך אָפּגעזאָגט:

— עס וועט נישט העלפן. זיי וועלן טאָן ווי זיי ווילן. מיר מוזן שווייגן.

אויף מאָרגן איז דער ביזנעס־אייגנטימער אַרויפגעקומען אין שאַפּ און האָט דערקלערט, אַז לויט דער באַשטימונג פון אָפיס, וועלן זיי פון מאָרגן אָן דאַרפן אַרבעטן צוויי וואָכן שטיק־אַרבעט פאַר די נייע סטיילס, ביז מען וועט אויסגעפינען וויפל יעדער פאַרדינט.

— די יוניאָן האָט דאָך אַ מינימום פּאַרדינסט? — האָט מען געפרעגט.

דער אײַדזשענט האָט אפילו נישט געוואָלט ענטפערן, נאָר ער האָט געדראָט:

— די, וואָס וועלן נישט וועלן אַרבעטן, וועט מען בײַ זײ צונעמען די ביכלעך און אויף זײער אָרט שיקן אַנדערע.

דער שאָפּ האָט אָװעקגעלײגט די אַרבעט.

די לאַגע איז געווען אַזאַ: די יוניאָן האָט געהייסן גײן אַרבעטן, די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דער באָס האָט געפּאָדערט אַרבעטער, געדראָט אָנצושטעלן נישט־יוניאָן־אַרבעטער און ווערן אַן אָפּן־שאָפּ, אויב די יוניאָן האָט נישט קײן מאַכט. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גײן. אַלע? נײן, נישט אַלע.

פון די 36 אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַראָפּצוגײן פון דער אַרבעט נאָר צען, די איבעריקע זענען אַלע אַראָפּגעגאַנגען. זײ האָבן גלײַך פון זיך אַלײן אָנגעהויבן פּיקעטן. אויף דער בירזשע איז געוואָרן אַ טומל.

וואָס זאָל מען טאָן?

דער שאָפּ האָט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג אין משהס רעסטאָראַן. מען האָט נישט גערעדט, נאָר מען האָט געשטעלט אַ פּאָר פראַגן:

ערשטנס, צי זאָל מען שטרײַקן. צווייטנס, צי אַלע זענען אײנשטימיק צו פּיקעטן. דריטנס, צי אויך אין דעם שאָפּ אין רזשאַמאַיקאַ וועט מען קענען אויסווירקן, אַז מען זאָל מער נישט אַרבעטן דאָרט. אויף די אַלע פראַגן האָבן אַלע קורץ און אָנטשלאָסן געענטפערט יאָ. העכער פון אַלעמען, דער אַלטער משה, וואָס האָט זיך געוויצלט — געוואָרן אַ סטרײַקער אויף דער עלטער. קײנמאָל נישט געסטרײַקט, „זײ" פלעגן סטרײַקן פאַר מיר, און איצט, נאַ דיר! איך וועל נאָך ברענגען מײַן ווײַבל פּיקעטן, איר וועט זען. דעם ערשטן טאָג פּיקעטן איז אויסגעפאַלן פאַרן „דראַנג", ליווערן און בערעזין.

ווען דער פּיקעט איז געקומען זעקס אַ זייגער אינדערפרי,

האָט ער שוין אויך געטראָפן דעם שאַפּ־טשערמאַן, דעם אַלטן משה און נאָך אַן אַרבעטער פון זייער שאַפּ.

— וואָס זענט איר געקומען? נישט געקענט איינזיצן?

— גיין קענגן דער יוניאָן? — האָט דער אַרבעטער אַרויס־געריעדט מיט שרעק.

— גייט אַהיים, מען דאַרף אייך נישט איצט.

— ניין, דאָס נישט, אייך אַליין וועלן מיר נישט לאָזן, — אין איין רגע זענען זיי געגאַנגען אַהין און צוריק.

זעקס אַ זייגער אינדערפרי — ווען וועט מען אויף די גאַסן צווישן 38־טע און 15־טע גאַס, צווישן פינפטע און אַכטע עווע־ניוס? איינציקע אויטאָמאָבילן, פאַרשלאָפענע פּאָליסלייט און פאַר־בייגייענדיקע נאַכט־וועכטער. אַ פּאָליסמאַן איז צוגעקומען.

— וואָס טוט איר דאָ אַזוי פרי?

— אַט אַזוי. זיי האָבן נישט געוואָלט זאָגן, טאָמער איז ער שוין אָנגעשטעלט פון באַלעבאָס. דער פּאָליסמאַן האָט זיי פאַרשנ־דיק אָנגעקוקט און האָט זיך געשטעלט נישט ווייט אין אַ ווינקל.

האַלב נאָך זיבן. די אַרבעטער הויבן זיך אָן ווייזן. די נייעס, אַז מען סטרייקט האָט זיך שוין פאַרשפּרייט, און די אַרבעטער האָבן זיך צעשטעלט זען, וואָס דאָ וועט זיין. אייניקע האָבן נאָך אונטערגעהאַלפן:

— נישט אונטערגעבן זיך.

אַכט אַזייגער. עס קומען שמחה דער רויטער און שרה די שוואַרצע.

— קערט זיך אום צוריק — האָט זיי דער „דראָנג" פאַר־האַלטן.

— איר וועט מיך אפשר נישט לאָזן? — האָט זיך דער רוי־טער צעשריגן. נאָר דער „דראָנג" האָט אים גלייך פאַרמאַכט דאָס מויל. די אַרבעטער האָבן זיי אַרומגערינגלט, און ווען אין אַ פּאָר מינוט זענען זיי זיך צעגאַנגען, איז דער רויטער געלאָפן צום פּאָ־ליסמאַן מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און אַביסל הינקעדיק. ער איז נישט דערלאָפן. אַ פאַרבייגייענדיקער אַרבעטער האָט אים אַריינגעשלעפט אין אַ דערבייאיקן טויער.

דער באָס איז אָנגעקומען. גאָרנישט געזאָגט, איז אַרויף צו

זיך. אין א האלבע שעה ארום זענען אנגעקומען א פינף פאליסלייט און פון דערווייטן האט זיך געוויזן דער ביזנעס-אייגנט מיט א פאר ארבעטער.

— כאבארניק, גרעפטער, — האט דער אלטער משה אנגע־הויבן שרייען — סקעבאטשעס. מיר סטרייקן דא, און איר וועט גיין ארויסרייסן אונזער שטיקל ברויט.

די ארומיקע ארבעטער האבן אויפגעהויבן א הורא. עס זע־נען אנגעלאפן פאליסלייט. די ארבעטער זענען זיך צעלאפן, אויך די, וואס זענען געקומען מיטן ביזנעס-אייגנט, זיי האבן גע־טענהט: מיר האבן נישט געוווסט, אז דא איז א סטרייק.

דער „דראנג" האט זיך אונטערגערוקט צום אייגנט. נאר ער האט נאך נישט געהאט קיין צייט עפעס צו זאגן, ווי דער איי־גנט האט אים מיט א שטארקן קלאפ אומגעווארפן און ווען דער „דראנג" איז אויפגעשפרונגען, האט דער אייגנט אנגע־הויבן שרייען. דער „דראנג" איז דעם צווייטן מאל אומגעווארפן געווארן פון א קלאב.

— ארעסטירט אים! ארעסטירט אים! — האט דער איי־גנט געשריגן. דעם „דראנג" האט מען צוגענומען. דער איי־גנט איז אוועק מיט זיי.

דעם גאנצן טאג האט מען אפגעשפאצירט פארן שאפ. פאר־נאכט צו האט מען געשיקט די פיקעטס אן אולטימאטום פון אפיס:

— זיי זאלן אויפהערן פיקעטן און גיין צו דער ארבעט.

עס זענען צוגעקומען נאך א פאר יונגע ארבעטער פון די ארו־מיקע שעפער העלפן פיקעטן.

די ארבעטער פון דעם שאפ האבן זיך פארזאמלט. וואס זאל מען טאן און וואס וועט זיין?

ווער עס האט מורא זאל גיין אין אן אנדער שאפ.

— ווער עס האט שוין לאנג נישט געארבעט, זאל זיך זוכן א דזשאב. ווער עס האט מורא פאר דער יוניאן און פאר די באאמטע, זאל נישט סטרייקן, נאר זאלן נישט ארבעטן אין דעם שאפ.

— קיין סטרייק-בענעפיט איז דא נישטא.

— עס וועט אויסקומען הונגערן.

— מען וועט כאַפּן געבראָכן די בייגער.

— פון 36 זענען געבליבן נאָר 20. אין דעם שאָפּ וועט קיי־נער נישט אַרבעטן.

— מען מוז מאָרגן גאַנץ פרי אַראָפּנעמען דעם צווייטן שאָפּ.

— ווי אַזוי? מען קען אונז און מען וועט אונז נישט צו־לאָזן.

— מען מוז דאָס מאָרגן דורכפירן, ביז די יוניאָן וועט ברענגען די „שטאַרקע" און ביז דער באָס וועט זיך נישט כאַפּן.

— אונז קען מען. וועמען קען מען נישט?

— מיך, מיך, מיך.

מ'האָט אויסגעקליבן פיר מענטשן.

אויף מאָרגן.

— ווי אַזוי האָט איר דאָס געטאָן?

— גאַנץ פּראָסט. מיר זענען אַרויף דאָרטן בעטן אַרבעט. גע־זאָגט, אַז מיר זענען פון דעם שאָפּ און ווילן נישט סטרייקן. מיר ווען איין טאָג אַרבעטן דאָ און מאָרגן וועלן מיר גיין צוריק אַהין. דער פאָרמאַן איז געוואָרן פאַרדעכטיק און האָט געוואָלט אַריינגיין אין אָפיס צום טעלעפאָן, האָבן מיר אים נישט געלאָזן, צוגעהאַלטן און צוויי פון אונז זענען אַריין אין שאָפּ, האָבן אָפּגעשטעלט די מאַשינען און געהייסן אַלעמען אַראָפּגיין.

— אַלע האָבן געפאָלגט?

— אַ פּאָר האָבן זיך געקווענקלט, נאָר די איבעריקע האָבן זיי אַראָפּגעשלעפּט. מיר האָבן צוגעהאַלטן דעם פאָרמאַן, ביז אַלע זע־נען אַראָפּ און געלאָזט אים רופן די פּאָליס.

— וויפיל וועט דויערן דער סטרייק?

— מען וועט אונז גוט צעברעכן די ביינער, מען וועט אונז אַלעמען אַרעסטירן און ס'וועט ווערן פאַרטיק.

— די יוניאָן וועט מורא האָבן טאָן אַזאַ זאַך.

— אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר זען.

פּאַר בערעזינען איז די גאַנצע זאַך געווען אַ חלום. עס האָט ביי אים צעהרייט דעם גאַנצן באַגריף וועגן יוניאָן און באָס. נאָך מערער האָט אים געוווּנדערט, וואָס די אַרבעטער נעמען דאָס אָן

פאַר אַ געוויינלעכע זאַך. אַזוי איז דאָס. און אויף זיינע פראַגן האָט מען אים קורץ געענטפערט:

— פריער אָדער שפּעטער וועט דאָס מוזן פאַרקומען אין אַלע שעפּער. מיר זענען די ערשטע, נאָך אונז וועלן קומען אַנדערע.

— איז די יוניאָן נישט גוט? מען דאַרף נישט האָבן קיין יוניאָן?

— ניין.

— וואָס דען? די באַאַמטע? קאָנט איר דאָך אויסקלייבן אַנדערע.

אַ ביטערער געלעכטער.

— אַ שרייבער בלייבט אַ שרייבער. איר האָט דאָך שוין געזען, וואָס איז געווען מיט אייך. דאָס איז נאָך אַן אָנהויב. וואַרט. איר וועט נאָך זען.

דאָס האָט בערעזין בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן. און נאָך איינער האָט אים אונטערגעטראָגן אַ צייטונג, ווו עס איז געווען געמאָלדן:

„גענגסטער זענען באַפאַלן דעם אָרגאַניזער פון דער יוניאָן". ס'איז געווען אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי די אַרבעטער זענען אים באַפאַלן און ווי אַזוי מען האָט אים געשלאָגן, ווי אַזוי מען ברעכט די יוניאָן.

דער צווייטער טאָג פּיקעט. כמורנע און טונקל קוקן אַראָפּ די הויכע פילשטאָקיקע הייזער, מיט די טונקעלע פענסטער, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אויך געוווּנדערט אויף דעם הייפעלע מענטשן, וואָס שטייען אונטן אין קאַמף קעגן אַלעמען, און עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי זיי וואָלטן אין דער אייגענער צייט אויך געוואָרנט:

— איר וועט צעטראָטן ווערן.

בערעזין און די איבעריקע פּיקעטן. עס איז צוגעקומען אַ קליין, שלאַנקע מיידל. אייניקע פון די אַרבעטער האָבן זיך דערפרייט:

— וואָס טוט איר דאָ?

יענע האָט נאָר אַ שמייכל געטאָן און איז צוגעגאַנגען צו די איבעריקע.

זי האָט דערציילט:

— איר דאַרפֿט זיין גרייט, ווייל זיי ברענגען די שטאַרקע מיט זיך — און אַנוווייזנדיק אויף בערעזינען, — ווי קומט ער אַהער?

מען האָט איר דערציילט, אַז ער אַרבעט אין זייער שאַפּ.

עס איז צען אינדערפֿרי. איינצלנע אַרבעטער שטייען אין די טויערן און טירן און ביי דער זייט פֿון גאַס. פֿון דער ווייטן ווייזן זיך פֿינף מענטשן און לאָזן זיך גיין גלייך צום שאַפּ; מען האָט זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג.

— מען סטרייקט דאָ.

— ווער סטרייקט דאָ?

— מיר סטרייקן דאָ.

ג . . . ד . . . — האָט זיך איינער פֿון זיי אויסגעזידלט — איר קענט אונז נישט פֿאַרשטעלן די וועג. דאָ איז אַ פֿרייע מדינה, וווּ מיר ווילן גייען מיר און ווו מיר ווילן אַרבעטן מיר, די פּאַרייערס קענען אונז נישט אָנווייזן דאָ.

די מיידל האָט זיך צוגערוקט.

— איר קענט דאָ נישט אַריינגיין.

— טאָ העל וויט יו — האָט ער זי אַ שטופּ געטאָן מיט אַ קולאַק אין אַ זייט, אַז זי האָט זיך צונויפֿגעדרייט. בערעזין האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים. וואָס ווייטער איז פֿאָרגעקומען ווייסט ער נישט. ער געדענקט נאָר, אַז ער האָט אימיצן געשלאָגן אין פּנים. מען האָט אים געשלאָגן. אַ קופּע מענטשן, צונויפֿגעדרייט אַלע אינאיינעם, מענטשן אויף דער ערד, וואָס זענען געטראָטן געוואָרן מיט די פֿיס, קרעכצן, געשרייען, אַ קול פֿון ביזנעס־איידזשענטס,— אַרעסטירט זיי! שלאָגט זיי! ער אַליין איז איין־יקע מאָל געלעגן אויף דער ערד. אים אַליין האָט מען געטראָטן מיט די פֿיס, און צום לעצט האָט ער זיך איינגעגעסן אין איינעם אַ גראָבן מיט אַ רויטן פּנים און האָט אים געשלאָגן; יענער האָט אים געשלאָגן ביז אַ שטאַרקער זעץ אין קאָפּ, אַזוי ווי אַ געבײַדע וואָלט אויף אים אומגעפֿאַלן, האָט אים אינגאַנצן אָוועקגעלייגט. — — — — — — —

בערעזין איז נאָך נישט געקומען צוזיך פֿון געשלעג. ער האָט געפֿילט אַן איינעווייניקסטן ווייטיק, אַזוי ווי מען וואָלט אים אָנגערירט די לונגען און פֿון צייט צו צייט האָט ער שטאַרק געהוסט.

די איינציקע, וועמען ער פלעגט זעען ארום זיך, איז געווען בעלא. זינט דעם געשלעג איז זי נישט אפגעטראטן פון אים.

— וואס איז דיר בערעזין? — האט זיך בעלא נאכגעפרעגט געוואנדערט און געשראקן פאר זיין פארשארפטער לײדנשאפט.

— גארנישט — פלעגט זי בערעזין ארומנעמען — דער דאקטאר געפינט גארנישט. ווייזט אויס, אז אפילו צו קלעפ דארף מען געוווינט ווערן.

בעלא האט געארבעט און די נעכט פלעגט זי פארברענגען מיט אים. נאך איר אוועקגיין, בלייבנדיק אליין, האט זיך בערעזין נישט געקענט באפרייען פון א געפיל, וואס פלעגט אים דריקן ווי מיט שווערע אייזנס. ער האט זיך געפרואווט דערקלערן, וואס איז מיט אים און זיין איינציקע דערקלערונג איז געווען, אז דאס איז פון די קלעפ. עפעס אינעווייניק אנגערירט.

אין אן אוונט האט אים בעלא אנגעזאגט, אז אויב ער וויל, קען ער מיט איר גיין מארגן ארבעטן צו איר אין שאפ.

— ווייטער קריגן קלעפ—האט ער ווי נישט ווילנדיק א שמייכל געטאן.

— א, איר אינטעליגענטן — האט זיך בעלא צעבייזערט — זע וואס עס טוט זיך מיט אים. געווען אין פיקעט און געקריגן א קלאפ. די וועלט קערט זיך איבער.

— נישט דאס, בעלא.

— וואס נישט דאס? איז זי נאך מערער אין כעס געווארן — וואס דרייסטו א מוח? גיי, ווער צוריק א שרייבער און רוק זיך נישט צו די ארבעטער. די ארבעטער וועלן זיך שוין באגיין אן אייך, אן די וויין־קינדער. צו וואס טויגסטו? איך בעט דיך.

— בעלא, בעלא — האט ער זי שטיל געקושט — רעד נישט אזוי. דו פארשטייסט נישט.

— וואס פארשטיי איך נישט? אדרבה, דערקלער מיר.

בערעזין האט פארקוועטשט מיט די ציין, אז די קין־באקן האבן זיך שארף ארויסגעוויזן, און זיין בלייכער געזיכט איז נאך בלייכער געווארן.

— בעלא, הער אויף!

— וואס שרייסטו, ווייסט דאך, אז איך בין נישט פון די

שרעקנדיקע. גיי ארבעטן און הער אויף צו קלאָגן אויף דיינע יאָרן. זאָרג זיך נישט, וועסטו ארבעטן, וועסטו זיך צוגעוווינען. עס וועט בײַ דיר ווערן אַ טאָג־טעגלעכע זאַך.

בערעזין האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ שטול און פּאַרדעקנדיק דעם געזיכט אויסגערעדט:

— דו שרײַסט אויף מיר ווי אַ ווײַב.

בעלאַ איז צוגעגאַנגען צו בערעזינען, אויפגעהויבן זײַן קאָפּ, טיף אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און אַזוי ווי זי וואָלט אין זײַ געפונען דעם ענטפער, וואָס זי האָט געזוכט, האָט זי אים אָפּגעלאָזן און זיך אַוועקגעדרייט.

— איך וועל מאַכן קאַווע, דו האָסט דאָך נאָך גאָרנישט געגעסן.

בערעזין האָט זי אָנגעכאַפּט:

— זײַ לעבן מיר, בעלאַ.

בעלאַ האָט אַראָפּגענומען אַ קישעלע פון בעט, זי אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל און אַליין זיך געזעצט בײַ זײַנע פיס, אַוועקלייגנדיק דעם קאָפּ אויף זײַנע קני.

— וואָס איז מיט דיר און וואָס האָט מיט דיר געטראָפן?

בערעזין האָט דערלאַנגט אַ בריוו.

ווען האָסטו אים באַקומען?

— היינט אינדערפרי.

בעלאַ האָט איבערגעלייענט דעם בריוו.

— וואָס רעכנסטו צו טאָן?

— איך ווייס נישט — און צוגעגעבן: איך ווייס נישט, ווי אַזוי וועל איך קענען לעבן אָן אייך.

בעלאַ האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. נאָר גלײַך האָט זי אָפּגעהאַקט, אויפגעהויבן איר האַנט, צוגעצויגן זײַן קאָפּ.

— דו וועסט מיך דערשטיקן — האָט זי קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אַרויסרײַסנדיק זיך.

זיי זיצן און שווײַגן. דער אײַנציקער עלעקטרישער לעמפּל אונטער דעם טונקעלן שיידל וואַרפט אַ שאָטנדיקן שײַן צו די ווײַטע ווינקעלעך .

אין פענסטער פײַערלעך אין דער אַנטקעגנדיקער הויז. עס

קלאָגט און פּייפט אַ פּייער־מאַשין, איילט זיך צו אַ פּייער, אַ ווייטער אויטאָמאָביל־האָרן בלאָזט, אַ פּאָר שאָסן ווי פון אַ רעוואָלווער, האָבן זיך געהערט, דער אייביקער גערודער פון דער לופט־באַן, דאָס געוויין פון אַ קינד, און דאָס בילן פון אַ הונט אין דעם קליי־נעם הויפל, וואָס זעט אויס, ווי אַ גרוב, האָבן געוואָרפן אַ שטילן אומעט אין צימער, ווי אונטערגעוואָרפן צו דעם אייביקן שטאָט־טומל, האָט בערעזין שטיל געפרעגט:

— וואָס זאָל מען טאָן?

בעלאַ האָט אין דעם אייגענעם טאָן געענטפערט:

— דו ביסט נישט געזונט, דו וועסט דאַרפן פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אין קאַנטרי. דער סעזאָן הויבט זיך ערשט אָן.

בריוו:

מיין טייערע בעלאַ, אַ פּאָר טאָג נאָר. שטיל און רואיק איז דאָ. מען הערט נישט דעם אייביקן טומל פון דער גרויסער שטאָט. מען רוט פון דעם אייביקן גערודער און דאָס פעלט, ווייל דאָס איז אונזער לעבן. דו וועסט דאָך געוויס וועלן אַביסל פּאָעזיע, אָט האָסטו דיר.

וויס, ווייס אָרום און אַרום, „ווי די כּלה, וואָס גייט צו דער חופּה אָדער דער קיטל פון אַ יידן, וואָס שטייט יום־כּפּור ביים עמוד". קענסטו זיך דאָס פאָרשטעלן? ניין. שטעל זיך פאָר אַ ווייטע שטרעקע, ווייט ביז דאָס אויג כאַפּט, און איבער דער שטרע־קע איז אויסגעשפּרייט געוואָרן אַ ווייסער ליילעך, אַ סך אַ ווייסע־רער, ווי מיין באַלעבאָסטע האָט אָנגעצויגן שבת אויף מיין בעט. אַ ווייסקייט אָן פלעקן. און ווען דו פאַרמאַכסט די אויגן, זעסטו פאַר זיך אַ שטרעקע פון גרויסע ווייסע אויסגעשטשירעטע ציין. ציין, וואָס וואַרפן אויף דיר אָן אַ מורא: אָט־אָט וועלן זיי דיך אַריינכאַפּן, איינעסן זיך אין דיין פלייש. דאָס איז די מורא פאַר דער ווייסער ווייטקייט.

אַ טונקעלער ווינקל, אַ פלעק, דאָס איז דאָס הויז פון אונזער פאַרמער. ער האָט צוויי פערד, אַ ווייב, וואָס מען הערט נישט קיין וואָרט פון איר, צוויי זין און אַ טאָכטער. די זין אין ניו יאָרק, די

טאַכטער טראַכט וועגן ניו־יאָרק און די עלטערן טראַכטן נאָר ווי אויסצולעבן זייערע יאָרן. שוין מיד און מידע אַרבעטן זיי.

אַרבעטער געווען. ביי דער מאַשין געאַרבעט, יאָרן און יאָרן. איצט געקראָגן שווינדזוכט. וווּהין גייט מען? וואָס טוט מען? נישטאָ קיין געלט. גוטע מענטשן, די יוניאָן האָט געהאָלפן און מען האָט געקויפט אַ פאַרם. וואָס איז דאָ אויף דער פאַרם? גאָרנישט מיט גאָרנישט, אַ חוץ די צוויי פערד, וואָס פירן דיך אין דער נאָענטער שטעטל איינקויפן עסן פאַרן פאַרמער און פאַר זייַנע פערד, אויך אַ בהמה איז דאָ.

פון וואָס לעבן זיי? די זין שיקן. פאַרדינען. איינער אַ סיילס־מאַן, דער צווייטער אַ סאָליסיטאָר אין אַ טשאַריטי אינסטיטושאָן.

אַ מאָדנעם און מוראדיקן איינדרוק. לעבעדיקע מתים. דער־וואַרטן גאָרנישט, אַפילו די מיידל, אַזוי אַפּאַטיש, אַזוי אַפּאַטיש...

דאָ, אין חער אַרומיקער ווייסקייט און אין דער אַרומיקער טויטקייט, סיי פון די מענטשן און סיי פון דער נאַטור, ווילט זיך אויך אַוועקלייגן און ליגן, ליגן, פאַרגעסן אַן אַלץ.

די יוניאָן, דער שאַפּ, אַזוי ווייט. די קלעפּ וואָלטן אויך געווען זייער ווייט, ווען זיי וואָלטן נישט דערמאָנט אַזוי אָפט מיט חעם ווי אין זיים.

ווייזט אויס, אַז מען האָט געוואָלט גוט אַריינקלאַפּן דעם יידישן שרייבער דעם טעם פון אַ יידישן פּראָלעטאַריער. נאָר דאָך, די ווייסקייט, אין דער אייגענער צייט, האָט אין זיך אַ מאָדנע גע־זונטע זאַפּט און אומרו. די אומרו פון דעם זייגער אויפן וואַנט. איך וואַרט שוין אויף דער צייט, ווען איך וועל צוריקפאָרן. גרייט מיר צו דעם שאַפּ, נאָר, אום גאָטעס ווילן, אָן קלעפּ און אָן שטרייקן.

מיין ליבער אינטעליגענט, שרייבער און אַרבעטער: —

זיי אַזוי גוט און וואַרף פון זיך אַראָפּ די אינטעליגענטישע האַרץ־ווייכקייט און נאָך מער אינטעליגענטישן טרויער. עס פּאַסט נישט פאַר אונזערע צייטן. אויב דו רעכנסט אויף ווייטער אַזוי קלאָגן און וויינען, דאַן ווער צוריק אַ שרייבער און חער אויף צו דרייען אַ מח די אַרבעטער מיט דיין געוויין, ווייל קלאָג־מוטערס האָבן מיר גענוג איינגענע.

ווען דו וועסט קומען, וועסטו זיך מוזן טרענספערירן אין אונזער יוניאָן און אַלס אַ מאַרטירער וועסטו אַרבעטן מיט מיר אין איין שאַפּ. איך, שרייבער, האָט אפילו אין דעם אויך גליק. אַן אַרבעטער, אַז מען ברעכט אַן גוט די ביינער, בלייבט ער ביי דעם, קרענקט זיך אויס און נאָך דעם טרעפט, אַז ער קען נאָך קיין אַרבעט אויך נישט קריגן, און דו — אַ גליק פון אַ מענטשן!

איך וועל דיר אָפּגעבן אַ קליינעם באַריכט. דער „דראָנג" איז שוין געזונט און האָט נישט קיין אַרבעט. דער אַלטער משה איז געבליבן אַן אַ ווייב און אַן אַ דזשאָב, ער טרייסט זיך, געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער און אויף אים איז אַ גרויסער רחמנות. דער „טשערמאַן" אַרבעט שוין. לייזערן האָב איך נישט געזען. זעסט, אַז דיר איז בעסער פון זיי אַלעמען, און דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל דו ביסט אַ שרייבער.

* * *

— טייערער, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דו האָסט מיר די גאַנצע צייט נישט געענטפערט, פאַרבויג איך מיין שטאָלץ און שרייב דיר דעם לעצטן בריוו פון דער פרעמד. דעם לעצטן, ווייל גאָר אינגיכן פאָר איך אַרויס צוריק אין ניו יאָרק, אַזוי איז באַשטימט געוואָרן פון אונזביידן. ר. האָט געזען, אַז מיין לעבן, אונזער ביידנס לעבן, איז מערער לייד איידער פרייד, און ער אַליין האָט מיר פאַרגעלייגט, איך זאָל אָפּפאָרן צוריק אַהיים.

עס איז שווער. איך זע, אַז דער מענטש לײַדט זייער שטאַרק און העלפן קען איך אים נישט. ווי עס ווייזט אויס טרייסט ער זיך נאָך מיט דעם, אַז ווען איך וועל זיך אומקערן צוריק, וועל איך ווייטער מיט אים אָנהויבן לעבן, ווי פריער; ער קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז איך האָב אים שוין מער נישט ליב.

איינמאָל אַ נאַכט זענען מיר געלעגן און, ווי געוויינלעך די לעצטע צייט, האָט ער זיך געקלאָגט אויף מיין קאַלטקייט און מיך אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דיר, און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער קען זיך מיט דיר נישט גלייכן, איז דאָס פאַר אים געווען דער גרעסטער קלאַפּ און אויף מאָרגן האָט ער מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל צוריק אָפּפאָרן און דאָך האָפט ער נאָך.

אַהיים האָב איך שוין געשריבן וועגן מיין קומען. איך האָב

זיי אַנגעגעבן פאַרשידענע תּירוצים. זיי וועלן דאָס מוזן אָננעמען, אַזוי ווי דאָס איז. מיטן אָפּיס האָב איך זיך שוין אויך דורכגע־שריבן און איך וועל קריגן מיין דזשאָב צוריק. איך שרייב דיר נישט, ווען איך וועל זיין אין ניו־יאָרק. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיך באַגעגענען. מיינע וועלן מיך באַגעגענען און איך וויל נישט, אַז זיי זאָלן דיך זען. צום ווידערזען.

פאַרנאַכט האָט בערעזין באַקומען די צווייטע בריוו.

טונקל און איינזאַם. דער גרויסער לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ העל־בלויליכן שיין אויף דער נידעריקער שטוב מיט די פלעקן פון נאַסקייט, וואָס האָבן זיך געזען אויף דער סטעליע און האַרט ביי די ראַנדן, וווּ די וואַנט מיט דער סטעליע פאַראייניקן זיך. דער פאַרמער האָט אים געבראַכט די בריוו.

— עפּעס פרייליכע נייעס? — האָט אים געפרעגט דער פאַר־מער ביי די גראָבע גלעזער, אין וועלכע עס איז געווען אָנגעגאָסן שוואַך טיי.

בערעזין האָט נישט געענטפערט. ער האָט נאָכאַמאָל געלעזן ביידע בריוו, האָט זיי פאַרגליכן און אַזוי פאַרגלייכנדיק איז פאַר אים אַרויסגעשוואומען רייזל. ווו איז זי איצט? וואָס טוט זי? ווי לעבט זי?

— די גאַנצע צייט נישט געטראַכט וועגן איר, — האָט ער זיך געוווּנדערט, וואָס ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט וועגן איר, און אַ פאַרלאַנג צו זען רייזלען האָט אים באַהערשט; ער קאָן אַליין נישט זאָגן פון וואַנען דאָס איז צו אים געקומען.

— וויפל צייט איז שוין, אַז מיר זענען זיך צעגאַנגען — האָט ער גענומען אויסרעכענען די צייט און זיך אַליין געענטפערט — שוין איבער אַ יאָר.

— איר ווילט נאָך אַ גלאָז טיי? — הערט ער ווי מען פרעגט אים. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בריוו, האָט ער דער־זען דאָס מיידל, וואָס האָט צו אים וואָרעם און אינטים געשמייכלט.

— באַקומען אַ בריוו פון אייער מיידל? — האָט זי געוווּנקען אויף די בריוו, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. בערעזין האָט באַהאַלטן די בריוו. דער פאַרמער האָט זיך געבייזערט:

— נישט דיין דאגה, דו גרויסע קלאָץ איינע. מען פרעגט

נישט בײַ אַ פֿרעמדן מענטש אַזאַ זאַך — און צו בערעזינען — איר וועט איר אַנטשולדיקן. אויפֿגעהאַדערוועט געוואָרן אויף דער פֿאַרם.

די מיידל איז אַוועק מיט טרערן אין די אויגן. בערעזין האָט איר נאָכגעקוקט. אירע ברייטע היפֿטן האָבן אים צום ערשטן מאָל געוויזן, אַז די מיידל איז גאָרנישט קיין מיאוסע, און ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי ער האָט די גאַנצע צייט נישט באַמערקט. דער פֿאַרמער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט.

— איך קערט זיך אום אין שטאָט? — און נישט דערוואַרטנ־דיק זיך קיין ענטפֿער, האָט ער ווייטער געזאָגט — בלייבט נאָך אַביסל. מיינט נישט, אַז איך בעט אײַך, ווײַל איך וויל אײַערע פּאָר סענט, עס איז פֿריילעכער מיט אַ פֿרעמדן מענטשן. מען פֿילט זיך נישט אַזוי אָפּגעריסן. אַליין געווען אַן אַרבעטער. צו וואָס פֿאַר אַ לאָקאַל באַלאַנגט איר?

בערעזין האָט נאָך געקוקט צום מיידל, וואָס איז אַרויף מיט די טרעפּ אויף דעם אויבערשטן קליינעם שטאָק, און האָט געענט־פֿערט:

— איך האָב באַלאַנגט צו דעם——לאָקאַל. נאָר איצט ניי איך זיך טרענסעפֿערירן אין אַן אַנדער לאָקאַל.

— פֿאַרוואָס? — איז יענער געוואָרן נײַגעריק.

נישט באַמערקנדיק, האָט אים בערעזין דערציילט די גאַנצע געשיכטע פֿון זײַנע ביסל צייט אַרבעט, נישט דערציילנדיק, אַז ער איז אַ שרײַבער. דער פֿאַרמער האָט זיך פֿריילעך צעהוסט:

— איצט איז דאָרט זייער אַ גוטער לאָקאַל. פֿריער איז געווען אַ שרעק. די אַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין דעה. וואָס די באַ־אַמטע האָבן געוואָלט, האָבן זיי געטאָן. פֿון וואָס מיינט איר בין איך אַזוי קראַנק? האָט ער זיך ווייטער צעהוסט, פֿאַרדעקנדיק דעם מויל מיט אַ טיכעלע, — טאַקע צוליב אונזערן אַ באַאַמטן. און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— בײַ אונז איז געווען אַ מענעדזשער אויף אַלע אונזערע שונאים געזאָגט געוואָרן. אַ ייִד אַ שרעק. האָט פֿיינט געהאַט די אַרבעטער, ווי אַ שפּין און מיט די באַלעבאַטים איז ער געווען איינער פֿון די בעסטע גוטע פֿרײַנט. מילא, לאַנג האָט ער זיך

נישט געהאַלטן. מיר האָבן אים אַראָפּגעוואָרפן. מיינט איר, אַז מיר האָבן זיך געטאָן אַ טובה? האָט איר אויך אַ טעות. איינער פון די באַלעבאַטים האָט אים געוואָלט נעמען צו זיך פאַר אַ פאָר־מאַן. וויפיל מיר האָבן נישט דערוויזן דעם באַלעבאָס, אַז פאַר אים אַליין לוינט זיך נישט האָבן אַט דעם יידן פאַר אַ פאָרמאַן, ווייל ער וועט דאָך האָבן טראָבל אין שאַפּ, האָט נישט געהאָלפן. דער באַלעבאָס האָט געטענהט, אַז ער מאַכט נישט מיט אים קיין קאָנ־טראַקט און אויב ער וועט זיין שלעכט וועט ער אים אַנטזאָגן. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? גיין גלייך שטרייקן האָט דאָך נישט געהאַט קיין זינען. האָבן מיר דעם באַלעבאָס נאָכגעגעבן און אַליין האָבן מיר באַשלאָסן, די אַרבעטער פון שאַפּ, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, פון אים פּטור ווערן.

דער בחור האָט זיך דערוווּסט פון דעם. מיר האָבן געזוּג „לעקערס", וואָס גיבן אַלץ איבער, האָט ער אָנגערעדט דעם באַ־לעבאָס, אַז די אַרבעטער ווילן אים צעברעכן די מאַשינען און האָט אים דערציילט, אַז די בעסטע זאַך וועט פאַר אים זיין, ווען ער וועט זיין אַרבעט אַרויסגעבן די ערשטע צייט צו קליינע קאָנ־טראַקטאָרלעך, און אַזוי ווי ער האָט דאָך אַלעמען געקענט, האָט ער טאַקע אויסגעגראָבן נישט קיין יוניאָן קאָנטראַקטאָרס. דער אויסרייד איז געווען, אַז זיי גייען פאַרגרעסערן דעם שאַפּ און בייטן די מאַשינען.

מיר האָבן אויסגעפונען, צו וועמען ער גיט די אַרבעט און מיר האָבן דערקלערט דאָרט אַ סטרייק. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה. דער בחור, אַ געוועזענער מענעדזשער, האָט געקענט אַלע גענגסטערס און איז געווען גוט מיט זיי. האָט ער גענומען דעם באַלעבאָס און געמאַכט שותפות מיט איינעם פון די גענג־סטערס און געעפנט זיין שאַפּ, און ווען מיר זענען אַרויף צו אים אָפּשטעלן דעם שאַפּ האָט מען אונז גוט צעשלאָגן. איינעם פון אונז האָט מען אפילו דורכגעשאָסן אַ פוס און מיך האָבן זיי אַזוי געשלאָגן מיט אייזערנע דרענגלעך, וואָס זענען געלעגן אָנגעגרייט לעבן זיי, אַז איך האָב אָנגעהויבן קרענקען און דאָס האָב איך באַקומען — האָט ער זיך ווייטער צעהוסט.

די דערציילונג פון דעם פארמער האט אויף בערעזינען אָנ־געוואָרפן אַ מורא. ער איז אַרויס פון שטוב.

פינסטער, אַ ווייסע פינסטערקייט. דער הימל ריין. שטערן, צעשאָטענע איבער דער ווייסער פינסטערקייט, האָבן אויסגעזען ווי די איינגעפאַלענע אויגן פון דעם פּאַרמער, וועמעס הוסטן עס הערט זיך נאָך פון שטוב. עס איז שטיל. אַ שטילקייט, וואָס האָט זיך געהויבן פון דעם שאָטן פון שטוב צו יענע פּאַרמערשע אויגן, וואָס האָבן געהייסן שטערן.

בערעזין איז געשטאַנען ביים טיר אונטערן דאַך פון באַלקאָן און האָט זיך אַליין נישט געגלייבט.

— קען דאָס זיין, — האָט ער געזען פאַר זיך דעם טרוקענעם געזיכט פון פאַרמער — קען דאָס זיין? דאָס איז דאָך פיל ערגער איידער אַ מלחמה. הייסט דאָס, ווילסטו זיין אַן אַרבעטער, מוזטו זיך צוגרייטן פאַר קלעפּ.

— דו וועסט זיך צוגעוווינען — האָט ער זיך דערמאָנט בעלאַס ווערטער — צו וואָס? צו קלעפּ? פאַרוואָס? פאַר מיין איינענער אַרבעט. פאַר דעם, וואָס איך וויל נישט אַרבעטן מער, ווי מיינע כּוחות דערלויבן? און ווו קען מען קריגן הילף? אָט די פראַגן האָבן אין אים געוועקט אַ מאָדנעם צאָרן. אַ צאָרן, אַ פאַר־ביסענעם און פאַרביטערטן. עס מוז זיך בייטן. און ווער קען דאָס בייטן? ער האָט זיך געזען ווי מען ברעכט די ביינער מיט די קלאָבס ביים פּיקעט. פאַרפלוכט! — האָט ער אַליין נישט געהערט, ווי ער שרייט צום הימל.

— וועמען שילט איר? — האָט ער דערזען אַרום זיך די מיידל.

די מיידל איז געשטאַנען נעבן אים און האָט אים דערלאַנגט אַ שאַרף.

— טוט אָן, איר וועט זיך נאָך פאַרקילן.

— אַ דאַנק, — האָט זיך בערעזין געוווּנדערט. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אין דער פאַרם האָט ער מיט איר קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט און עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי זי וואָלט אים אויסגעמיטן. און היינט, צום ערשטן מאָל, האָט זי אים פריער

געפרעגט וועגן דעם בריוו און איצט האָט זי אים אַרויסגעטראָגן אַ שאַרף, כּדי ער זאָל זיך נישט פאַרקילן.

די מיידל איז געשטאַנען נעבן אים פאַרוויקלט אין אַ ווייסן גרויסן שאַל, ווי עס האָט אויסגעזען, נאָך פון דער אַלטער היים. דער פּנים באַדעקט מיט אַ טונקלהייט פון שאָטן. דער אויבער־שטער טייל און די אויגן שמייכלען מיט טרערן.

— וואָס איז? — האָט בערעזין דערפילט אַ פּלוצלומדיקן מיטלייד צו דער מיידל.

— גאָרנישט, וואָס זאָל זיין? — האָט יענע אים געענטפערט מיט אַ פראַגע.

זיי שטייען און שווייגן. די שטילקייט איז איבערגעריסן געוואָרן פון אַ הונט און אַ וויטן כריפּען פון אַן אויטאָמאָביל.

— איר האָט ליב די נאַכט?

— איך ווייס נישט, — האָט זיך בערעזין נישט אויפגע־הערט צו וואונדערן.

— איך האָב נישט ליב די נאַכט, — האָט זי שאַרף אויסגערעדט — איך האָב זי נישט ליב. בייטאָג איז בעסער.

בערעזין שווייגט. דאָס מיידל ווייטער:

—איך האָב נישט ליב די נאַכט. עס איז נישט פינסטער און נישט ליכטיק. נישט אַהין און נישט אַהער. אָט דאָרט, אין ניו־יאָרק, אויף בראָדוויי, אַלץ אַזוי ווייס, עס ברענט, ווי דו וואָלסט געגאַנגען אויף אַ פייערדיקן וועג.

—ווען זענט איר געווען אין ניו־יאָרק?

— יעדן מאָנאַט פאָר איך איינמאָל צום ברודער.

— וואָס טוט איר דאָרטן?

—איך וויל אַריינגיין אין די מוווים.

— וואָס — האָט בערעזין געדענקט, אַז ער האָט פאַרהערט,

— וואָס וועט איר דאָרט טאָן אין די מוווים?—האָט ער אַליין נישט געפילט זיין פראַגע.

— וואָס דען, אַרבעטן אַזוי ווי מיין טאַטע און קריגן שווינד־זוכט?

בערעזין האָט זי איבערגעשלאָגן:

— ווי אַלט זענט איר?

די מיידל האָט נישט געהערט.

— דעם גאַנצן לעבן אויפן פּאַרם. און וואָס וועט זיין? דער טאַטע שרייט, מען דאַרף חתונה האָבן. מיט וועמען? גיין אַרבעטן אין שאַפּ? צו וואָס? וואָס האָט מען פון דעם? — זי האָט אים א כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט:

— איר זעט אָט די נעכט, ווייזן זיי אייך נישט אויס, ווי א פאַרחלשטער מענטש, וואָס שמייכלט צו אייך? איך האָב שוין דאָס געזען איינמאָל. מיין טאַטע האָט באַקומען א בלוט־שטורץ, מיר האָבן אים אַריינגעלייגט אין בעט, האָט ער אַזוי געשמייכלט.

זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו אים.

— דעם לעצטן מאָל ווען איך בין געווען אין ניו־יאָרק, בין איך אויסגעגאַנגען מיט מיין ברודער און זיין מיידל. זי אַרבעט איצט אין אַן אָפיס. פאַרדינט צוואַנציק דאָלאַר א וואָך. האָט זי מיר געוויזן און דערציילט: ווי נאָר זי וועט חתונה האָבן, וועט זי אַפּלאָזן דעם אָפיס און גיין אין א מוווי. זי האָט מיר געגעבן דעם זשורנאַל פון אַלע גרויסע סטאַרס. איך וועל אויך גיין אין א מוווי — האָט זי אַרויסגענומען פון אונטערן שאַל דעם זשורנאַל און געוויזן די בילדער. אין דער פינסטער האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן. איין בילד. מען קושט זיך. זיי קושן זיך. האָט זי אים אויך אַרומגענומען און היים געקושט און געמורמלט די אונטערשריפט:

— קומט צו מיר, מיין ליבער. די נאַכט איז אַזוי שטיל, די הייסקייט פון דיין אָטעם ברענט מיך ווי פייער. איך בין דיינע, א ך בין דיינע.

— שיינדל, וו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט זיך דער־הערט איר פאָטערס קול פון שטוב.

בערעזין איז געקומען אין ניו־יאָרק, ער האָט אָפּגערופן בע־לען, זי קען אים נישט זען ביזן קאָנצערט. זי האָט פאַר ביידן טיקעטס. איז ער נישט געווען צופרידן און איז נישט אַרויס פון שטוב דעם גאַנצן טאָג. נאָכן קאָנצערט האָט ער פאַרגעשלאָגן בע־לען:

— מיר וועלן אַריינגיין ערגעץ.

— ניין. איך בין מ״יד. איך פאָר אהיים און דו א״יך. פאַר־

געם נישט, מאַרגן האָרפּכטו קומען צו דער אַרבעט. דו וועסט פריער זיין אין דער יוניאָן, נעמען אַ „וואָרקינג קאַרד" און יאָן דעם וועסטו אַרויפגיין אין שאַפּ

— דו וועסט נישט גיין צו מיר?

— ניין, איך קען נישט און וויל נישט.

בערעזין האָט איר שאַרף אַריינגעקוקט אין די אויגן. זי:

— נישט דאָס, וואָס דו מיינסט. אַ גוטע נאַכט.

— איך וועל דיך באַגלייטן.

— מען דאַרף נישט. איך וועל אַליין טרעפן.

———

ווען בעלאַ איז געקומען צו זיך אין צימערל, אויף קראָטאָנאַ פּאַרק סאָוט, האָט זי זיך דערפילט איינזאַם, די איינזאַמקייט, וואָס עס פילט אַ מענטש, ווען ער קלייבט זיך אַריין אין אַ נייעם צימער און איז נאָך נישט געוווינט צו דעם, וואָס עס רינגלט אים אַרום.

זי האָט אויפגעדרייט די עלעקטרי און נישט אַראָפּוואַרפנדיק דעם פּאַלטאָ פון זיך, איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער. דער עלעקטרישער לאָמפּ איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ כינעזישער טיכל, פון וואָס דער צימער האָט אויסגעזען רויטלעך־טונקל, און די גרויע חיה מיט דעם פאַררייסענעם עק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער ווייסער פאַרהענגל פון פענסטער. ווען בעלאַ האָט אָנגענומען דאָס פאַרהענגל, האָט זי דערזען, אַז פון ביידע זייטן האַנט באַוועגן זיך דער עק און דער קאָפּ. עס האָט אויסגעזען, ווי בעלאַס האַנט האָט פון איין זייט אַן עק און פון דער צווייטער זייט אַ קאָפּ. נישט ווילנדיק, אינסטינקטיוו, האָט זי אַראָפּגעלאָזן די האַנט. דאָס פאַרהענגל האָט זיך אויסגעגלייכט און די חיה האָט זיך ווייטער, ווי אַ לעבעדיקע, באַוועגט איבער דער ווייסקייט פון לייוונט.

בעלאַ איז אָפּגעגאַנגען פון פענסטער. היינט צום ערשטן מאָל האָט זי באַמערקט די חיה. ווי פון דער זייט האָט זי זיך ווייטער אָנגעהויבן צורוקן און פלוצלינג אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט דאָס פאַרהענגל און עס אויפגעהויבן.

— וואָס איז מיט מיר? — האָט זי זיך אַליין אויסגעשטראָפט, אַרויסקוקנדיק אין פענסטער.

חער פּאַרק, באַדעקט מיט שניי. נישט ווייט פון פענסטער, אַריבערן וועג, ווייס. די ביימער אויך ווייסע, אַ זילבערנע ווייסקייט, באַגאָסן מיט אַ רויטקייט פון די עלעקטרישע לאָמפּן און פון די פאַרבייפאָרנדע אויטאָמאָבילן. וווייטער אַביסל, די ווייסקייט ווערט פאַרוואַנדלט אין טונקלקייט, די ביימער אין שוואַרצע סימנים. אַ פאַרביילויפנדיקער אויטאָמאָביל וואַרפט אַ שאַרפן שיין, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין שווערד־פאַס, שווינדלט אויף, און פאַרשווינדט.

— טראַלאַ־לאַ־טראַ־ללאַ־לאַ! — האָט זי צו זיך אַליין געזונגען אַ מאָטיוו פון רימסקי קאָרסאַקאָוו, וואָס האָט זיך איר איינגעשניטן אין געדאַנק פון דעם קאָנצערט, אַפּגייענדיק פון פענסטער. אין דער אייגענער צייט האָט זי זיך געפרעגט:

— ווען איך בין געזונט, וואָלט איך געגאַנגען צו בערעזינען? — און גלייך האָט זי זיך געגעבן אַן ענטפער — וואָלט נישט געגאַנגען.

— נאָר זיך נישט, בעלאַ, דו ביזט די אייגענע ווי אַלע.

— עס קען זיין — האָט זי אויסגעטאָן אירע בייזרע שיך, די איבעריקע קליידער און זיך אַריינגעלייגט אין בעט:

— מאָרגן דאַרף מען גיין צו דער אַרבעט.

שלאָפן האָט זי דאָך נישט געקענט. זי איז געלעגן, זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער. און פּלוצלונג האָט זי זיך צעלאַכט. געלאַכט הויך, אויפן קול. זי האָט אַפילו אויפגעוועקט די מענטשן פון שטוב, וואָס זענען צו איר אַריינגעלאָפן, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס איז דאָ. דערזעענדיק זי אַ לאַכעדיקע אין בעט, האָט די באַלעבאָסטע, אירער אַן אַלטער גוטער פריינט, אויסגעשריגן:

— בעלאַ, גאָט איז מיט דיר, וואָס לאַכסטו?

נאָר בעלאַ האָט נישט געענטפערט, שטאַרקער געלאַכט. פאַרגאַנגען זיך אין געלעכטער, ביז זי האָט אָנגעהויבן קוויטשען און אַריינגעכאַפּט דאָס קישן אין מויל. בעלאַ האָט געוווסט, אַז דאָס וואָס זי לאַכט איז נאַריש, — מען דאַרף נישט לאַכן, מען מוז זיך איינהאַלטן, נאָר זי האָט נישט געקאָנט. עס האָט איר פּשוט געדיסן צום לאַכן. וואָס מער זי האָט זיך געוואָלט איינהאַלטן, אַלץ

שטאַרקער האָט זי געלאַכט. וואָס שטאַרקער זי האָט געלאַכט, אַלץ מער האָט זי געוואָלט שרייען און וואָס מער זי האָט געשריגן, אַלץ מער האָט זי געריסן די קישן אין מויל און איר לאַכן איז איבער־געגאַנגען אין אַ ברומען.

איר באַלעבאָסטע האָט אַרײַנגעטראָגן אַביסל וואַסער, גע־פרוווט איר אַרײַנגיסן אין די פאַרטשעמעטע ציין. אַ פּאָר טראָפּן זענען אַרײַן, אַביסל האָט זיך פאַרגאָסן אויף איר נאַקעטער ברוסט. זי האָט אָנגעהויבן ציטערן פון קעלט.

— וואָס איז מיט דיר, בעלאַ, — האָט איר באַלעבאָסטע גע־פרוווט זי באַרואיקן.

בעלאַ האָט געציטערט.

בערעזין האָט געטאָן אַזוי ווי בעלאַ האָט אים געזאָגט. סיי אַרויסקריגן די „וואָרקינג־קאַרד״, סיי דאָס טראַנספּערירן זיך איז אים זייער לײַכט אָנגעקומען. אַלץ איז שוין פאַר אים געווען צוגע־גרייט, ער אַרבעט שוין אין שאַפּ מיט בעלאַן. דער שאַפּ איז געווען אויף 19־טער גאַס, נישט ווייט פון דעם ווינקל פון דער פינפטער עוועניו.

דער שאַפּ — אַ גרויסער, איבער 60 מאַן. מען האָט געמאַכט מענער־מאַנטלען, וואָס לאָזן נישט דורך קיין וואַסער. דער שאַפּ־טשערמאַן איז געווען בעלאַ. בערעזין האָט זיך געפילט זייער גוט אין דעם שאַפּ. די צעריסנקייט און דאָס נישט גלויבן, וואָס האָט געהערשט אין דעם ערשטן שאַפּ, ווו בערעזין האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, זענען דאָ נישט געווען. ווען בערעזין האָט באַמערקט וועגן דעם בעלאַן, האָט זי אים באַרואיקט:

— דאָ איז דער אייגענער שאַפּ, ווי אומעטום. פאַראַן דאָ אַרבעטער, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן און פאַראַן דאָ אַר־בעטער, וואָס ווילן פאַר אַ באַנדל פאַרקויפן דיך, די יוניאָן מיט אַלע אַרבעטער צוזאַמען. וואָס דען, זיי גלויבן, און זיי ווייסן, אַז זיי זענען דאָ די באַלעבאַטים און אַז זיי וועט די יוניאָן גאָרנישט טאָן.

די ערשטע וואָך האָט ער שוין אָפּגענומען פיר־און־פערציק

דאָלאַר, דאָס איז געווען דער מיניִמום, וואָס יעדער האָט געמוזט פאַרדינען.

ביי באַשטימען זיין „פיידע" איז פאָרגעקומען אַ סצענע. דער פאַרמאַן, אַ קורצער, גראָבער יידל, וואָס פלעגט שטענדיק האַלטן אין איין אַרויפּרוקן די הויזן, ווייל זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן אויף זיין קיילעכדיק בייכל, האָט נישט געוואָלט באַשטימען דעם געהאַלט. בעלאַ האָט נאָר געפאָדערט דאָס געלט.

— ווייניקער קען דאָס נישט זיין, — האָט געטענהט בעלאַ.

— ער אַרבעט דאָך נישט אויס אַזוי פיל, — האָט געטענהט דער פאַרמאַן.

— איר צאָלט אַלעמען וויפל יעדער פאַרדינט? — האָט זי אים אָפּגעהאַקט.

עס זענען אויך צוגעגאַנגען אַ פּאָר אַרבעטער.

— בעלאַ, די ערשטע וואָך קאָנט איר נישט פאָדערן, ער זאָל צאָלן אַזוי פיל. מיר ווייסן דאָך, אַז ער אַרבעט נישט לאַנג אין טריידס.

דער פאַרמאַן האָט אונטערגעכאַפּט: דו זעסט, אַז זיי אַליין זאָגן, ער איז נישט ווערט.

בעלאַ איז געוואָרן אויפגערעגט.

— אויב איר וועט זיך מישן אין אַזעלכע זאַכן, קענט איר זיך אויסקלייבן אַן אַנדער שאָפּ־טשערמאַן.

די אַרבעטער זענען אַוועקגעגאַנגען. בעלאַ האָט אָפּגעהאַקט צום פאַרמאַן:

— איר וועט צאָלן דעם מיניִמום.

דער פאַרמאַן איז אַוועקגעגאַנגען, צעפּירנדיק מיט די הענט.

צוויי באַגעגעניִשן אין איין אָוונט.

—האַלאָ, בערעזין!

— האַלאָ, ר' משה. וואָס מאַכט איר?

— וואָס מאַכט איר? איר אַרבעט ווייטער?

— געוויס. איין מאָל אַן אַרבעטער, אַלעמאָל אַן אַרבעטער.

— האַלאָ, רב משה, האַלאָ בערעזין.

— האַלאָ, לייזער, ווו ביזטו געווען די גאַנצע צייט? וואָס טוסטו?

מען איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפעטעריע.

בערעזין האָט זיך געאיילט. ער האָט היינט געהאַט אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיווע און בעלאַ האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיין דאָרט. מען וועט באַהאַנדלען זייער וויכטיקע פראַגן.

— וואָס הערט זיך ביי איך, רב משה? — האָט ער זיך געזעצט נעבן אַ טישל נישט ווייט פון פענסטער.

די קאַפעטעריע איז געווען באַגאָסן מיט ליכט. אין דעם פענסטער אָנגעשטעלט פאַרשידענע מאכלים, וואָס ווערן דאָרט געמאַכט. די פרייזן, זייער ביליק, מענטשן זענען אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען. נעבן זיי, ביי אַ צווייט טישל, איז געזעסן איי־נער אין סאָלדאַטסקע קליידער, ווי עס האָט אויסגעזען, אַן אויס־געדינטער סאָלדאַט. ער האָט געזוכט אין די קעשענעס, עפּעס אַרויסגענומען, איבערגעציילט און מורמלענדיק זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן. דאַן איז ער אויפגעשטאַנען, גענומען אַ גלאָז קאַווע און האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט. ער האָט אַריינגעשאָטן אַרום זעקס לעפעלעך צוקער. זיין פנים איז אין דער צייט געווען פאַרביסן, אַזוי ווי דערמיט, וואָס ער האָט אַריינגעשאָטן אַזוי פיל צוקער, האָט ער פון אימיצן גענומען נקמה. בערעזין האָט אים נאָכגעקוקט. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. דער סאָלדאַט האָט אַ שמייכל געטאָן. בערעזין האָט אים געענטפערט און אַזוי ווי דער שמייכל האָט יענעם דערמונטערט, איז ער צוגעקומען און שטיל אויסגערעדט:

— האָסטו נישט אַ פּאָר ניקלס אויף ברויט און שלאָפן? אַ געוועזענער סאָלדאַט — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיינע קליי־דער — געווען אין דער מלחמה, געקומען צוריק. נישטאָ קיין אַר־בעט.

בערעזין האָט אים נישט געלאָזן ווייטער רעדן, האָט אַרויס־גענומען קליין־געלט, וויפל ער האָט געהאַט און האָט אים געגעבן. יענער איז אַפּגעגאַנגען.

דער אַלטער משה האָט זיך אָפּגערופן:

— שוין דעם צווייטן מאָל. נעכטן בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ בעקעריי, איז אין טיר געשטאַנען אַן אַלטע צונויפגעדרייטע

פרויקע און האָט זיך געבעטן: קויפט מיר דאָ אַ לעבל ברויט. איי־נער האָט איר געגעבן אַ ניקל, האָט זי שטיל אויסגערעדט: „וואָס קאָן איך טאָן מיט דעם ניקל? קיין ברויט קאָן איך פאַר דעם נישט קויפן". זי איז שוין געווען זייער אַן אַלטע, אודאי אַריבער זי־בעציק. און טרינקענדיק די קאַווע האָט ער צוגעגעבן, — אויב איך וועל נישט קריגן קיין אַרבעט, וועל איך דאָס אויך מוזן טאָן.

לייזער האָט זיך אָפּגערופן:

— נישט געזאָרגט, ר' משה, עס וועט זיין אַלרייט. איר וועט נאָך קריגן אַרבעט, און ביז וואָס וועלן מיר איינער דעם צווייטן העלפן.

— קיינער וויל מיך נישט נעמען. אַן אַלטער, ווער דאַרף מיך?

לייזער האָט אים נישט אויפגעהערט צו טרייסטן:

— נישקשה, איר וועט קריגן אַרבעט.

אויך בערעזין האָט אים אונטערגעהאַלטן:

— נישקשה, רב משה, מיר וועלן זיך איינער דעם צווייטן העלפן. איך וועל זען, טאָמער וועל איך קענען אייך אַריינגעמען ווו איך אַרבעט.

דער געוועזענער סאָלדאַט, רב משהס רעחן, האָט צעשטערט די צופרידנהייט פון זייער באַגעגעניש. אין קורצע אָפּגעהאַקטע ווערטער האָט מען איינער דעם צווייטן דערציילט:

לייזער: איך אַרבעט איצט אין אַן אָפּן שאָפּ און פּרוו זיך אים אָרגאַניזירן. שרעקלעך דאַרט צו אַרבעטן. די אַרבעטער אמתע שקלאַפן. זיי וואָלטן געטרונקען די וואַסער אין וועלכע דער באַלע־באָס וואַשט די פיס. ווען זיי ווייסן, אַז איך בין אַ יוניאָן־מאַן, וואָלטן זיי מיך געווים דערהרגעט. איינער פון די ערגסטע שעפּער. קיינמאָל האָבן מיר דעם שאָפּ נישט געקענט מאַכן. צוליב דעם שאָפּ האָט זיך אַפילו די יוניאָן איבערגעבעטן מיט מיר. איר ווייסט, בערעזין, איר דאַרפט קומען צו איינעם פון אונזערע מיטינגען. אין יעדער שאָפּ זענען דאָ נישט צופרידענע, און מיר פּרווון זיך אָרגאַניזירן אַ רעלעגאַטן־ליג פון אַלע שעפּער.

בערעזין האָט דערציילט וועגן זיך און ווו ער אַרבעט איצט.

אז ער גייט היינט צו דער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון זיין יוניאָן.

נישט לאַנג איז מען געזעסן. לייזער האָט איבערגעגעבן, אַז דער „דראָנג" איז נאָך קראַנק, דער טשערמאַן אַרבעט און נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער דעלעגאַטן ליג.

ווען בערעזין איז געקומען צו דער זיצונג, האָט אים בעלאַ גלייך אַריינגעלאָזן. ווי עס ווייזט אויס, האָט זי געוואַרט אויף אים. די רעפּאָרטן פון דער פריערדיקער זיצונג זענען שוין געענדיקט און מען האָט אָנגעהויבן אַריינלאָזן די קאָמיטעס.

עס איז אַריינגעקומען אַ פרוי פון אַריבער זעכציק. אַ קורצע, דאַרע, באַוועגלעכע און ענערגישע. זי איז געקומען פון דער „לייבאָר דעפּענס", פון דער געזעלשאַפט, וואָס פאַרטיידיקט די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין אַמעריקע, די אַרבעטער, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן ביי פאַרשיידענע סטרייקס פון די מיין־דיסטריקטן. זי דערציילט פון איינעם. זי קען אים פּערזענלעך. זי אַליין איז אויך געזעסן אין טורמע.

— אין איינער פון די קוילן געגנטן. די לאַגע איז אַ שרעקלעכע. די באַהאַנדלונג פון שקלאַפן. האָבן די אַרבעטער סוף־כל־סוף אַרויסגערופן אַ סטרייק. דער סטרייק איז געווען אַ פרידלעכער. מען האָט קיינעם נישט געטשעפּעט, מען האָט נאָר געסטרייקט פאַר מענטשלעכערע באַדינגונגען. איז אין אַ טאָג, ווען זיי האָבן געהאַט אַ מיטינג, און מען איז פּשוט געשטאַנען און געזונגען, איז אָנגעלאָפן פּאָליציי און מען האָט אָנגעהויבן שלאָגן. אַליין דער שעריף האָט אויסשיסנדיק פון זיין רעוואָלווער, געטראָפן איינעם פון די אָנפירער פון סטרייק. נאָך און נאָך אַ לאַנגער ציַיט. מען מוז זיי העלפן. זיי מאַכן אַ באַזאַר, זאָל דער לאָקאַל נעמען טיקעטס, מאַכן אַן איינעם ביידל. אין דיסקוסיעס האָט מען אָנגעהויבן צו קויפן פאַר פופציק דאָלאַר טיקעטס און אויסקלייבן אַ קאָמיטע, וואָס זאָל נישט בלויז איינאָרדענען דעם ביידל, נאָר אין אַלגעמיין העלפן דעם באַזאַר.

אַ קאָמיטע פון אַ סאַנאַטאָריום בעט הילף. אַ קאָמיטע פון אַ קינדער־הויז, אַ קאָמיטע פאַרקויפט טיקעטס צו אונטערנעמונ־

גען פון א נייער אינסטיטוציע פאר אונהיילבארע, פאר בלינדע, פאר משוגעים.

א פאר־פאלק. א קאמיטע פאר זיך. ער א גראבער, געזונטער פארגאסענער פנים מיט אויגן און נאז ווי א בולדאג, זי א הארע, פארהארעוועטע, שוואכע. וויינט.

פיל ,פון דער עקזעקוטיווע באגעגענען אים פריילעך:

— אהא, דער סקעבאטש, שוין ווייטער דא.

די פרוי וויינט:

— איך קען שוין דאס מער נישט איבערטראגן. איך האב דריי קינדער. ער האט געארבעט אלס מעסענדזשער אין א טעלעגראף־קאמפאני. גיט אים צוריק דעם ביכל און זאל ער גיין ארבעטן, ער האט איצט א שאפ.

— ער וועט דאך ווייטער גיין סקעבן.

א יוניאן־מאן. געוועזן א סטרייק האט ער געסקעבט און וואס מערער מען האט אים געשלאגן, אלץ פלייסיקער האט ער געסקעבט. מען האט ביי אים צוגענומען דאס יוניאן־ביכל און באשטראפט מיט הונדערט דאלאר. איז ער אוועק. איצט איז ער געקומען צוריק. וואס זאל מען טאן?

א קאמיטע פון די בעקער. העלפן זיי אין זייער יוניאן־לייבל קאמפיין. אזוי איין קאמיטע נאך דער צווייטער, אלעמען אויסגעהערט. די ארבעטער־דעלעגאציעס גלייך געענטפערט. די איבעריקע: מארגן קומען אין אפיס נאך אן ענטפער.

בערעזין האט געזען, אז מען האט פאר יעדן אנשטאלט באשטימט א קליינע סומע געלט, האט ער זיך פאראינטערעסירט וויפל געלט די יוניאן צעטיילט פאר אזעלכע צוועקן. ער האט זיך דערוווסט, אז אריבער טויזנט דאלאר א יאר.

נאך די קאמיטעס איז געקומען דער ראפארט פון דעם מענעדזשער:

,,דאס איינציקע, וואס מיר האבן היינט איז דער סטרייק, וואס מיר פירן ביי דער פירמע ———, און אזוי ווי עס איז שוין שפעט וועל איך אפגעבן א קורצן באריכט, ווייל אין אלגעמיין ווייסט איר ווו מיר האלטן.

,,דעם סטרייק וואלטן מיר זייער לייכט געוווּנען, ווען דא מישן

זיך נישט אריין די מענער־שניידער. מען קען זאגן, אז זיי פראָטעקטן דעם באָלעבאָס; א דאנק זיי קענען מיר אים נישט כאפן, ווייל ער גיט ארויס די ארבעט צו זייערע קאָנטראַקטאָרס.

„דער סטרייק קאָסט אונז אָפּ ארום זעקס הונדערט דאָלאר א וואָך, און מיר ווייסן נישט, ווען ער וועט זיך ענדיקן. אויפגעבן קאָנען מיר אים נישט, ווייל אויב מיר זאָלן אויפגעבן דעם סטרייק, דארפן מיר אויפגעבן אונזער יוניאָן.

„איך מוז אייך זאָגן, אז די גויִעשע יוניאָנס גיבן אונז די גרעסטע הילף, ווען מיט די יידישע איז דאָס פארקערט. אָט האָט איר א פאַל. מיר האָבן אויסגעפונען, אז דער באָס שיקט ארויס די ארבעט. וווהין שיקט ער דאָס? פריער האָט ער באַשטעלט א בוטשער סטאָר. פון בוטשער סטאָר קומט אַן עקספּרעסמאַן און פירט דאָס אוועק צו זיינעם א פריינט. פון דאָרטן נעמט דאָס א צווייטער עקספּרעסמאַן און פירט דאָס אוועק אין א דראָג־סטאָר, וואָס איז אונטער דער שאָפּ, וווּ מען מאַכט די ארבעט. מיר האָבן דאָס אויסגעפונען א דאנק די גויִעשע יוניאָנס און די יוניאָן־עקספּרעסלייט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער שאָפּ באַלאַנגט צו דער שניידער־יוניאָן, און ווען מיר האָבן אויפגעפאָדערט דעם מענעדזשער פון דעם באַטרעפנדיקן לאָקאַל, ער זאָל גיין מיט אונז סטאָפּן דעם שאָפּ, האָט ער נישט געוואָלט. נאָך אינטערעסאַנטער איז געווען מיט א צווייטן באָס, וווּ מיר האָבן געפאָדערט אַראָפּנעמען די ארבעטער, און דער מענעדזשער האָט גערעדט מיטן באָס נישט ווי א יוניאָן־מאַן, נאָר ווי זיינער א גוטער־ברודער. און דאָס קען איך נישט פארשטיין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א דיסקוסיע, פון וואָס בערעזין האָט זייער ווייניק פארשטאַנען, ווייל די דיסקוסיע איז געווען א פאָרטזעצונג פון א פריערדיקער. ער האָט געהערט, ווי מען האָט געהיט פיר א זייגער פאַרטאָג, ווי מען איז נאָכגעפאָרן א וואָגן אין דזשאַמאַיקע. ווי מען האָט געהיט א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט דעם באָס. ווי מען האָט אויסגעפונען די שעפּער. אַז דער באָס איז אריינגעגאַנגען אין דער אסאָסיאיישאָן. זייער ווייניק האָט ער פאַר־שטאַנען פון דעם. ער האָט געזען, אז דאָס וועט זיך פארציען זייער שפּעט און אליין נישט פארשטייענדיק געניי וועגן וואָס עס

האַנדלט זיך דאָ, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון האָל. בעלאַ נאָך אים.
— וואָהין גייסטו?
— איך בין זייער מיד. איך וועל גיין אַהיים. און דו?
— וועל דאָ פאַרבלייבן.
בערעזין איז אַוועק.

אַ פרייטיק אינדערפרי. בערעזין שטייט אַ האַלב־אָנגעטאָענער ביים פענסטער.
— עס איז קאַלט — האָט ער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.
בעלאַ האָט אים צוגעשריגן:
— פאַרמאַך די פענסטער.
— זע ווי ווייס עס איז—האָט בערעזין נאָך ברייטער געעפנט די פענסטער און אַ קאַלטער שטראָם פון דעם פרימאָרגן האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער, באַוועגט מיט די פאָרהאַנגלעך.
— זע, ווי דאָס קוקט אויס — האָט בערעזין צוגעוואָרפן בעלאַן, וואָס האָט זיך געדרייט אין דער קאָלדרע — עס זעט גאָרנישט אויס, ווי שניי, נאָר ווי אַן אַלטע אָפּגעריבענע פלאַכטע קרייד — דער ניו יאָרקער שניי האָט נישט קיין אומשולד — האָט ער אַ לאַך געטאָן.
— פאַרמאַך די פענסטער, איך וועל זיך אָנטאָן. מאַך קאַווע, — האָט בעלאַ באַפוילן.
בערעזין האָט איר געפאָלגט, און אַרויפשטעלנדיק דעם קאַווע־קאָכער אויפן פייער, האָט ער געזאָגט:
— היינט וועל איך נישט גיין אַרבעטן.
— וואָס איז פאַר אַ יום־טוב. די מוזע האָט זיך צעשפּילט? היינט איז „פּיידע" און שוין דעם צווייטן מאָל, אַז דו פאַרפעלסט.
— זאָג, אַז איך בין קראַנק. אַ שרייבער, וואָס ווערט אַן אַרבעטער, מעג זיך דערלויבן צו קרענקען.
בעלאַ איז צוגעגאַנגען מיט אַ נאַס פּנים. אירע קין־באַקן האָבן געבלישטשעט פון נישט־אָפּגעטריקנט וואַסער, און דער שטערן אַ הויכער און האַלב קיילעכדיקער, האָט אַזוי ווי געשמייכלט.
— וואָס עפּעס פּלוצלונג נישט אַרבעטן?

— איך וועל היינט זיך טרעפן מיט נעראן.

— ווען איז זי געקומען? — נאר זי האט פארגעסן צו פרעגן פון וואנען ער ווייסט דאס.

— איך ווייס נישט.

— אט דאס האב איך געפונען אויפן טיש, — האט ער אי־בערגעגעבן א שטיקל פאפיר.

— זי ווייס דיין אדרעס?

— יא.

פון אנטאן זיך ביזן אוועקגיין האבן זיי נישט ארויסגערעדט קיין ווארט. איילנדיק האט בעלא געטרונקען די טיי און בערעזין איז ארומגעגאנגען ארום איר, אזוי ווי א פארשולדיקטער.

— מיר וועלן זיך היינט טרעפן?

— פון וואנען ווייסטו, אויב דו וועסט האבן צייט? בערעזין האט געשוויגן.

—זאל איך גיין צו דער ארבעט? — איז בעלא געבליבן שטיין אין גאס, אראפגייענדיק פון די טרעפ.

עס איז געווען זיבן אין דער פרי, דער שניי, וואס איז אויס־געפאלן ביי נאכט האט באדעקט מיט א טונקעלער ווייסקייט די גאס, די פארבייליופנדיקע מענטשן האבן אויסגעזען מער ווי שאטנס, אזוי צעזוניפגעדרייט און איינגעהויקערט זענען זיי געווען.

זי האט זיך אויך צוזונויפגעדרייט און גענומען לויפן, נאר אנשטויסנדיק זיך אן א פרעמדער ברוסט, האט זי זיך אויסגע־גלייכט. א שווארצער פנים, ווייסע ציין און גראבע ליפן. זי האט זיך אפגעווארפן. א גראבע שטימע האט אויסגעדונערט, ווי פון א קעסל.

— עקסקיוז מי.

זי איז ווייטער געלאפן. ביים ווינקל פון גאס איז איר פוס אריינגעקראכן אין א קופע שניי, וואס די מענטשן האבן שוין צו־נויפגעשארט און דאס האט זי געצוואונגען זיך אפשטעלן. אזוי ווי זי וואלט דאס נאר קיינמאל נישט געזען, האט זי זיך אליין א וואונדער געטאן:

— אזוי פרי — נאר גלייך האט זי זיך אליין געענטפערט: —

אַ נייעם פֿאַר דיר? וויפֿיל מענטשן וואַרטן שוין אויף דעם גליק־לעכן מאָמענט, ווען זיי וועלן קענען שאַרן שניי און פֿאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר?

זי האָט געדאַרפֿט פֿאָרן צו דער 29־טער גאַס און זיבעטער עוועניו, דאָרטן איז געווען איר שאַפּ. אין סאַבוויי, ווי געוויינלעך, צונויפֿגעקוועטשט ווי הערינג, שמעקט מיט זויערס פֿון די זויערע פּנימער און פֿאַרשלאָפֿענע אויגן. דער אונטער־ערדישער באַן ווינט זיך און די הערינג־מענטשן רייבן זיך, שאָקלען זיך און פֿאַלן נישט אום, ווייל עס איז נישטאָ וווּ.

זי האָט פֿאַרשפּעטיקט. אויף צען מינוט. ווי עס טרעפֿט זיך, האָט זיך דער עקספּרעס געצויגן ווי פֿון פּעך.

אין שאַפּ. דער טונקעלער צודעק פֿון קוילן־רויך, וואָס האָט זיך ווי אַ שוואַרצער וואָלקן געצויגן פֿון די הויכע דעכער אין די נאָזלעכער און געמאַכט וויינען, ניסן און הוסטן, האָט אָנגעוואָרפֿן אַ מרה־שחורהדיקן שאָטן אין שאַפּ, וואָס איז געווען ווי אַ דאַלער. ביי די עקן פֿון דאַלעד פֿענסטער, די איבעריקע — אַ שטומע וואַנט.

די לופֿט, בענזין, געברענטער איל, צעוואַרעמטער שווייס און קוילן־רויך. בעלאַן האָט פֿאַרשלאָגן דער אָטעם און אַ קלאַפּ געטאָן אין די שלייפֿן. דער פֿאָרמאַן האָט זי באַגעגנט און אַזוי ווי פֿאַרביי־גייענדיק אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער.

— דער באַן האָט זיך געשלעפּט, ווי אַ קרענק — האָט זיך בעלאַ פֿאַרענטפֿערט, נישט טראַכטנדיק פֿון פֿאַרענטפֿערן זיך אַפֿילו.

בעלאַס אָרט איז געווען אַרום פֿענסטער. פֿון אונטן האָט זי דערהערט דאָס פּייפֿן און קלינגען פֿון דעם פֿייער־לעשער, האָט זי אַרויסגערוקט איר קאָפּ. זי איז געוווינט געוואָרן דערצו. נאָר דאָך האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען אין די אויגן. אַ שווינדל, וואָס איז געווען געמישט מיט אַ ליידיקייט אין בויך, אַזש צום ברעכן. זי האָט זיך אָפּגעוואָרפֿן, נאָר אַ נייגעריקייט, וואָס איז געווען שטאַרקער פֿון איר, האָט זי צוריקגעצויגן און זי האָט ווייטער אַרויסגעקוקט.

א גרוב, א טיפער און שמאָלער. מיט ליכטיקע אויגן פון ביי־דע זייטן. אויגן־פענסטער, ווו עס באַוועגן זיך שאָטנס. פון דעם צווייטן עטאַזש האָט זיך שוין דער אונטן געזען, ווי דורך א זיפּ, און אַלץ האָט זיך דאָרט באַוועגן אַזוי, ווי מען וואָלט געקוקט אין קינדערישע טרייבלעך, צונויפגעשטעלט פון פּאַפּיר מיט א גלאָז אויף איין עק.

— איר וועט נאָך אַרויספאַלן, — האָט זי דערהערט אַרום זיך א שטימע. ווען זי האָט זיך צוריקגעזעצט, האָט זי דערזען איבער זיך די גראָבע ביילע, וואָס האָט געאַרבעט נעבן איר.

— בעלאַ, קרוין מיינע, וואָס איז מיט אייך? — האָט יענע זיך פּאַרוואונדערט מיט איר האַלב־קוויטשעדיק שטימעלע. — איר פילט זיך נישט מיט אַלעמען? איר האָט געדאַרפט בלייבן אין דער היים און נישט קומען צו דער אַרבעט.

— אַביסל וואַסער — האָט בעלאַ שטיל אויסגערעדט און האַסטיק אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער מאַשין.

די גראָבע ביילע האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט, געוואָלט עפּעס פרעגן, נאָר זעענדיק, אַז בעלאַ קוקט זיך אויף איר נישט אום, האָט זי זיך געווענדעט צו דער צווייטער זייט, ווו קיילע איז געזעסן און געשטעפּט אַרבל. ביילע האָט געהאַט א קוויטשעדיק קול און קיילע האָט געהאַט א גראָבן מאַנסבילישן קול און דאָס גאַר.

— קיילע, זעסט? — האָט ביילע א ווונק געטאָן אויף בעלאַן.

קיילע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, א קוק געטאָן אין בעלאַס זייט און אויסגעברומט:

— איך זע גאָרנישט.

— קרוין מיינע, וואָס הייסט, דו זעסט גאָרנישט?

— זע, ווי זי זעט אויס. איך האָב מורא, אַז זי איז... — האָט זי אָפּגעהאַקט, ווען זי האָט באַמערקט, אַז בעלאַ האָט אויס־געדרייט דעם קאָפּ צו איר און עפּעס אַריינגעשושקעט קיילען אין אויער.

— עס קען נישט זיין, — האָט יענע א ברום געטאָן.

בעלאַ האָט זיך א הויב געטאָן פון אָרט, אויסגעצויגן איר קערפּער און זיך צוריק געזעצט.

— וואָס איז מיט מיר?—האָט זי ערשט איצט באַמערקט ביי־לעם און קיילעם סודען זיך. זי האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען און אין דער אייגענער צייט האָט זי זיך געוווּנדערט, וואָס זי רויטלט זיך. זי האָט ווייטער געאַרבעט, נאָר די אַרבעט האָט פאַר איר פאַרלוירן איר טעם. עס האָט זיך איר געוואָלט אַרויסגיין און אָנ־נעמען אַ פולן מאָל מיט שניי, אָט דעם שניי, אין וועלכן זי איז אַריינגעקראָכן מיטן פוס צו דער אַרבעט; אין דער אייגענער צייט האָט זיך איר געוואָלט אויסציען זיך אין דעם שניי, אויסגלייכן זיך, אַזוי מאָדנע האָבן איר געבראָכן די ביינער:

— ווייזט אויס, אַז איך וועל קראַנק ווערן. זאָל איך סטאָפּן פון דער אַרבעט? נאָר סטאָפּן האָט זי נישט געוואָלט, און דעם גאַנצן טאָג האָט זי געאַרבעט ווי אין אַ חלום, ווי האַלב פאַר־שלאָפן, אַזוי, אַז אַפילו די אַרבעטער האָבן דאָס באַמערקט און פון איר געלאַכט:

— ווי שפּעט זענט איר נעכטן געקומען אַהיים?

— מיט וועמען האָט איר עס פאַרבראַכט?

— מיט בערעזינען.

— וואָס דען, מיט מיר וועט זי אויסגיין.

— ווען וועלן מיר האָבן אַ מזל־טוב?

גייענדיק פון דער אַרבעט אַהיים, האָט זי געוואָלט אָפּרופן בערעזינען, נאָר גלייך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז ער איז פאַרנו־מען מיט גערשן — און דאָ, צום ערשטן מאָל פאַרן גאַנצן טאָג, האָט זי אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך, וועגן גערשן און וועגן בערע־זינען; טאַקע דאָ איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דעם גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַליין איינגערעדט נישט צו טראַכטן וועגן דעם.

— וואָס וועט זיין? — איז זי געגאַנגען מיט דער לעבן גאַס. זי האָט נישט באַמערקט, ווי מען האָט זי געשטופּט און ווי זי האָט אַנדערע געשטופּט. זי איז געגאַנגען און האָט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס וועט זיין.

— לעבן אין דרייען — האָט זי אַ טראַכט געטאָן אין דער הויך אַזוי, אַז אַ פאַרבייגייענדער בחור האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף איר און איר אָנגעהויבן נאָכגיין, — לעבן

אין דרייען? — האָט זי ווייטער איבערגעחזרט — וועט דאָס מעגלעך זיין? — זי האָט זיך געפּרוווט אַריינטראַכטן אין דער לאַגע, וואָס עס ווערט איצט געשאַפן מיט גרעאָס קומען.

— ער איז איצט מיט איר — האָט זי אָנגעכאַפּט אַ פּלוצלונגער פּאַרדרוס, — נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט — פּאַרוואָס זאָל ער מיט איר נישט זיין. און טאָמער איז זי נאָך נישט געקומען? — האָט איר אָנגעכאַפּט אַ חשק אַריינגיין אין סאָבוויי און צופאָרן צו בערעזינען.

זי האָט נישט באַמערקט, ווי זי איז געשטאַנען ביים ווינקל פון דער 29־טער גאַס און פינפטער עוועניו. דער בחור, וואָס איז די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען, איז צו איר צוגעקומען און אויפהויבנדיק זיין הוט האָט ער געפרעגט:

— אַנטשולדיקט מיר, קען איך אייך מיט עפּעס דינען? איר זענט דאָ אַ פרעמדע?

— וואָס? — האָט בעלאַ נישט פאַרשטאַנען, נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט און זיך שטאַרק צעלאַכט, איבערלאָזנדיק דעם בחור אָן אַן ענטפער.

— נאָר אַ פרעמדע — איז זי געגאַנגען און געלאַכט, — אַזוי פיל צייט אין ניו־יאָרק און נאָר אַ פרעמדע. זע איך אַזוי אויס? — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויס פענסטער, וווּ עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן פאַרשידענע קינדערישע זאַכן.

— אַ שייניניקע קליידעלע — האָט זי אַ שמייכל געטאָן און ליבלעך אַ ווונק געטאָן צו אַ קורצער רויטער קליידעלע, מיט ווייסן אַרומגעניים. — מען האָט זי נעהאַרפּט קויפן —

אַ סקריפּען פון אַ מאַשין־טאַרמאָז האָט זי אויפגעשווידערט און זי איז אַוועק פון פענסטער. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן. אַ פּאָר יונגע יונגלעך האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט ווייסע קוילן שניי. ביי אַ ווינקל אין אַ פענסטער איז געזעסן אַ יונג רויט מיידל, וואָס האָט געוויזן מיט צייכנס, מיט די ליפּן און מיט דעם הילצערנעם שמייכל, וואָס כאַראַקטעריזירט אַזוי סיי אַ פּראָסטיטוטקע, סיי אַ פאַרקויפער, ווי אַזוי מען קען גוט שרייבן מיט דער פּען, וואָס עס קאָסט נישט מער, ווי איין דאָלאַר פּופּציק. יעדער קלוגער אַמעריקאַנער מוז קויפן אַזאַ פּען. דערי־

בער האָט ער אַזוי פיל מיליאָנען. וועד עס וועט קויפן די פען, וועט אויך האָבן אַזוי פיל מיליאָנען.

בעלאַ האָט זיך אַ ווײַלע צוגעשטעלט און נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז גערע דאַרף זײַן ענלעך צו דעם מיידל.

— זיי פאַרברענגען דאָרט בײַדע — האָט זי זיך ווײַטער געפּרוווט פאַרשטעלן אין אירע געדאַנקען, וואָס זיי טוען און ווי זיי פאַרברענגען; אין דער אייגענער צײַט איז בײַ איר אויפגע־שווומען אַ באַשלוס אײַנצואָרדענען די זאַך. ווי אַזוי און וואָס האָט זי נישט געוווּסט. די גאַנצע נאַכט איז בעלאַ נישט געשלאָפן, דער איבל, וואָס האָט זי אָנגעכאַפּט בײַם פענסטער, האָט זיך אומ־געקערט, ווען זי איז געקומען צו זיך אין צימער.

ווען בערעזין איז געבליבן אַליין, האָט ער געהאַט דאָס געפיל פון פאַרלאָזן די שטוב. מען קען נישט זאָגן, אַז גערעס קומען האָט אים נישט געפרייט. נאָר דאָס איז געווען אַ פרייד, געמישט מיט אַ ביטערקייט.

אַ מין אומצופרידנקייט. ווען מען וואָלט אים געזאָגט, אַז ער איז נישט צופרידן פון גערעס קומען, וואָלט ער יענעם אויסגע־לאַכט.

ער האָט זיך אַרײַנגעלייגט צוריק אין בעט און דערפילנדיק די וואַרעמקייט, וואָס בעלאַ האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן, האָט ער זיך אײַנגעדרייט אין קאָלדרע, און אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט געבן זיך בעלאַן, האָט ער געפרעגט:

— נו, בעלאַ, וואָס וועט זײַן, ווי אַזוי וועלן מיר זיך אײַנ־אָרדענען? — נאָך אַ קורצן שווײַגן — דו ווייסט נישט, איך ווייס אויך נישט. דו ביסט דאָך עפּעס אַ קלוג מיידל, בעמסט אָן פאַקטן, פאַנטאַזירסט נישט, זאָג, וואָס וואָלסטו געטאָן, לעבן אין דרײַען? גערע בײַ דער מאַמען, דו אין דײַן צימער, און איך אין מײַנעם און מיר וועלן זיך טרעפן, באַשטעלן טעג. דער טאָג איז דײַנער און דער טאָג איז גערעס. דער שבת איז דײַנער און דער שבת איז גערעס, און טאָמער וועל איך וועלן גיין מיט זועמען אַנדערש, וועל איך קענען האָבן אַ טאָג פאַר זיך? ווי זאָגסטו?

זונטיקן וועלן מיר אַלע דריי אינאיינעם פאַרברענגען, דאָס וועט זיין חער פאַמיליע־טאָג, דער אידישער טאָג: מיר אַלע אין דרייען וועלן האָבן מיטאָג, גיין אין אַ מואווי, און אַזוי ווייטער. נישט שלעכט — האָט ער זיך נאָך טיפער איינגעדרייט — און וואָס וועט זיין, ווען רייזל וועט אויך קומען און פאָדערן איר געזעצלעך רעכט אויף מיר?

ער האָט נישט באַמערקט, אַז דער זייגער האָט שוין געהאַלטן נאָך עלף. ער איז געלעגן און האָט איבערגעטראַכט, ווי אַזוי וועט ער זיך איינאָרדענען. אים איז קיין איין מאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז עס קען זיין, בעלאַ זאָל נישט וועלן. אים אַליין האָט אויך נישט געוווּנדערט, וואָס ער ליבט אין איין צייט צוויי, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך. די באַלעבאָסטע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר — זי וויל צוקלייבן דאָס צימער און אין דער אייגענער צייט האָט מען אָנגעקלונגען אין טיר. געראַ מיט אַ סעטשעל אין האַנט.

— ליבער — האָט זי זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן און איז געבליבן זיצן אַרום אים. בערעזין האָט איר געענטפערט. זי האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און האָט זיך אויסגעטאָן איר אויבערשטע קליידער און האָט דערציילט:

— איך בין שוין דאָ אַ וואָך צייט. דיר האָב איך נישט גע־וואָלט זאָגן. איך האָב דיר געוואָלט מאַכן אַ סורפּריז. פאַר־ברענגען מיט דיר די ענדע פון וואָך. אין דער היים האָב איך גע־זאָגט, אַז איך פאָר צו סערען.

— אַ „וויק־ענד"? — האָט ער איבערגעפרעגט.

— נו יאָ. די קומענדע וואָך וועל איך שוין אַרבעטן און איך האָב געוואָלט מיט דיר פאַרברענגען אַ פּאָר טעג. וואָס מאַכסטו, ליבער? די גאַנצע צייט גאָרנישט געשריבן. האָסט שוין אַן אַנדער בעליבטע — האָט זי זיך איינגעגעסן אין אים און אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט.

שפּעטער נאָכמיטאָג, ווען זיי האָבן זיך באַרואיקט, האָט בע־רעזין צוגעגרייט עסן פאַר זיי ביידען. געראַ איז צו אים צו:

— וואָס איז מיט דיר? איך בין געקומען נישט אין דער צייט?

— ניין — איז ער געגאַנגען צום טיש — דאָס הייסט נישט אין צייט און יאָ אין צייט.

— איך האָב דאָס געפילט באַלד ווי איך בין אַריינגעגאַנגען.

— וואָס? — האָט בערעזין נישט פאַרשטאַנען.

— באַלד, ווי איך בין אַריינגעגאַנגען, האָב איך עפּעס דערפילט אַ מאָדנע פרעמדקייט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז איבער דעם, וואָס איך בין נישט געוווינט געוואָרן מיט דעם אָרט, ווייל דאָס זענען פוירנישד רומס. דו ווייסט דאָך, ווי איך פיל זיך שלעכט אין אַזעלכע ערטער, נאָר שפּעטער, ווען מיר זענען ביידע געלעגן, האָב איך דערפילט, אַז אין דיר האָט זיך עפּעס געביטן, אַז דו ביסט נישט דער איינענער. דו ביסט נישט צופרידן, וואָס איך בין געקומען? — האָט זי אים אָנגענומען פאַר די הענט — אָדער דו האָסט אַ געליבטע און דו ווילסט מיר נישט זאָגן?

אומגעדולדיק האָט ער זי אָפּגעשאָקלט פון זיך און געבעטן:

— דו העלף מיר בעסער צוקלייבן דעם טיש.

גערא האָט אים געהאָלפן און אַריינגייענדיק אַהין, ווו עס איז געשטאַנען דאָס גאַז־אייוועלע מיט אַלע מכשירים, האָט זי אים באַמערקט:

— אַ פרוי קלייבט דאָ ביי דיר צו אין צימער — איך מיין זייער אַ נאָענטע פרוי — האָט זי פאַרריכט, ער זאָל זי בעסער פאַרשטיין.

בערעזין האָט נישט געענטפערט און האָט אויף שנעל פאַרענדיקט אויסוואַשן די טעלער און די שאָלן. זי האָט אים געהאָלפן מיט דעם וואָס זי האָט זיי געטריקנט:

— ווען איך זאָג נישט אין דער היים, אַז איך פאָר צו סערען, וואָלט איך זיך אומגעקערט אַהיים, — און נישט דערוואַרטנדיק זיך קיין ענטפער, האָט זי צוגעגעבן,—אויב דו האָסט דאָ אַ טעלעפאָן, וועל איך אָפּרופן סערען, אַז זי זאָל מאַכן פאַר מיר אָרט אויף זונטיק.

בערעזין האָט ווי פריער איילנדיק פאַרענדיקט וואַשן און דאַן מיט אַ שטילער צאַרטקייט אויפגעהויבן געראַן פון דער ערד און אַריינגעזעצט אין וויג־שטול, נישט אַראָפּגעלאָזט זי פון די קני. ער האָט זיך געוויגט אַהער און אַהין. גערא האָט איר האַנט

פאַרוואָרפן איבער זיין אַקסל און צוגעטוליעט איר באַק צו זיי־נער, באַמערקנדיק:

— דו האָסט זיך היינט נישט געראַזירט.

בערעזין האָט זי צוגעדריקט צו זיך און אַ קוש געטאָן הינ־טערן אויער. זי האָט אויפגעציטערט:

— וואָס איז מיט דיר, טייערער? מיט דיין קוש וואָלסטו אַזוי ווי געבעטן פאַרגעבונג — און אויסגלייכנדיק זיך שעלמיש צוגעוואָרפן — נו, זאָג שוין אַרויס, האָסט דאָ אַן אַנדערע געקריגן, פאַרליבט זיך.

בערעזין האָט שטיל צוגעשטימט:

— יאָ.

אַ שטיקל צייט האָט זי זיך פון אָרט נישט גערירט, אַזוי ווי זי וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן. בערעזין האָט זיך אָנגעהויבן פײַן זייער אומבאַקוועם, אַ מין מורא האָט אים אַרומגענומען. ער האָט צוגענומען איר פנים און אויסגעדרייט צו זיך, זי האָט זיך אָפּ־געקערט.

— לאָז אָפּ — מיט איר נאָז־טיכל האָט זי אָפּגעווישט איר־געזיכט און צוגעגעבן — דערצייל.

בערעזין האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— נישטאָ וואָס צו דערציילן. דו ביסט דאָ נישט געווען. איך בין געווען אַליין. איך האָב זיך מיט איר געטראָפן ביי אַ שרייַ־בער־באַנקעט. מיר האָבן זיך מיט איר באַקענט. זי האָט ביי מיר גענעכטיקט, דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך מיט איר געטראָפן, ווען איך האָב שוין געאַרבעט. דאָס איז געווען ביי אַ שטרייק־פּיקעט. מען האָט זי געשלאָגן. מען האָט מיך געשלאָגן, איך בין געווען קראַנק, זי איז אַרום מיר אַרומגעגאַנגען; נאָך דעם האָט זי מיר אויסגעליען געלט צו פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אין דער קאַנ־טרי און איצט אַרבעט איך מיט איר אין איין שאַפּ.

— דו האָסט זי ליב?

— יאָ. איך האָב אייך ביידע ליב.

נעראַ איז אַראָפּ פון זיינע קני. אַ פּאָר מאָל איבערגעגאַנגען דעם צימער און זיך אַריינגעזעצט אין דעם צווייטן בענקל:

— דו האָסט מיר געדאַרפט שרייבן וועגן דעם.

— עס האָט זיך נישט געוואָלט.

— דאָס איז געווען די אורזאַך פון דיין שווייגן. און מיך האָט דאָס אַזוי געוווּנדערט.

בערעזין, ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט:

— איך בין דאָ געווען אַליין. דו ביסט דאָרט געווען מיט ריוּוקינען. איך האָב געדענקט, אַז דו וועסט שוין בלייבן מיט אים.

גערא האָט אַ לאַך געטאָן:

— האָסט זיך צוגעגרייט אַן אַנדערע.

— יאָ.

ער האָט פּראָטעסטירט:

— צו וואָס לאַכסטו?

גערא, ווי זי וואָלט נישט געהערט:

— וועסט מיך באַקענען מיט איר?

— געוויס.

— וואָס דענקסטו ווייטער טאָן?

— וואָס דענקסטו?

— איך ווייס נישט.

— איך ווייס אויך נישט.

אויף מאָרגן איז בעלאַ אויפגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. זי איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. די זון האָט געשײַנט אין פענסטער, און דער שניי אין פּאַרק איז געווען אַזוי שטיל און אַזוי זילבערדיק, אַז עס האָט זי געצויגן צולייגן דעם שטערן צום פענסטער, אפשר וועט זי דער שניי צוציען, אָפּקילן און פאַרלייכטערן דעם קאָפּ־ווייטיק.

קינדער זענען אומגעלאָפן און געקייקלט זיך אין שניי. ווייבער האָבן געפירט זייערע קינדער־וועגעלעך. די ביימער, ווי אָנגעטאָאָנענע אין ווייסן מאַנדל־בליאונג, האָבן אַרײַנגענומען און אָפּגעשפּיגלט די זון.

איר באַלעבאָסטע האָט איר גערופן פון גאַס זי זאָל אַרויס־גיין. זי האָט געוואָרפן הויפנס שניי, וואָס איז צעפלויגן געוואָרן איידער עס איז צוגעקומען צום פענסטער. בעלאַ איז אָפּגעגאַנ־

גען. אויף איר טישל האָט זי דערזען ליגנדיק בערעזינס „פּיידע"
און האָט אַ טראַכט געטאָן:

— מען דאַרף אים דאָס אָפּגעבן, ער האָט נישט קיין געלט,
— נאָר באַלד האָט זי אַ טראַכט געטאָן: — ווי אַזוי? אָפּרופן
אים אַדער צופאָרן און אָפּגעבן? און אויב דאָרט איז גערא —
נו, איז וואָס? האָט זי זיך גלייך באַשלאָסן און האָט גענומען
דעם טעלעפאָן.

בערעזין איז נאָך געלעגן אין בעט אַ האַלב־אָנגעטאָענער,
ווען ער האָט דערהערט בעלאַס רופן. גערא איז שוין געווען אָנ־
געטאָן און האָט געגרייט קאַווע. בערעזין איז אַראָפּגעגאַנגען: ער
האָט איר דערציילט וועגן געראַן, אויך וועגן דעם, אַז זי וועט מיט
אים פאַרבלייבן ביז מאָנטיק אינדערפרי.

בעלאַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען און האָט געשוויגן און דאַן
געפרעגט:

— ווי אַזוי וועסטו קריגן דיין געלט?
— קום און ברענג. דו וועסט זיך שוין באַקענען מיט איר.
— דו האָסט איר דערציילט וועגן מיר?
— געוויס. זי האָט דאָס אַליין גלייך דערפילט.
— וואָס האָט זי געזאָגט?
— גאָרנישט. דאָס איינענע, וואָס דו. וואָס הערט זיך אין
שאָפּ?
— אויב דו וועסט נאָך אַמאָל פאַרשפּעטיקן, וועסטו בלייבן
אָן אַרבעט.
— אַלץ שטיל און רואיק?
— געוויס.
— אַלזאָ, ווען דענקסטו אַראָפּקומען?
— איך וועל זען.

בעלאַ האָט אָפּגערופן — איז בערעזין אַרײַנגעקומען אין צי־
מער.

— וואָס האָט זי געוואָלט?
— זי האָט מיין „פּיידע".
— ווען קומט זי?
— באַלד.

גערא האָט געגרייט דעם טיש.

מיט אַן איבערגעטריבענער פרייליכקייט האָט בערעזין באַגעגנט בעלאַן, ווען זי איז אַריינגעקומען. בעלא האָט אים גענטפערט מערער אויטאָמאַטיש, נאָכקוקנדיק געראַן, וואָס האָט געגרייט דעם טיש.

— בעלא, גערא — האָט זיי בערעזין פאָרגעשטעלט. געבנדיק איינע דער צווייטער די הענט, האָבן זיי זיך ווי אָפּגעוואָרפן, נאָר גלייך האָבן זיי זיך צוגערוקט, און צעקושט זיך. בערעזין האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי זיי וועלן זיך בעגעגענען; נאָר איצט איז אים ווי אַ שטיין אַראָפּ פון האַרצן, און ער האָט אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן דער אַרבעט, וועגן די אַרבעטער, וועגן שאָפּ.

— דו וועסט פאַרלירן דעם דזשאָב, אויב דו וועסט ווייטער פאַרשפּעטיקן — האָט בעלא געהאָלפן געראַן גרייטן דעם טיש.

ביים פרישטיק האָט מערער פון אַלעמען גערעדט גערא. זי האָט דערציילט פון איר רייזע, פון אירע דערפאַרונגען, פון איר לעבן אויסער ניו־יאָרק און אין דער איינגענער צייט, האָט זי זיך צוגעקוקט צו בעלאַן און בעלא צו איר, וואָס עס האָט געשאַפן אַ מין אָנגעצויגנקייט, אַ פרעמדקייט. אַפילו בערעזין האָט דאָס דערפילט און שווייגנדיק האָבן זיי אָפּגעגעסן און צוגעקליבן פון טיש.

פאַררויכערנדיק זיין פייפ, האָט בערעזין נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט. ענדלעך איז בעלא צוגעקומען און פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל אַרויסגיין איינקויפן אַביסל נאַשערייַ. בערעזין האָט זיך אָנגעכאַפּט.

— זעץ זיך, גערא, — האָט בעלא פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל, אָנווייזנדיק געראַן אויף אַ בענקל. מען דאַרף נישט זיין נערוועז. מיר ביידע זענען נישט קיין קליינע קינדער.

— אייך איז בעסער פון מיר — האָט זי גערא געפאַלגט.

— מיט וואָס? — האָט בעלא זיך אַביסל פאַרוווּנדערט, נאָר באַלד, ווי זי וואָלט זיך נעכאַפּט, וואָס גערא מיינט, האָט זי פאַרענדיקט — עס קען זיין, איך ווייס נישט.

זיי זיצן און שווייגן, א שווייגן, ווען עס איז דא זייער פיל צו רעדן, נאר מען ווייסט נישט, ווי אנצוהויבן. ענדלעך האט גע־רא א לאך געטאן:

— אייגנטלעך, האבן מיר גאר נעדארפט איינע דער צווייטער אריינקריכן אין די האר. איר נעמט ביי מיר צו מיין געליבטן, אדער פארקערט, און דא זיצן מיר גאר און שווייגן.

בעלא האט מיטגעלאכט:

— עס קאן זיין, אז מיר טראכטן טאקע איצט, ווי אזוי בעס־סער אריינקריכן איינע דער צווייטער אין די האר. — און ווי זי גוואלט איבע איינענע געדאנקען פארענדיקט — עס איז נישט זייער גוט. וואס ווען מיר טאן.

— עס איז א שווערע פראגע, — האט אויך געראא צוגע־שטימט — הויפטזעכלעך פאר מיר. איר האט נישט קיין פאמי־ליע. איר דארפט פאר קיינעם נישט אפגעבן קיין רעכענונג, נאר איך האב א פאמיליע. א מוטער, פריינט, באקאנטע, און פאר יעדן מוז איך אפגעבן א רעכענונג. וואס זאל איך זיי דערציילן? זיי וועלן מיך דען פארשטיין? אט איצט, איך בין געקומען צוריק. איך ווייס, אז איך בין זייער נישט קיין אנגעלייגטער גאסט. ווען איך בין אוועקגעפארן, האבן זיי אלעמען געזאגט, אז איך בין געפארן צו מיין חתן, און מיין צוריקקומען האט זיי געשטעלט אין נישט קיין אנגענעמער לאגע און זיי זענען ברוגז. איצט ווייס איך נארנישט, וואס צו טאן.

ווען געראא איז אנטשוויגן געווארן, האט זיך בעלא אראפגע־גליטשט פון בענקל צו געראס פיס, פארווארפן אירע הענט איבער איר נאקן און זי א קוש געטאן:

— פארוואס האבן מיר זיך פריער נישט באגעגנט — האט זי געפרעגט, — איך פיל איך, ווי אן עלטערע שוועסטער.

געראא האט געגלעט אירע האר. און ווייטער גערעדט:

— איך ווייס נישט, אויב בערעזין האט איך דערציילט, נאר ביי אונז איז א מאדנע משפחה. די מוטער, זי שווייגט, נאר איך שווייגן זאגט מער פון איר רעדן. היינט, די איבעריקע... וויי־טער באהאלטן. ווייטער זאגן ליגן. צוליב בערעזינען יענעם פא־־

לאָזט און איצט. עס קען זיין, ווען איך וויים דאָס פריער, וואָלט איך נישט געקומען צו פאָרן.

— איר וואָלט געבליבן מיט יענעם?

— איך וויים נישט, עס קען זיין יאָ, און עס קען זיין נישט. וואָס קען מען איצט זאָגן?

בעלאַ האָט זיך נאָך טיפער איינגעגורעט אין גערזאָס קני. טערזאַ האָט שווער אַ זיפץ געטאָן:

— זאָל מיך גאָט שטראָפן, אויב איך וויים וואָס צו טאָן. לעבן אין דרייען?

— מיר וועלן זען — האָט איר בעלאַ באַרואיקט — מיינט נישט, אַז מיר איז גרינג. לעבן אין דרייען איז נישט אַזוי גרינג און איצט קאָן מען גאָרנישט זאָגן. מיינט נישט, אַז מ'יר איז בעסער פון אייך. וואָס בין איך געווען און ווי האָב איך געלעבט? דאָס גאַנצע לעבן געאַרבעט. קיין פריינט און באַקאַנטע. דאָס איינציקע די יוניאָן. מיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער יוניאָן. און וואָס האָט מען פון דעם? מיר זענען פרויען, און עס איז נישט גוט, איר ווייסט דאָך אַליין. איך האָב געמוזט ווערן אַ גלייכע מיטן מאַן, צווינגען זיי קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ גלייכן. עס איז נישט גרינג אָנגעקומען. הייסט, פון ריין־פיזישער זייט. דו צום מאַן מעגסט גיין. קומט דער מאַן צו דיר, וואַרפט מען דיך גלייך אַרויס פון דירה. און וויפיל דירות האָב איך געביטן?

איך האָב געלעבט, ווי כ'האָב געקאָנט. אַרבעט, יוניאָן־מיטינגען, מיטינגען און מיטינגען. אָן אַ סוף און אָן אַן אויפהער. אַזוי איז שוין דאָס לעבן פון אָרגאַניזאַציעס. יאָ, דאָס האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן אָן זיך, נאָר איך פלעג צאָלן פאַר דעם. אין די מינוטן, ווען בענקשאַפט נאָך אַן אייגענעם לעבן האָט דערוואַכט, איז געווען שרעקלעך. אייך מעג מען זאָגן, איר זענט אַ פרוי. עס ווילט זיך האָבן אַ קינד. אַ שרעק, ווי עס ווילט זיך. איר פאַרשטייט מיך. צייטנווייז ווערט מען משוגע צו האָבן אַ קינד, מיט וועמען? צו וואָס? הייסט, די עקאָנאָמישע לאַגע. האָבן אַ קינד אָן אַ טאַטן, וואָס וועט זיין פון מיר און וואָס וועט זיין פון קינד? איך גלויב, אַז דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס עס האָט מיך געצויגן אויסקלויבן מענער, נאָר גלייך פלעג איך זיך דערשרעקן פאַר די פאָלגן

און עס קען זיין, אז דאָס וועלן האָבן אַ קינד האָט מיך געטריבן צו בערעזינען, ווען איך האָב אים דערזען צום ערשטן מאָל.

און איצט? איך ווייס אַליין נישט. בערעזין איז דער איינציקער מענטש, פאַר וועמען איך האָב זיך נישט דערשראָקן. עס אַרן מיך נישט די פאַלגן, עס אַרט מיך נישט דאָס שווערערע לעבן, אויב איך וועל אָנהויבן שוואַנגערן. עס וועלן מיך נישט אַרן אַט די שווערע יאָרן פון ליידן און צרות, אַבי איך זאָל נאָר האָבן אַ קינד, — האָט זי אָפּגעהאַקט מיט טרערן אין די אויגן.

מען קען נישט זאָגן, אַז בערעזין איז געגאַנגען צוריק מיט אַ גרינגער האַרץ, הגם זיי האָבן זיך צעקושט, הגם זיי האָבן פריינטלעך גערעדט, הגם זיי זענען נישט פון די אַלט־מאָדישע מיידלעך, דאָך איז אים געווען שווער, נישט אָנגענעם. ער איז געווען צופרידן, וואָס בעלאַ האָט אים אַרויסגעשיקט עפּעס קויפן. דאָך האָט אים אין דער איינענער צייט פאַרדראָסן. ער איז געשטאַנען אין קלייט און רעזאָנירט:

— עס איז בעסער זיי זאָלן זיך דורכרעדן. אויף זיי פאַלט דאָס שווערער ווי אויף מיר. זיי זענען פרויען און איך בין אַ מאַן. דאָך האָבן זיי מיך נישט געדאַרפט אַוועקשיקן. וואָס בין איך אַ טויטע זאַך, נישט קיין מענטש? זיי זאָלן פאַר מיר באַשטימען?— ער האָט זיך צעשמייכלט.

— ווייטער דאָס מענלעכע, אַרער דאָס איז פיינהייט — האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אין דעם, וואָס די גראָבע בוקקיפּערין האָט אים געזאָגט ביים ים, ווען ער האָט נאָך געלעבט מיט רייזלען. דאָס האָט אים געמאַכט אַ טראַכט טאָן וועגן דער לעצטער צייט און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט שטענדיק געלעבט, ווי אַנדערע האָבן פאַר אים באַשטימט. פריער גערא, נאָך דעם בעלאַ און איצט זיי ביידע.

— מיר וועלן זען — איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטוב. נאָך דערזעענדיק זיי ביידע זיצן איינע ביי דער צווייטער אין די אָרעמס, איז ער געבליבן שטיין אין טיר און גלייך טאַקע האָט ער דערפילט, אַז אויך אויף ווייטער וועט ער מוזן לעבן, ווי זיי וועלן

באשטימען. און אים איז איינגעפאלן — וואס וועלן זיי באַ־שטימען?

ווען גערא און בעלא האבן אים דערזען, האבן זיי זיך אפגע־וואָרפן. בערעזין האט צעשטעלט די זאכן, וואס ער האט געקויפט און זיי איינגעלאָדן צום טיש. בעלא האט א לאך געטאן.

— א פאמיליען־שמחה.

גערא האט אונטערגעהאלטן:

— און טאקע זייער א זעלטענע אויך.

בערעזין האט זיך א בייזער געטאן.

— וואס זענט איר אזוי פריילעך? עס איז נישטא וואס זיך צו פרייען.

בעלא האט אים אנגעכאפט:

— זע נאר, ער איז נישט צופרידן! האט צוויי געליבטע, אזוי ווי א טערקישער פרינץ און איז נאך נישט צופרידן. דיך פארדריסט, וואס מיר זענען נישט אריינגעקראכן איינע דער צווייטער אין די האר? אדער וואס מיר קלאגן נישט איינע דער צווייטער פאר דער צוגענומענער ליבע? נו, נו.

גערא האט אויך מיטגעלאכט:

— נישקשה, בערעזין, דארפסט געוווינט ווערן. מיר זענען איצט צוויי און דו ביסט איינער, וואס מיר וועלן באשטימען, וועסטו מוזן פאלגן. וועסט זיך דארפן אונטערוואַרפן דער מער־הייט. עס האט זיך געענדיקט די הערשאפט פון די מענער. עס לעבע די הערשאפט פון די פרויען!

אט דער פלוצלונגער אויסברוך פון געראס פריילעכקייט האט געמאכט בערעזינען אזוי ווי באהאלטן, זיך איינשרומפן און אין דער איינגענער צייט זענען אים ווייטער ארויפגעקומען אויפן גע־דאנק די ווערטער פון דער בוקיפערין ביים ים — איר זענט א פייגלינג.

שווייגנדיק איז בערעזין אפגעגאנגען און האט זיך, ווי זיין געוווינהייט איז, אריינגעזעצט אין ווייכן, לעדערנעם שטול און געשוויגן. זיין שווייגן האט אויך געמאכט שטיל גערא׳ן מיט בע־לאן און זיי ביידע האבן זיך אריינגעלייגט אין בעט. זעענדיק, ווי זיי ליגן אין בעט ארומגענומען, האט בערעזין דערפילט א מין

פרעמדקייט, וואָס איז געווען געמישט מיט שנאה. בעלאַ האָט צו אים גערופן:

— קום, זעץ זיך נעבן אונז.

— מיר איז דאָ אויך גוט.

בעלאַ האָט זיך האַלב־אויפגעהויבן:

— אויף וועמען ביסטו איפעריזיכטיק, אויף מיר אָדער אויף גראַן?

— אויף קיינעם נישט.

בעלאַ איז אַראָפּ פון בעט, און צוגייענדיק צו בערעזינען, האָט זי צו אים ליב אַ לאַך געטאָן:

— דער מאַן, האַ, דו וועסט דאָס מוזן אויף אַ ווײַלע באַהאַלטן. מיר זענען איצט די שטאַרקע — און אַ קוש טוענדיק אים, האָט זי זיך געזעצט אין צווייטן בענקל. גראַן האָט נאָכגעקוקט און האַלב־שפּאַסיק, האַלב פאַרדריסלעך, אויסגערעדט:

— אַזוי באַנעגנט מען דאָס אַ געליבטע נאָך אַזוי פיל צייט?

בעלאַ האָט אונטערגעהאַלטן:

— זי איז גערעכט, בערעזין. עס איז נישט שיין פון דיין זייט. — און צעלאַכנדיק זיך, האָט זי צוגעגעבן: דו וועסט שוין וויסן דאָס צווייטע מאָל, וואָס הייסט האָבן צוויי געליבטע. שטיי, דאָס איז נאָך גאָרנישט.

בערעזין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. גראַן האָט זיך אויך געזעצט.

— אויב דו וועסט פון דעם מאַכן אַ טראַגעדיע היינט, וואָס וועט זיין שפּעטער? קאָמאַן, זיי פריילעכער. וואָס איז מיט דיר?

בערעזין האָט גאָרנישט געזאָגט און איז געזעסן ווי פריער. בעלאַ האָט געלאַכט.

— נו, דו וועסט צו יעדן מאָל מוזן וואַרפן גורל, וועמען דו זאָלסט פריער אַ קוש טאָן, און מיר, די אונטערטעניקע, וועלן נאָר וואַרטן אויפן גנאָד פון אונזער האַר.

בערעזין האָט זיך האַסטיק אַ הויב־געטאָן פון זיין אָרט:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעחכמהט, איך זע, אַז עס טוט דיר הנאה.

— פאַרוואָס נישט?

בערעזין האָט זיך א שטעל געטאָן קענען איר, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר באַלד האָט ער ווייטער אָנגעהויבן שפּאַצירן איבערן צימער. גערא האָט אים צוגעשלעפּט צו זיך:

— צו וואָס שרייען און זיין נערוועז? עס וועט דיר דען העלפן? פאַרשטייסט דען נישט, אַז אונז ביידע איז ערגער פון דיר און מיר וועלן מוזן באַשטימען אי פאַר זיך, אי פאַר דיר, און וואָס זאָלן מיר באַשטימען? נישט מיר וויסן, נישט מיר קענען און מיר מוזן דאָס לאָזן גיין אַזוי ווי דאָס איז.

— איך בין געקומען צו פאָרן צוריק בלויז צוליב דיר, און איצט האָב איך דאָ געטראָפן בעלאַן. ווען דו שרייבסט מיר וועגן דעם, וואָלט איך, קען זיין, נישט געקומען. אָבער איצט וואָס זאָל איך טאָן? און ווי וועלן מיר זיך איינאָרדענען? אין דרייען? עס איז אַן אומטמענגלעכקייט אין אַלע הינזיכטן. דו ביסט נישט געוווינט שטאַרק צו לעבן מיט צוויי אויף אַמאָל, און איך ווייס נישט, אויב מיר וועלן דאָס טאָן. איך האָב דאָס פריער געוואָלט פּרוּוון און נישט געקענט, מיט דיר און מיט ר... דו פאַרשטייסט אַליין פאַרוואָס. אַזוי זענען שוין מענטשן. נאָך מער, אַ פרוי. עס קען זיין, איבער דעם באַהאַלטענעם געדאַנק פון זיין אַ מוטער. הייגט, די ארומיקע? מיר לעבן נישט אויף אַ וויסטע, מיר זענען פאַרבונדן מיט דער ארומיקער וועלט, און מען וועט דיך נישט לאָזן. איבערהויפּט אונז ביידן. מיר און בעלאַן.

— דו מוזט איצט האָבן צייט פאַר צווייען. אי פאַר מיר, אי פאַר בעלאַן. און ווו וועסטו דאָס נעמען? ביסט געוואָרן אַן אַרבעטער, די נויט האָט דיך געטריבן. דו ביסט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם מיט לייב און לעבן און דו האָסט אפילו נישט קיין צייט צו שרייבן. פאַר דער גאַנצער צייט האָסטו גאָרנישט אָנגעשריבן.

איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס, נאָר דאָס איז אַזוי. ווו וועסטו נעמען צייט פאַר אונז? און דו ווייסט דאָך, אַז ליבע פאָדערט צייט, דעריבער וועל איך מיט בעלאַן מוזן באַשטימען די צייט, מיר מוזן באַשטימען, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך איינאָרדענען און דו וועסט מוזן צושטימען, ווילנדיק אָדער נישט. דיר איז נישט אָנגענעם, דיר איז דערווידער, וואָס דו ביסט, אַזוי צו זאָגן, דער פאַר-

סיווער דאָ און מיר זענען די אַקטיווע. נו, קענסט זיך העלפן ווען דו וועסט זאָגן, אַז די האָסטו ליב און די נישט. וואָלט איינע פון אונז אַוועקגעגאַנגען. אַזוי אָבער, ווען דו האָסט אונז ביידע ליב און מיר ביידע דיך, קען אַנדערש נישט זיין. און דו קענסט זיך נישט העלפן. און פאַרענדיקט: מיר וועלן דאָס מוזן לאָזן און זען, ווי אַזוי עס וועט זיך איינאָרדענען. עס זענען דאָ הונדער־טער זאַכן, וואָס דו קאָנסט פריער נישט באַשטימען. וואָס זאָגסטו, בעלאַ? — איז זי צוגעגאַנגען און האָט אַרומגענומען בעלאַן. בערעזין האָט זיך אַ דריי געטאָן און אַ בורטשע געטאָן:

— ווען איר וועט זיין אייניגעם, וועל איך מוזן זוכן אַ דריטע, ווע׳מען איך זאָל קענען קושן.

ביידע האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער און האָבן זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן, אומגעוואָרפן אויפן בעט און גענומען שטיפן.

דעם גאַנצן שבת און זונטיק האָבן זיי פאַרבראַכט אין דרייען. שבת ביינאַכט, ווען בעלאַ האָט געוואָלט גיין אַהיים, האָט איר געראַ נישט געלאָזט. זיי ביידע זענען געשלאָפן אין בערעזינס בעט. זונטיק האָט זי גערא ווייטער געוואָלט פאַרהאַלטן, נאָר זי איז נישט געבליבן.

די אַרבעט, סיי אין שאַפּ, סיי אין יוניאָן, האָט פאַרכאַפּט בערעזינען. קיין באַזונדערע ענדערונגען זענען נישט פאָרגעקומען. ווי עס האָט אויסגעזען, וועט דער סעזאָן זיין ווייער אַ גוטער און קיין רייבונגען מיטן באַלעבאָס זענען נישט פאָרגעקומען. און קליינינקייטן האָט שוין דער שאַפּ־קאָמיטעט צוזאַמען מיט בעלאַן אויסגעגלייכט. אָבער אין דער יוניאָן איז געווען אַרבעט איבערן קאָפּ. מען האָט זיך געגרייט צום נייעם אַגרימענט. און עס איז אַ פראַגע אויב די באַלעבאַטים וועלן חתמענען אַ נייעם אַגרימענט. די אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט נייע פאָדע־רונגען.

— פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געהאַלטן אין איין „מיטן״. — די עקזעקוטיווע פאַר זיך און אַלגעמיינע מיטינגען מיט די אַרבע־טער, אַזוי אַז בערעזין האָט נישט געהאַט קיין צייט. בעלאַ האָט

אים שטענדיק מיטגענומען אויף אלע מיטינגען. דעריבער האט ער אין פארלויף פון דריי־פיר וואכן קיין איין מאל נישט געזען גערא'ן. וואס אים האט מער געוואונדערט, איז געווען דאס, וואס ער האט אפילו נישט געטראכט וועגן איר. שפעט ביינאכט, ווען ער איז געקומען אהיים, האט ער שטענדיק געפונען א צעטעלע, אז זי האט אים אפגערופן, נאר צוריק רופן האט ער נישט געהאט קיין צייט. ביז איין נאכט, קומענדיק אהיים, האט ער געפונען א בריוול פון גערא'ן. זי באקלאגט זיך, פארוואס מען זעט אים נישט. ער האט באשלאסן זי אפרופן און זען זיך מיט איר שבת נאכמיטאג. ער האט דאס געזאגט בעלא'ן.

— מיר זעען זיך גארנישט, — האט אים גערא פארגעווארפן, ווען זיי האבן זיך געטראפן, — אזוי שטארק ביסטו פארנומען?

— מער ווי דו דענקסט, — האט ער זיך פארענטפערט — מיר גרייטן זיך צו דעם נייעם אגרימענט און ווער ווייסט, אויב מען וועט אויסקומען אן א שטרייק.

— קיין איין פרייען אוונט האסטו נישט?

— ניין. אפילו היינט האב איך זיך אפגעריסן מיט גע־וואלד.

— וואס מאכט בעלא?

— וואס זאל זי מאכן? ווי געווינטלעך. די לעצטע צייט פילט זי זיך נישט גוט, ווייזט אויס איבערגעארבעט זיך.

דער טאן, ווי בערעזין האט געזאגט וועגן בעלא'ן, האט אין איר אויפגעוועקט א מאדנעם פארדרוס און דער פארדרוס האט זיך ביי איר אויסגעגאסן אין דער פאלגנדער פראגע:

— דו הערסט נישט פון דיין ווייב?

בערעזין האט זי אנגעקוקט:

— וואס עפעס פלוצלונג?

גערא האט זיך געפרווט פארענטפערן:

— איך ווייס אליין נישט, צו וואס דערמאן איך דיין ווייב. ווייזט אויס, ווייל איך האב זי נעכטן באגעגנט, ארויסגייענדיק פון סאבוויי.

בערעזין האט געשוויגן. עס האט אים פארדראסן איר פרא־

נע. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז מער ווי אַ פּשוטע נייגעריקייט. ער האָט זיך צוגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס רעכנסטו טאָן, גיין אין אַ מואווי אָדער אין טעאַ־טער?

— מיר וועלן גיין צו דיר אהיים.

פאַרנדיק אין סאָבווי, האָט בערעזין ווייטער גערעדט וועגן בעלאַן:

— איך ווייס נישט, וואָס איז דאָס געוואָרן די לעצטע צייט. בעלאַ האָט זייער שטאַרק אָנגעהויבן אונטערקרענקען און איך ווייס נישט, וואָס איז מיט איר; זי האָט נאָר געדאַרפט אָפּפאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן אָפּרוען זיך, נאָר איצט איז דאָס אוממעגלעך.

נערא האָט אַזוי ווי פאַרגעוואָרפן:

— וועגן מיר האָסטו נישט געזאָרגט די פּאָר וואָכן, וואָס דו האָסט מיך נישט געזען. דיך האָט נישט געאַרט, דו האָסט מיך אפילו נישט אָפּגערופן.

בערעזין האָט איר ווייטער אָנגעהויבן דערקלערן, ווי פאַרנו־מען ער איז און האָט זי בארואיקט:

— עס וועט ווערן ווייניקער אַרבעט, וועט ווערן מער צייט.

זי האָט געענטפערט האַרט:

— מאַך זיך נישט נאַריש.

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

און זי:

— ווער מען ווילסטו נאַרן, מיך אָדער זיך?

— איך פאַרשטיי דיך נישט.

— נישטאָ וואָס צו פאַרשטיין.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געשוויגן.

אין צימער איז געווען שטיל און רואיק. די איבעריקע איינ־וווינער פון הויז זענען נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט. די וועש פון די שטריק האָבן געוואָרפן אַ שטילע רואיקייט מיט זייער ווייסקייט. די זון אין פענסטער האָט געוואָרפן דריי ברייטע שטראַלן צום בעט. נערא האָט אַ וואָרף געטאָן איר היטעלע, דעם

פֿאַלטן און באַקוקט די זאַכן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער נאַדאָוויוועלע, אויך אין די אַלמערס, אין וואַנט.

— בעלאַ איז מיט דיר די גאַנצע צייט? — האָט זי באַקוקט אַ גרין קלייד אין אַלמער.

בערעזין האָט געענטפערט מיט אַ פֿראַגע:

— ווו זאָל זי זיין?

און נערא:

— זי האַלט אַן איר צימער, אָדער זי האָט אים אויפֿגעגעבן?

— זי האָט נאָך איר צימער.

— זי האָט נאָך — האָט זי איבערגעחזרט און אַ פֿאַרטראַכטע זיך אַריינגעזעצט אין בענקל.

בערעזין איז אויך אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. די שטילקייט איז געוואָרן שווער. נערא האָט זיך אַלץ נידעריקער געבויגן און אירע אַקסלען האָבן געציטערט. בערעזין איז געבליבן שטיין נעבן איר, אַ ווײַלע זי אָנגעקוקט, זיך אַראָפּגעלאָזט צו אירע קני און מילד פֿאַרהויבן איר קאָפּ. גרויסע טרערן זענען געשטאַנען אין אירע אויגן. בערעזין האָט זיך געבעטן:

— וואָס איז מיט דיר, נערא, וואָס וויינסטו? — און גלייך, ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען די נישטפּאַסיקייט פֿון זיין פֿראַגע, האָט ער אויסגעשריגן: וואָס זאָל איך טאָן! וואָס זאָל איך טאָן!

נערא האָט שטיל געפֿינגערט זיינע האָר, געמאַכט מיט די ליפּן, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן, ווי זי וואָלט עפּעס גערעדט. צוערשט איז דאָס געווען נאָר אַ שטיל פֿליסטערן און בערעזין האָט נישט געקענט כאַפּן, וואָס זי רעדט, נאָר וואָס ווייטער זענען אירע ווערטער געוואָרן אַלץ שוואַכער, און אַזאַ ווייטיק האָט אין זיי געקלונגען, אַז בערעזין האָט זיך צונויפֿגעדרייט ביי אירע פֿיס, ווי אַ הונט, וואָס וואַרט אַ באַשטראָפֿונג פֿון זיין באַלעבאָס. נערא האָט גערעדט:

— עס זענען דאָ זאַכן, אויף וואָס דו ריכסט זיך נישט,

אפילו ווען דו ווייסט, אז זיי קאָנען קומען אמאָל. איך האָב זיך נישט געריכט אויף אזא שנעלן סוף, אפילו ווען איך האָב דאָ געזען בעלאַן. ווי עס ווייזט אויס, קען אנדערש נישט זיין. און עס איז פארשטענדלעך. דו און בעלא זענט איצטער פארטומען מיט איינער און דערזעלבער זאך, איר לעבט מיט די אייגענע אינטע־רעסן און וואָס בין איך אייך? א פינפטער ראָד צום וואָגן — גע־ראָ איז אויף א ווײַלע אנטשוויגן געוואָרן. בערעזין האָט אויפגע־הויבן זיין קאָפּ, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר גערא האָט אים נישט געלאָזט.

— צו וואָס רעדן און וואָס קענסטו מיר דערציילן, איך האָב פריער געוווסט, אז לעבן אין דרייען וועלן מיר נישט קענען. איך האָב דאָס געפרוווט מיט מיין ערשטן געליבטן. איך האָב געמיינט, נאָר איך האָב געזען, אז דאָס איז אוממעגלעך. און איך האָב געהאָפט, איך ווייס נישט אויף וואָס. איך בין ווייט איצט פון דיר און עס קען זיין, אז איך בין שטענדיק געווען ווייט פון דיר, נאָר וואָס דען, דו האָסט דאָן קיינעם נישט געהאַט. נאָר דו פאַר מיר ביסט געווען אלץ. עס קען זיין, אז אזוי זענען שוין פרויען. זיי זענען מער איבערגעגעבן און בינדן זיך צו שטאַרקער, ווען אפילו זיי ליבן א צווייטן. מענער זענען שוין מער ברוטאל. דו לעבסט די גאַנצע צייט מיט בעלאַן. ביסט באַפרידיקט, גייס־טיק און פיזיש. ווען נישט, וואָלסטו געבענקט נאָך מיר, און אזוי נישט. איך האָב דאָס געדאַרפט פארשטיין און איך האָב דאָס נישט פארשטאַנען. איצט וועלן מיר זיך מוזן צעשיידן — האָט זי א לאָך געטאָן און איבערגעחזרט — צעשיידן? ניין, מיר וועלן נישט דאַרפן, ווייל מיר זענען שוין צעשיידט, — האָט זי אים פלוצלונג ארומגעכאַפּט און אָנגעהויבן אים קושן.

בערעזין האָט איר געענטפערט. אין דער צייט האָט מען אָנ־געקלאַפּט אין טיר און עס איז אריינגעקומען בעלא. זי האָט זיך פארהאַלטן, געוואָלט ארויסגיין. גערא האָט זי נישט געלאָזט.

— דאַרפסט נישט ארויסגיין. איך בין נאָר געקומען זיך גע־זעגענען מיט אייך, ווייל איינגיכן, קען זיין, פאָר איך אוועק.

בעלא האָט איר אָנגעכאַפּט. זי צוגעדריקט צו זיך מיט

טרערן אין די אויגן און אין דער איינענער צייט האָט זי איר עפּעס איינגערוימט אין אויער אַ סוד.

— אַזוי? — האָט גערשאַ אויסגעצויגן. און געזעגנענדיק זיך מיט בערעזינען און מיט גערשאָן, האָט זי שטיל אויסגערעדט:

— לאָזט מיך וויסן.

איבער אַמעריקע 1926

אין דער שטאָט פון איינגעהאַלטענעם טרויער

דענווער. פרעגסטו עמיצן אויף דער צאָל שווינדזיכטיקע אין שטאָט, ענטפערט מען דיר, אַרום פופציק פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. און פרעגסטו וועגן דאָקטוירים, זאָגט מען דיר, אַריבער ניינציק פּראָצענט. ווילסטו דערגיין פון וואַנען האָט מען דאָס גענומען די סטאַטיסטיק, ענטפערט מען דיר, אַזוי איז עס. אַלנפאַלס שווינדזוכט האָט אוועקגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער שטאָט.

אין דענווער מערקסטו נישט אָט דעם לעבעדיקן טומל פון אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט. דאָ גייט אַלץ רואיק, געלאַסן, אַזוי ווי מען וואָלט מורא געהאַט שטערן די רו פון אַ קראַנקן אין בעט. איבערהויפּט וואַרפט זיך דאָס אין די אויגן אין די אָוונטן.

האַלב נאָך פינף, זעקס, אין אָוונט. די גאַסן ליידיק. מענטשן ווייניק. איינצלנע נאָר. דאָס אויך זעען זיי אויס, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט, וואָס זיי זענען אין גאַס און איילנדיק, ווי אַנגעבויגן, גליטשן זיי זיך ביי די ווענט.

דער דאַונטאַון. דער געשעפטס־, טעאַטער־ און רעסטאָראַן־געגנט. העל באַלויכטן, אָבער מיט יענעם קאַלטן שיין, פון וועלכן דיר ווילט זיך אַנטלויפן, מיט דעם קאַלטן שיין פון אַ טויטן־הויז. מענטשן געציילטע. שליכן זיך, ווי זיי וואָלטן אויך געוואָלט ערגעץ באַהאַלטן זיך פון דעם קאַלטן שיין, וואָס עס גיסט זיך פון די פענסטער און עלעקטרישע לאָמפּן, וועלכע וואַרפן אָן אַזאַ איינזאַמען טרויער וואָס ווערט נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן פון די לאַנגע שורות שוואַרצע אויטאָמאָבילן פון ביידע זייטן גאַס, פאַרלירנדיק זיך אין דער נאַכט, אַזוי ווי זיי אויך וואָלטן געוועזן צופרידן, וואָס זיי זענען פּטור געוואָרן אָט פון דעם קאַלטן ליכט.

עלף אַזייגער ביינאַכט. מענטשן פון די טעאַטערס און מוּווים לאָזן זיך שטיל אָן דעם פריילעכן געלעכטער, אָן דעם געוויינלעכן נאָכן־טעאַטער טומל, יעדער איילט זיך צו זיין מאַשין, אַנטלויפט אין דער נאַכט אַריין און די ליידיקע רעסטאָראַנען קוקן

ארויס דורך די אָפענע פענסטער, מיט יענעם איינגעהאַלטענעם טרויער, וואָס עס וואַרט נאָר אויף דער מינוט, ווען עס וועט קאָנען ארויספּלאַצן.

„טאמפּסאָן קעניאָן"

אין דער פרי זענען מיר ארויסגעפאָרן. איך, א חבר און צוויי חברטעס, פרויען פון ארבעטער.

מיר זענען אריינגעפאָרן אין „טאָמפּסאָן קעניאָן", וואָס פירט צו „עסטעס פּארק". איך ווייס נישט, ווי עס ווייזט אויס האָבן די אַמעריקאַנער שטעטלעך, וואָס ליגן אויפן וועג צו דעם קעניאָן געוואַקסט, ווי אַזוי צוצוגרייטן דעם וועג, אונטערצושטרייכן די גרויסקייט, די ווילדע שיינקייט פון דעם קעניאָן.

די קליינע שטעטלעך, סעדער, איינגעטונקען אין אפריקאַסן, וואָס בעטן זיך, מיט זייער פאַמעטענער מאַטקייט, אז מען זאָל זיי באַפרייען פון די קייטן, מיט וואָס זיי זענען צוגעטשעפעט צו די צווייגן, וועלכע האָבן זיך אַזש געבויגן ביז דער ערד אונטער זייער שווערקייט.

רויט, ווי די בעקלעך פון אַן ערשט־אויפגעשטאַנען קינד, ווי די רויט־אָנגעפאַרבטע ליפּעלעך פון קליינינקע מיידעלעך, רויט ווי גרויסע קיילעכדיקע טראָפּנס בלוט, זענען געהאָנגען די קאַרשן איבערן גאַנצן וועג און ווי ליבע קינדער געווונקען צו אונז מיט זייערע ליפּן־קאַרשן. סעדער ווי ווייט דאָס אויג פאַרכאַפּט. פעלדערשווימען פאַרביי דעם אויטאָמאָביל. הייזלעך נישט קיין גרויסע, רואיקע און שטילע, איינגעטונקט אין אָט די אַלע בוימער, האָבן אָנגעיאָגט א רואיקן דרעמל. א שטילע פאַרחלשטקייט, א מילדן געגעצן און פּלוצלונג דערזעסטו פאַר זיך, ווי עס רוקן זיך אויף דיר שטיינער — גרויסע, ברוינע, טונקל־ברוינע. אָט רוקן זיי זיך ארויס פאַר דיר, דערלאַנגען מיטן האַנט, און אָט וועלן זיי פאַרשווונדן. שטיל, מען הערט נישט קיין גערויש, קיין שאָרך, און נאָך דעם, אַלץ שאַרפער און שאַרפער, הערט זיך, פאַר דיר, א רוישן. דערזעסט א וואַסער, לויפט ערגעץ געשווינד, אייַלנדיק, אימפּעטיק, מיט כּעס, אַזוי ווי עס איילט זיך צו אַנטלויפן פון דיר, פאַרשווינדן. אין דער זעלבער צייט דערנענטערן זיך צו דיר די

בערג און פּלוצלינג פאַרסטו אַריין אַזוי ווי אין אַן אָפֿענעם טויער, אין אַ טיפֿער גרוב, צווישן צוויי גרויסע שטיינערנע ווענט.

רויט. אַ מאָדנע רויטקייט. אַזוי ווי די ווענט מיט זאַפֿראַן באַדעקט, האָבן געוואָרפֿן אַ טונקל־ברוינעם שאָטן איבערן וועג און טייכל, וואָס האָט זיך, ווי אַ שלאַנג, געדרייט, דאָ פֿון איין זייט וועג, דאָ פֿון דער צווייטער זייט וועג, אַזוי ווי זי וואָלט אונדז געוואָלט פֿאַרשטעלן דעם וועג, נישט לאָזן ווייטער פֿאָרן איבער די קליינע בריקלעך. און מיר פֿאָרן ווייטער.

אונדזער מאַשין האָט געהאַלטן אין איין שרייען, קלאָגן זיך, אַזוי ווי הער האָרן וואָלט אויך מיטגעפֿילט דעם טייכל אין איר מאַכטלאָזן קאַמף און אין דער זעלבער צייט געוואָרנט אָט די, וואָס פֿאָרן אונדז אַנטקעגן, אַז זיי זאָלן זיך היטן, דאָס וואַסער וועט נעמען נקמה אָן די, וועלכע היטן זיך נישט. דער וועג איז אַ שמאָלער, קוים צוויי מאַשינען קאָנען דורכפֿאָרן.

עס איז אַרום האַלבן טאָג. די זון זעען מיר נישט. מיר ווייסן, אַז זי איז הינטער אַ גרויסן שפּיץ ערגעץ פֿאַר אונדז, אין דעם וועג־אויסבויג. אַ מאָדנעם איינדרוק שאַפֿט אָט דער שאָטן. עס ווערט דיר קאַלט, אַזוי אַ קליינער פֿרעסטל, און אין דער אייגענער צייט פֿאַררייסט דו דעם קאָפּ אין דער הויך און דו ווילסט כאַפּן כאָטש איין שטראַל, כאָטש איין זונען־פֿונק.

הואַ־ו־הואַ־הואַססם! — צעשרייט זיך פֿאַר אונדז און וואָרנט אונדז אַ מאָדנער אויסגעשריי, ער צעלאָזט זיך און ווערט פֿאַרשווונדן אינאיינעם מיט די וואַסערן פֿון טייכל; אַ גרויסע מאַשין אָנגעפּאַקט מיט טוריסטן איז אחוז אָנגעקומען אַנטקעגן. פֿאַרוויקלטע אין אַזעלכע שאַלן זעען זיי אויס, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער וועלט פֿון אונדזערע קינדערישע מכשפֿים און טייוואָלים־מענטשעלעך. זיי טראָגן זיך פֿאַרביי, וואַרפֿנדיק אויפֿן וועג שטיקלעך שאָלעכץ פֿון מאַראַנצן.

מיר האָבן אַרויסגעשאָסן פֿון הינטער אַ וועג־אויסבייג און דאָרט הויך, פֿאַר אונדז, אין דעם שטיקל פּאַס פֿון הימל, האָבן זיך אויסגעצויגן אַזוי ווי פֿערד, מיט לאַנגזאַם־אויסגעצויגענע העלזער, אין אימפּעטיקן לויפֿן, פֿאַרטריקנטע ביימער, הענגענדיק אי־

בער אונזערע קעפּ, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך פּלוצלינג פאַרהאַלטן אין זייער שפּרונג אונטן.

מיר זענען געבליבן שטיין. און דער וועג, ווי אַנלאַכעדיק־שלענגעריש, איז געלאָפן פאַר אונז, פאַרפאַלן געוואָרן און אַרויס־געשוואומען אינאיינעם מיטן טייכל.

א נאכט אין „עסטעס פּאַרק"

מיר זענען געבליבן נעכטיקן אין „עסטעס פּאַרק". גענומען א „באַנגאַלאָ" פאַר דער נאַכט. עס האָט זיך נישט געלאָזן פאָרן ווייטער. די נאַכט איז אָנגעקומען אַן אויסגעוואַשענע אין דעם קליינעם רעגן, וואָס האָט אונז באַגלייט אין וועג אַביסל צייט. אונזער „באַנגאַלאָ" איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט בערג, אַזוי ווי אין אַ גרוב. בערג טויזנט פוס הויך, פופצן הונדערט פוס הויך. ווער ווייסט.

פון איין זייט אַ לאַנגער באַרג, ווי אַן אָפּגעשניטענער שטיק רויטער קעז, אַמעריקאַנער קעז, האָט אַרויסגעשאָסן אין דער הויך. אונטן טונקל, אין אַ טיפן שאָטן, אויבן רויט פון די זון־שטראַלן. מיר האָבן זיי נישט געזען און דיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט, אויף יענעם שפּיץ, וועט באַלד אַרויספליען די „בלוטיקע האַנט" אָדער דער „ווייט־שיסנדער פייל", אָדער דער „זיצנדער אָקס", „די שנעלע פיס", דער „שאַרפער אויג", אויף זיין נישט אָנגעזאָטלטן פערד און וועט אונז פאָדערן פאַרלאָזן זיין אָרט, וווּ ער האָט דורות־לאַנג געפיטערט זיינע טשערעדעס און געכאַפּט זיין רויב.

פון דער צווייטער זייט אַ מילדער גרינער קאָפּ האָר פון בוי־מער, וואָס זענען צאַרט געשוואומען מיט די בערג און פאַרלאָרן זיך אין די אויסבויגן פון די בערג, און דאָרט פאַר אונז, אין דער ווייטער ווייטקייט, האָט אַזוי ווי באַרג־אַראָפּ צוזאַמען מיט די שאָטנס פון די זונען־שטראַלן זיך געוויכט אַ גרינע ווייכקייט, וואָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן אָט די האַרטקייט, און איך וואָלט זאָגן, אָנגעצאַרנטע שטייפקייט פון דעם באַרג פאַר אונז.

שאָטנס פון אונטער די בוימער, שאָטנס פון די בערג, האָבן זיך געטראָגן אויף אונז, ערגעץ אין אַ פייערל געשטאַנען און האָט

זיך נישט גערירט פון אָרט. ערגעץ האָט זיך דערהערט אַ הונט און איז נישט געוואָרן. עס האָט זיך דיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט קיין הונט, נאָר דאָס איז דער אוראַלטער אויסגעשריי פון די יעגער אין דער נאַכט. ווער ווייסט, נאָך וואָס זיי יאָגן? קאָן זיין, אַז דאָס זענען די יעגער נאָך די מענטשלעכע האָר פון זייערע פיינט, וואָס האָבן זייער אָרט פאַרנומען, זיי פון לאַנד פאַרטריבן און זייער געיעג צוגענומען.

איך בין אַוועק אין דער נאַכט. געקראָכן אונטער בוימער, איבער שטיינער, אַליין נישט געוווסט, וווהין איך גיי. נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז איך קאָן פאַרבלאָנדזשען. אָט דער שטילער זשומען פון די בוימער אונטער דעם ווינטל, אָט דער שטילער און ווייטער גערויש פון דעם וואַסער, וואָס איך האָב נישט געזען, נאָר געהערט, האָט מיך געצויגן צו גיין. איך בין געגאַנגען און אין דער אייגענער צייט האָב איך נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון דער הויכער וואַנט, וואָס האָט זיך אַזוי דראָענד געהויבן פאַר מיינע אויגן.

שטערן, איינצלנע, נאָר זייער גרויסע, איך ווייס נישט זייער נאָמען, האָבן אַראָפּגעקוקט צו מיר פון אונטער די בוימער.

די נאַכט איז שטיל. עס איז נישט געווען קיין הילכיקע שטילקייט, ווו דו פילסט, אַז די נאַכט לעבט, נאָר אַ טויטע. אַזוי ווי זי וואָלט געווען אָנגעפילט מיטן אָטעם פון אַ געפאַר. עס איז נישט געווען רואיק אין דער נאַכט. דו האָסט זיך נישט געפילט רואיק, און יעדע ווײַלע האָסטו זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, מיט אומצוטרוי צערוקט די בוימער און שטיל געטראָטן דיין וועג, פאָרזיכטיק שטיל, כּדי מען זאָל דיינע אייגענע טריט נישט הערן.

אין „באַנגאַלאָ“ האָב איך דאָך נישט געקאָנט איינליגן. עס האָט מיך נישט געלאָזט ליגן. שלאָפן האָב איך אויך נישט געקאָנט. די נאַכט איז שוין נישט געווען פינסטער, נאָר העלע פאַסן האָבן זיך אַריינגעריסן דורך די בוימער, די שפּעטע לבֿנה איז אויפגעגאַנגען, צייטנווייז פלעגט זיך אַריינרייסן אַ שאַרפער אָפּגלאַנץ, אַ שאַרפער פּאַס העלער עלעקטרישער פייער פון אַ פאַרבייגייענדן אויטאָמאָביל, וואָס איז געלאָפן מיטן וועג אין דער נאַכט.

פאַרטאָג. איינציקער אויסגעשריי פון פייגעלעך. נאָר אייִנצל־

נע, אזוי ווי אן אָנזאָג. עס זעט זיך שוין אַ העלקייט, אָבער דאָס איז נישט די העלקייט פון דעם באַגינען און דאָס איז אויך נישט די העלקייט פון טאָג. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך געפילט, אַז די זון איז שוין גאַנץ הויך. איך בין אַרויסגעגאַנגען. די זון איז געשטאַנען הינטער אַ גרויסן שפּיץ אַנטקעגן, וואָס האָט נישט געלאָזן די שטראַלן אַריינקומען צו אונז.

די שפּיצן פון די אַרומיקע בערג באָדן זיך אין גאָלדענעם שיין, און אונטן איז טונקל, מען קאָן זאָגן, די טונקלקייט פון דעם באַגינען אין אַ פאַרוואָלקנטן טאָג. איינצלנע שטראַלן רייסן זיך אַרויס פון הינטער דעם שפּיץ און ווי גאָלדענע פיילן פאַלן זיי אַראָפּ אויף אַ פּאָר גרויסע שטיינער און פאַרהאַלטן זיך אין די בוימער. און די בוימער, ווי זיי וואָלטן אויפגעוואַכט, און די בערג ווי זיי וואָלטן זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן, וואָס די שטראַלן זענען צו זיי אויך נישט געקומען, האָבן זיך געהויכט און געגידערט איינער איבערן צווייטן.

— „קאָמאָן!" מיר דאַרפן נאָך היינט איבערפאָרן דעם „מילנערס פּאַס", — האָט מיר איבערגעשלאָגן מיין חבר, וואָס האָט מיך געיאָגט איך זאָל אים העלפן איינפּאַקן די מאַשין. קיין גוטער פריינט בין איך אים יענע מינוט נישט געווען...

מילנערס פּאַס, קאָלאָראַדאָ

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון „עסטעס פּאַרק", דענווער, קאָלאָראַדאָ, צום „מילנערס פּאַס", וואָס איז 14 טויזנט פוס הויך, איז נאָך געווען פרי. ווי אַ צעוואָרפענער קנויל רויטער פאָדעם האָט זיך דער וועג געצויגן באַרג אַרויף. די זון האָט געשיינט מיט אַזאַ פרייליכקייט, אַז עס האָט זיך געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון מאַשין און מיט צעשפּרייטע הענט לויפן, לויפן און שרייען, זינגען, טאַנצן, שפּרינגען, מאַכן קאָזשעלקעס.

דער וועג דרייט זיך אַלץ העכער און העכער. אונטן, אין טאָל, עפנט זיך אַ שמאָלע, גרינע ברייטקייט, וואָס שיסט אַראָ[illegible] אַזוי מילד, אַזוי ווייך און צערטלעך, ווי די ווייכע פאַלדן פון אַ סאַמעט איבער דעם קערפּער פון אַ יונג מיידל. די בוימער איבער די בערג, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעשווימען, וועלנדיק זיך אויך איינ-

וויקלען אין דער מילדער גרינער צאַרטקייט, ווו עס האָט זיך געשפּילט, געשטיפּט און געלאָפן אַ פּאַלנדיק וואַסער, וואָס איז מיט אַ שטילן גערויש געקומען ערגעץ פון דער הויך.

מיר הויבן זיך העכער. דער וועג אונטן ווערט ברייטער. דער גערויש פון דעם וואַסער ווערט שטאַרקער; מיר שניידן אים איבער, דאָ אין איין וועג־אויסבויג, דאָ אין דעם צווייטן. און די בוימער, אין גרין געפאַרבט, שווימען אַראָפּ אין אַזאַ פאַרכאַפּנדער פרייד, אַז עס ווילט זיך אויסשטרעקן די הענט און לאָזן זיך איבער זיי, שווימען, פליען אָט צו יענער גרינקייט, וואָס רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, צו יענע בערג, וואָס פאַרשליסן פאַר די אויגן די ווייטקייט און טאָל.

וואָס העכער אַלץ ערגער. די ערשטע פּאָר מייל פון אונזער וועג האָט מען געשוויגן. דער אָנטרייבער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו רעדן, געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דער מאַשין. די פרויען זענען, ווי עס ווייזט אויס, אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער פּראַכט פון דעם פרימאָרגן אין די בערג. ווען מיר האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, באַקוקט די געגנט, האָבן זיי זיך, ווייזט אויס, געכאַפּט, אַז עפּעס קאָן נאָך פאַרלאָרן גיין און דער שרייבער וועט נישט פאַרשרייבן און מען האָט געמאַכט פון וועג אַ גהינום.

אַ פּנים, וואָס ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז מען דאַרף פאַרשרייבן, אַ שטיין, אַ שטיק האָלץ אין דער הויך, אַן אָפּגעבראָכענעם צווייג און גלאַט דעם וועג, האָט מען גלייך התפּעלותדיק געשריגן: זעט, זעט, פאַרשרייבט. לאָזט עס נישט דורך! היינט דאָס וואַסערל! די גרינקייט! און אַזוי האָט זיך געצויגן ביז מיר זענען אַריינגעפאָרן אין צווייי וועגט.

דעם „מילנערס פּאַס" אין דער צייט, וואָס מיר זענען געפאָרן, קאָן מען נישט דורכפאָרן צוליב דעם אייביקן שניי, וואָס דאָרט ליגט. נאָר דאָס יאָר האָבן מיר געהאַט אַ גליק. אין דער אייגענער צייט איז אין דענוועך פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן פון די מאַסאָנען און צוליב די געסט האָט מען דורכגעגראָבן אַ דורכפאָר אַזוי, אַז אויך טוריסטן האָבן געקאָנט דורכפאָרן.

אויבן, אויפן רעכטן שפּיץ, איז קאַלט און הויל, אָן בוימער. אין אַ זייט שטייען גרויסע קופּעס שטיינער, אַזוי ווי אַן אַלטע

פעסטונג, און ווען דו קריכסט ארויף נאר פון אויבן, עפנט זיך פאר דיר פון ביידע זייטן א בילד פון גרינע בוימער, לויפנדע וואסערן, ווייטע טאלן, וואס האלטן אין איין אנטלויפן פון דיר, אזוי ווי די גאנצע נאטור וואלט מורא געהאט פאר דעם מענטשלעכן אויג, פאר אן עין הרע. און אין דער בלענדענדער ווייסקייט אנט־קעגן, ווי גרויסע, ווייסע ריזן, ווי גוואלטיקע ווייסע פעל פון א מור־ראדיקער חיה, איז צעשפרייט א גראבע מאסיווקייט — דער שניי. לאנג זענען מיר געשטאנען און נישט געקאנט זיך אפרייסן און אפילו די ווייבער זענען אנטשווינגן געווארן.

דעם אינדיאנערס קאפ

אראפ א בארג. מיר פארן צום „גרענד לייק". ווי צום „מיל־נערס פאס" האט זיך דער וועג געדרייט ארויף און די טאלן מיט די בוימער און וואסערן זענען פון אונז אנטלאפן; אזוי האט זיך דאס אלץ איצט דערנענטערט. דער אויטאמאביל האט נישט אויפ־געהערט צו שרייען, ליארמען און ווארנען די אלע, וואס קומען אונז אנטקעגן: היט זיך, מיר פארן.

א וואסער־פאל, א געקינסטלטער, פאלט פון א גרויסער הער. מען פארהאלט דאס וואסער, מען פירט זי אפ, אז זי זאל נישט צעוואשן דעם וועג. דאס וואסער פאלט פון צוואנציק פוס. אונטן, ווי אויגן פון אקסן, זענען צעווארפן איינציקווייז, אין דער גאנצער לענג פון טאל קליינע וואסערלעך. זיי קומען צו אונז אלץ נענטער און נענטער, צעשפרייטן זיך אלץ מער און מער.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט אנטרינקען די מאשין, איבער־בייטן דאס וואסער. די מאשין איז היים געווארן. איך האב זיי אי־בערגעלאזן און בין אוועק אליין, גלייך הינטער דעם אויסבויג פון וועג — א גרויסער שטיין, הענגט איבערן וועג א שטיין, א רוי־טער, און זעט אויס ווי א קאפ פון אן אינדיאנער. און אזוי שטייט טאקע אנגעשריבן אונטן: „אינדיאן העד".

דער פנים אזא הארטער, מיט טיפע קנייטשן, מיט א שווערן צארנדיקן אויסדרוק, אזוי ווי ער וואלט אנגעזאגט: דער, וואס גייט און פארט פארביי, היט זיך! איך האב אפגעטראטן א פאר

טריט, זיך נענטער איינגעקוקט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער קאָפּ שמייכלט. אַזאַ מאָדנער האַרטער שמייכל. דער פּנים האָט זיך נישט גערירט און דאָך האָט ער געשמייכלט. איך בין צוגעטרעטן נענטער: נישט מער ווי אַ שטיין. איך בין אָפּגעטרעטן — און דער קאָפּ האָט ווייטער געשמייכלט מיט דעם האַרטן שמייכל. דעם שמייכל האָב איך געזען איינמאָל אין ניו־יאָרק.

אַ נאַכט אויף בּראָדוויי. אין איינער פון די גרויסע מואוויהייזער האָט מען געשטעלט אַ בּילד פון די ערשטע צייטן, ווען אַמעריקע האָט זיך ערשט אָנגעהויבּן קאָלאָניזירן און די מלחמות מיט די אינדיאַנער. דאָן, בּיים טיר פון דעם טעאַטער, אַלס אַדווערטייזמענט, האָט מען אַראָפּגעבּראַכט אַכט אַלטע אינדיאַנער, אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע מלחמה־קליידער. די פעדערן זייגען אַראָפּגעהאָנגען בּיז דער ערד, איינגעוויקלט אין זייערע קאָלדרעס. און יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אַ לאַנגע פייפ און אַ קליין העקל. אָט די אינדיאַנער האָבּן אויסגעזען אַזוי, ווי דער קאָפּ פון דעם שטיין.

איך בּין אָפּגעטרעטן, זיך אומגעקוקט. גלייך פאַר מיר, בּיים אָפּגרונט, .וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם צוים, איז געווען אָנגעשריבּן: „געפאַר, זיי פאָרזיכטיק".

און דאָרטן, איבּערן טאָל, האָבּן זיך געהויבּן בּערג. אַש־קאָלירענדיק גרוי, וועלכע האָבּן אויסגעזען, ווי אַן אוראַלטער בּית־עולם מיט צעוואָרפענע מצבות. ווו דאָס אויג האָט געכאַפּט, האָט מען געזען אָנגעוואַלגערט בּוימער, און ווי אָפּגעשטאָרבּענע, צעוואָרפענע אברים, נאָך אַ שרעקלעכער שלאַכט, זענען זיי געלעגן צעשפּרייט טויט, גרוי און צעטרוקנט. איך האָבּ זיך ווייטער אומגעקוקט אויף דעם קאָפּ פון דעם אינדיאַנער. ער האָט געשמייכלט נאָך בּרייטער און צופרידן־פאַרבּיטערט. אַ טויטע שטילקייט. אַזוי ווי די וואַסערן וואָלטן זיך אויך דערשראָקן פאַר דער טויטקייט, וואָס האָט געהערשט איבּער די בּערג און איז נאָך מער אונטערגעשטראָכן געוואָרן פון די גרינע בּוימער און גרינע טאָלן, וועלכע האָבּן זיך געזען דאָרט ווייט, ווייט אונטן פאַר מיר.

די מאַשין איז אָנגעפאָרן, איך האָבּ פאַרלאָזן דעם קאָפּ.

בײַ די אָפּענע קופּער־גריבער

זונטיק בײַטאָג בין איך אָנגעקומען אין סאָלט לײק סיטי; זונטיק, נאָך האַלבן טאָג, האָב איך געזען אַלץ, וואָס אַ טוריסט מוז זען: דעם פֿאַרשלאָסענעם טעמפּל פֿון די מאָרמאָנען, דעם געזאַלצענעם ים, האָב געהערט אַ דרשה אין דער צווײטער, גרױסער, שטוב פֿון די מאָרמאָנען, געקױפֿט אַנזיכטס־קאַרטלעך.

געקומען בין איך אין סאָלט לײק סיטי זען די אָפּענע קופּער־גריבער, וואָס זײַנען די אײנציקע פֿון זײער מין אין גאַנץ אַמעריקע, נאָר זונטיק האָב איך זײ נישט געקאָנט זען, בין איך אַרױסגעגאַנגען זוכן ײדן.

איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן זוניק און פֿרײלעך. עס האָט זיך גאָרנישט געמערקט, אַז עס איז זונטיק. דרײענדיק זיך אַזױ פֿון אײן גאַס אין דער צווײטער, נישט ווױסנדיק, ווער ס׳איז אַ ײד און ווער נישט, האָב איך דערזען אַ „סעקאָנד הענד סטאָרקע״. בײַ דער טיר שטײט אַ שוואַרץ מענטשל מיט פֿיר קינדער. איך האָב געוווּסט, אַז בײַ אַזאַ קלײט דאַרף שטײן אָדער אַ ײד, אָדער אַן איטאַליענער. בין איך צוגעקומען און געפֿרעגט אין ענגליש:

— קאָנט איר מיר נישט זאָגן, ווו איך קאָן דאָ געפֿינען אַ ײדן?

דער ענטפֿער איז געווען אין אַן עכטער ווילנער אױסשפּראַך:

— וואָסי, וואָס בין איך?

אַ ײד. מיר האָבן זיך צערעדט אײנער מיטן צווײטן.

ײדן זײַנען אין סאָלט לײק סיטי ווײניק, אײנגאַנצן אַ פֿינף־זעקס הונדערט. האָבן אַן אַרבעטער־רינג בראַנטש, האָבן אַ לאָון סאָסײעטי פֿון זיבעציק מעמבערס. פֿיל גיבן אַוועק זײערע פּראָצענטן פֿון דער לאָון סאָסײעטי אױף אַ פֿאָנד פֿאַר אַ ליבאָר לײַסעאום. זײ האָבן שױן אַרום נײַן הונדערט דאָלאַר. די ײדן זײַנען זײער גוט אָפּ. אַלע הענדלער.

איך פֿון מײַן זײַט, האָב דעם ײדן דערצײלט, אַז איך בין אַ שרײַבער. פֿאַר אַרום זיך באַקענען מיט אַמעריקע, מיטן אַמעריקאַנער ײדישן לעבן. און געפֿרעגט בײַ אים צוויי זאַכן:

ערשטנס, ווו קריגט מען אַ האָטעל, עס זאָל נישט קאָסטן טײַער, און, צווײטנס, וואָלט זיך מיר ווען באַקענען מיט די היגע

יידן. א האָטעל האָט ער מיר גערן אָנגעוויזן, און אויפן צווייטן האָט ער געשמאָמלט:

— זונטיק, אַלע פאָרן אַרויס. אָבער מאָרגן וועט ער מיך באַקענען מיט די אַלע יידן פון שטאָט.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט האָב איך זיך שוין געטראָפן מיט מער יידן. דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען. געגאַנגען זען די אָפּענע קופּער־גריבער און פאַרנאַכט האָב איך שוין געזען די יידן. האָט מען אָנגעהויבן בעטן: אַ שרייבער, געקומען פון דער איסט. זאָל איך עפּעס ריידן פאַר זיי, זיי האָבן אַ מיטינג פון זייער „לאָאַן סאָסייעטי".

צוגעזאָגט. בין איך געגאַנגען ריידן.

גערעדט וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער אין דער איסט, וועגן דעם גרויסן קאַמף, וואָס די פּאַריער האָבן דאַן אָנגעפירט, וועגן דער רעכטער און לינקער באַוועגונג, וועגן דער יידישער קולטור, — מיט איין וואָרט, אין איינע דריי־פערטל שעה געגעבן אַ קורצן איבערבליק איבער דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער איסט.

דער טשערמאַן, וואָס האָט קיין וואָרט יידיש נישט געקענט, האָט מיך באַדאַנקט אין ענגליש, און איידער איך בין אַרויסגעגאַנגען, זענען שוין די „טשיפּס" אַרויסגענומען געוואָרן פון אונטער דעם טיש און מען האָט שוין גערופן: „אַ קוואָדער מיט אַ קוואָדער", „פּאַס" און אַזוי ווייטער.

די אָפּענע קופּער־גריבער געפינען זיך אין בינגהאַם, 28 מייל פון סאָלט לייק סיטי. עס נעמט אַריבער אַ שעה פאָרן מיטן באַס.

דאָס שטעטל בינגהאַם איז קליין און שמוציק. אַ טיפּיש מיינער שטעטל. קלייטן, סאַלונען, רעסטאָראַנען און האָטעלן. דער אָפיס פון די קופּער־גריבער געפינט זיך אויפן שפּיץ באַרג. אהין דאַרף מען זיך דערקלייבן מיט אַ הויב־מאַשין.

אין אָפיס האָב איך אָנגעטראָפן דעם הויפּט־אינזשיניער און ער האָט מיר גלייך געגעבן אַ פירער, וואָס זאָל מיר ווייזן די גריבער.

די אָפּענע קופּער־גריבער זענען נישט קיין גריבער, ווי מען פאַרשטייט, נאָר אַן אָפּענע שטיק באַרג, וואָס איז געשניטן געוואָרן

טעראַסן־ווייז, פון אונטן ביזן העכסטן שפּיץ. זעקס־און־צוואַנציק טעראַסן ביז דעם שפּיץ. יעדער טעראַס האָלט אַריבער צוויי מיט אַ האַלבן מענטשן הויך.

די אַרבעט ווערט דאָרטן געמאַכט מעכאַניזירט מיט דינאַמיט און עלעקטרישע אַנשיטער און גראָב־אייזנס. זייער ווייניק מענטשן. ווען איך האָב געפרעגט וועגן דעם מיין וועגווייזער, אויך אַן אינזשיניער, האָט ער מיר דערקלערט:

— מיר האָבן נאָר מענטשן, וואָס בויערן די לעכער, שיסן און לאָדן אָן די וואַגאָנעס מיט ערד, וואָס ווערט אַוועקגעפירט אין די צעשמעלצערס, וועלכע געפינען זיך אַרום זעכצן מייל ווייט פון דאַנען.

— עס אַרבעטן יעדן טאָג אַרום 30 אייזן־גראָבערס און אָנשיטערס. עס ווערן אָנגעלאָדן אַרום 400 וואַגאָנעס אַ טאָג, וואָס קאָן אויסמאַכן אַרום 35 טויזנט טאָן אַ טאָג.

— די מענטשן אַרבעטן ביי אונז נאָר אַכט שעה אַ טאָג און פאַרדינען זייער גוט, פון פיר ביז פינף־פופציק אַ טאָג. פיל פון זיי נאָך מער. ווייל אַלץ ווערט אויסגערעכנט לויטן טאָן, און אַזוי ווי עס זענען אַלע אַלטע אַרבעטער, אַרבעטן פיל פון זיי אָווערטיים. געוויינטלעך, די אַרבעטער רעכנען זיך שוין, אַזוי צו זאָגן, צווישן די געלערנטע אַרבעטער.

ווען מען זאָל אויסרעכענען אין איינצלהייטן, וואָלט דאָס אויסגעמאַכט אַזוי: אָנלאָדן אַ קאַר פאַרנעמט פינף מינוט און יעדער קאַר האָלט אַריבער אַכציק טאָן. די, וואָס מאַכן די לעכער, מוזן מאַכן צווישן אַכט און צען לעכער אַ טאָג. יעדעס לאָך מוז זיין צוואַנציק פוס די טיף. עס אַרבעטן דאָ אַריבער דריי הונדערט אַרבעטער, נאָר זיי זעען זיך נישט אָן, ווייל זיי זענען צעוואָרפן איבער דעם גאַנצן באַרג.

— ווערן אַלע אַרבעטער אַזוי גוט באַצאָלט?

— ניין. נישט אַלע. דער פּראָסטער אַרבעטער קריגט ביי אונז נישט מער ווי דריי דאָלאַר אַ טאָג. איר זעט אָ די אייזנבאַנען, וואָס ציען זיך איבער די טעראַסן? דאָס זענען אונזערע אייגענע און צו זיי מוזן מיר האָבן מענטשן. די מענטשן האָבן ביי אונז דריי, דריי־צוואַנציק אַ טאָג.

— ווער זענען די ארבעטער?

— כינעזער, מעקסיקאנער און שווארצע.

— גיט זיי די קאמפאני הייזער?

— יא, זיי האבן זייערע קאלאניעס. איר וועט זיי קאנען זען, אויב איר וועט וועלן.

— זענען דא די ארבעטער ארגאניזירט?

ער האט נאר א שמייכל געטאן.

— ניין, זיי זענען נישט ארגאניזירט. צוריק מיט א פאר יאר האבן די איי דאבליו דאבליו געפרווט ארגאניזירן די היגע ארבעטער. עס האט זיך זיי נישט איינגעגעבן.

— פארוואס?

דער וועגווייזער האט מיר נישט געענטפערט, און נאך א קליינעם שווייגן צוגעגעבן:

— וועמען וועט איר דא ארגאניזירן? די ארבעטער, וואס מען ברענגט צו פירן, די מעקסיקאנער אדער כינעזער? און די אנשטעלטע איז זייער גוט. די קאמפאני האט פאר זיי געגרינדעט א קלוב מיט דאקטאר־הילף, מיט קראנקן־אפצאל, און איצט האט די קאמפאני אויסגעבויט הייזער און פארקויפט זיי צו די ארבעטער.

— צו אלע?

— ניין, נישט צו אלע. געווייטלעך צו די, וואס ארבעטן שוין א לענגערע צייט, און צו די ארבעטער אין די אפיסעס, צו די אינזשינערן.

א מערקווירדיק בילד שטעלן מיט זיך פאר אט די אפענע קופער־גריבער, מערקווירדיק מיט זייער אויסזען און גרויסקייט. זעקס־און־צוואנציק טעראסן. און די טעראסן זענען אזוי ווי א ווייסטע. מען זעט נישט קיין מענטשן, נאר ווי גרויסע שווארצע פליגן פויזן ארום די גרויסע לאקאמאטיוון, וואס שלעפן מיט זיך די אנגעלאדענע און אויך ליידיקע קארס.

מיט א שווערן אטעם, אזוי ווי זיי וואלטן אויסגעשפיגן זייערע לעצטע לונגען, קריכן זיי דארט ערגעץ אויבן, מיט א לאנגן שווארצן עק. אט שטעלט זיך אפ א צוג, טוט א געשריי, ווי אין א גרויסן ווייטאג, לאזט איבער א פאר פון זיינע וואגאנעס, ווי א

שטיק פון זיין קערפער. און מיט נאָך אַ שרעקלעכערן אויסגעשריי לויפט ער ווייטער.

אַזוי ווי טרעפּ, ווי אומגעהויער־גרויסע טרעפּ, ציען זיך די טעראַסן, באַגאָסענע מיט דער ברענענדיקער זון. עס ווייסלען זיך, רויטלען זיך און טונקלען זיך די אָפענע זייטן פון די טעראַסן מיט דער רויטער, טונקעלער, ווייסער און שוואַרצער ערד, ווי פליגן אין הערבסט, וואָס האָבן שוין נישט קיין כוח זיך אַ ריר צו טאָן, פויזן אַרום און קלעטערן איינצלנע מענטשן.

אַ רויטער פלאַג, אַ הילכיקער אויסגעשריי, אַ שרעקלעכער קראַך. אַ זייט פון אַ טעראַסע, אַ שטיק פון באַרג, האָט זיך פריער פאַמעלעך און נאָכדעם געשווינטער, אַז דאָס אויג האָט נישט גע־כאַפּט, אָפּגעטיילט זיך. ס'איז אַ וואָלקן פון שטויב, רויך און שטיינער, געבליבן ליגן איבער די אייזערנע וועגן, וואָס ציען זיך אַזוי קאַלט, אומברחמנותדיק, איינער איבערן צווייטן, איבער דער גאַנצער הויך פון באַרג.

צוויי עלעקטרישע אָנשיטערס, אַ באַן מיט ליידיקע וואַגאָנעס. איינצלנע מענטשן האָבן זיך מיט איילעניש געלאָזט לויפן צו דער אָפּגעטיילטער שטיק באַרג און גלייך טאַקע מיט אַ מאָדנעם כראַשטשעדיקן געוודער זיך איינגעגעסן אין דער קופּע און אָנגע־הויבן אָנלאָדן די וואַגאָנעס.

מיין פירער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. שוין האַלב נאָך צוויי. דריי שעה פאַרבראַכט ביי די גריבער. מיר האָבן זיך צעזעגנט.

אין שטעטל האָב איך געפרעגט איינעם פון די פיל אויטאָמאָ־ביל־פירער, ווו מען קאָן דאָ זען דאָס כינעזישע שטעטל. האָט ער מיך גענומען אונטערפירן אַהין פאַר פופציק סענט. איך האָב צו־געשטימט.

דער שאָפער, אַן אַלטער אַרבעטער אין די גריבער, האָט דאָ פריער געאַרבעט אַלס אַ לאָך־בויערער. איצט האַלט ער דאָ אַ מאַ־שין, מיט וועלכער ער צעפירט די אָנגעקומענע אַרבעטער צו זייע־רע שטעטלעך.

— פאַרוואָס האָסטו פאַרלאָזן די מיין?

— זאָלן זיי געהרגעט ווערן! — איז געווען זיין ענטפער

אין א געבראָכענעם ענגליש. — ער איז געווען אן איטאַליענער.— זוינגן אויס דעם מאַרך פון די בייגער און לאָזן דיך אפילו נישט אָטעמען.

ווען מיר זענען אַרויפגעפאָרן אויבן האָט ער צוגעגעבן:

— מען דאַרף דאָ נישט קיין ווייסע אַרבעטער. דאָ זענען די מעקסיקאַנער, — האָט ער אָנגעוויזן, ווען מיר זענען פאַרבײַ־געפאָרן נידעריקע, קליינע הייזלעך.

די צען, פופצן מינוט זענען מיר געפאָרן אַרויף אַ באַרג, אין אַ שמוציקער גאַס מיט אָנגעוואָרפענע שטיינער. די גאַס איז נישט געווען ברוקירט. מיר האָבן זיך געוואָרפן אַהין און אַהער און דער שאָפער האָט זיך געזידלט:

— אַ קאָמפּאַני, קאָן נישט אויסברוקירן די גאַסן. פאַר אַר־בעטער דאַרף מען נישט, און געלט נעמט מען איבער גענוג.

דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל באַלאַנגט צו דער קאָמפּאַני. די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון שטעטל איז פון דער קאָמפּאַני און דערפאַר, וואָס דער אַרבעטער פירט די פּאַסאַ־זשירן, האָט אַן אויטאָמאָביל, דאַרף ער אויך צאָלן.

אַן אויסבויג פון באַרג. שמוציק, אַזוי ווי אָנגעוואָרפענע חורבות. בלעכענע, לאַנגע באַראַקעס שטייען איינער איבערן צווייטן און איבער דעם אַלעם אַ שטויב, ווו עס איז אַ קלייט, אַ וועש־וועשעריי און אַ קליינער צימער.

— דאָ איז דער „באָס" פון די כינעזער, — האָט מיר אָנ־געוויזן דער שאָפער.

ווען מיר זענען אַריינגעגאַנגען, האָבן מיר געטראָפן דריי כי־נעזער. איינער איז געשטאַנען און געוואַשן, אַ צווייטער, אַזאַ גראָבער מיט גרויסע וואָנסעס, האָט אונז געפרעגט, וואָס מיר ווילן.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך וויל זען, ווי די כינעזער וווינען. האָט ער מיר געענטפערט, אַז איצט איז פאַרשלאָסן, קיי־נער איז נישטאָ, נאָר אויב איך וויל, קאָן איך אַריינקוקן דורכן פענסטער.

— וואָס צאָלט מען דאָ?

— אַ דאָלאַר אַ מאָנאַט.

— אַ דאָלאַר אַ מאָנאַט? — האָב איך זיך פאַרוווּנדערט.

— יאָ. איצט איז אין יעדן צימער פון באַראַק ווייניק מענטשן. נאָר ווינטער זעצן מיר אַריין צו פופצן און צו צוואַנציק מענטשן.

איך בין אַראָפּגעגאַנגען אַ קוק טאָן. אַ באַראַק פון בלעך, נישט זייער קיין לאַנגער, בלויז פיר צימערן. אינווייניק קליינע איזוועלעך. יעדער צימער איז די גרויס ווי אַ מיטלער צימער פון די מעבלירטע צימערן אין ניו־יאָרק. און דאָ זעצט מען אַריין צו פופצן, צוואַנציק, מענטשן. נישט קיין שלעכטע געשעפטן האָבן די קאָמפּאַניס. פון מאָדערנע איינריכטונגען, אַ חוץ אַ קליין עלעקטריש לעמפּל, ווייסט מען דאָרט נישט.

— די כינעזער און מעקסיקאַנער זענען בעסער פון די ווייסע, — האָט מיר דערקלערט דער שאָפער. — זיי שרייען נישט און מאַכן נישט קיין סקאַנדאַלן. די בעסטע שקלאַפן, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאַרשטעלן. נו, ברענגט זיי די קאָמפּאַני און פאַרבייט די ווייסע.

— ווי פאַרברענגען דאָ די אַרבעטער?

ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

— איר זייט קיינמאָל נישט געווען קיין אַרבעטער? מען געמבלט. איר האָט געזען אָט־יענעם כינעזער? ער נעמט ביי זיי צו דאָס גאַנצע געלט.

— מען טאָר דאָך נישט.

ער האָט בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ווען מיר זענען געקומען צו פאָרן, האָט ער שוין מער מיט מיר נישט געוואָלט ריידן.

אין דער „קען"־מלוכה

— מען וועט נישט אַריינלאָזן, דו וועסט נישט קענען אַריינגיין. די זאָוואָדן זענען מיליטערישע פעסטונגען, פול מיט פּאָליס־

ליט. — מיט דעם האָבן זיך געענדיקט די פּאָר קאָנפערענצן מיט די חברים וועגן מיין באַזוכן די פאַבריקן אין פּיטסבורג.

— גיין זען היינצעס פּיקל־פאַבריק, אַלע גייען אַהין. דאָרט לאָזט מען אַריין.

איך בין נישט זייער שטאַרק צופרידן פון דער עצה, נאָר העלפן קען מען זיך נישט. דאָך האָב איך באַשלאָסן צו זען די גרויסע אייזן־פאַבריק.

די פאַבריק פון היינצעס 57 פאַרשידנקייטן.

עס הייבט זיך אָן מיט דעם אויפנאַמס־צימער, מיט בילדער, וואָס דערציילן וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער פאַבריק און ענדיקט זיך מיט אַ נעגל־פּוצערס צימער און אַ „קרומען" שפּיגל.

מען פירט אונז. צוויי אָנגעשטעלטע פירערס, יונגע בחורים, ערשט געענדיקט קאָלעדזש. דאָס ערשטע צימער. אַ גראָב בוך צו פאַרשרייבן דיין נאָמען, און נאָך גרעבערע אַמעריקאַנער, וואָס זענען געקומען באַוואונדערן און מקנא זיין דעם שעפער מיט זיין פאַבריק.

אין צימער אַ גרויסער מאַרמאָרענער ביוסט פון היינצן אַליין, אַ שאַרף אויסגעשניטן געזיכט און שפּיציקע מאָרדע. קוקט מיט אַ פאַרעכטלעכן שמייכל, ווי אויף באַשעפעניש, וואָס זענען נאָר גוט צו טראָגן אָט די אַלע „טאָמייטאָס" און „פּיקל", וואָס עס ווייזן די בילדער אין אַלע עקן וועלט.

אין אַלע טיילן: מצרים, אינדיע, אַרום צוועלף שטאַטן פון אַמעריקע, כינע, יאַפּאַן, נאָר מיט איין אונטערשיד, אַמעריקע האָט בערג מיט „טאָמייטאָס". די איבעריקע — בערג מיט שטאַרקע מוסקולן צום פאַרקויפן און פלייצעס צום טראָגן.

אונזער פירער, פאַרשלאָפן, דערקלערט אונז די בילדער אויף די ווענט.

אין אַלטע אַמעריקאַנערין, פון וועלכער עס שמעקט דער שוויס פּאָר אַ מייל, שמייכלט צום פירער און רוקט זיך צו אים אַלץ נענטער און נענטער, און ער, אַזוי ווי ער וואָלט זי געקענט, אַנט־לויפט פון איר, רוקט זיך פון איר אַלץ ווייטער און ווייטער.

דאָס צימער פון קאָנסערווירטע בעבלעך מיט חזיר. ווער האָט

דאָס נישט געגעסן און ווער האָט נישט געזען אָט די גרויסע אַדווערטייזמענטס?!

אַ גערודער. אַ מאָדנער גערודער. דאָס איז נישט דער שאַר־פער גערודער פון אַ מאַשין, וואָס איז אין פולן שוונג, דאָס איז נישט דער גערודער פון די גרויסע האַמערס, וואָס איך האָב שפּע־טער געזען, אַפילו אויך נישט דער שאַרף־פאַרזשאַווערטער גערו־דער פון די פּיילן, וואָס האָבן געפּיילט אייזן אין די גרויסע אייזן־פאַבריקן. דאָס איז געווען אַ גערודער, וואָס האָט דיך גלייך גע־צוואונגען זיך אָפּצושטעלן און אַזוי ווי איבערכאַפּן דעם אָטעם. אַ גערודער, געמישט מיט אַ שאַרפן פעטן ריח.

מען עפנט אַ טיר. דער גערודער פלוצלינג אָפּגעריסן. ביים טיר — אַ הילצערנער צוים. ווייסע קעסטלעך, בלעכענע, פאַלן, ציען זיך פון דער סטעליע, איינע איבער דער צווייטער שיינען אָפּ מיט אַ שאַרפן, ווייסן גלאַנץ אויף די טונקעלע רימענס, וואָס שלעפּן זיי, שלעפּן אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער. איך האָב געמאַכט אַ פּאָר טריט, ווי פאַרביישופט, צום רימען. דער פירער האָט מיך פאַרהאַלטן...

— ווערסט נאָך אַריינפאַלן אין רימען.

קעסטעלעך, בלעכענע, ווייסע, מיט אַ טויטן, שאַרף־פאַר־שפּיצטן גלאַנץ, רוקן זיך, איינער נאָך דער צווייטער, ליידיקע, ליגנדיק אויפן זייט, גלייכן זיך אויס, ביז זיי קומען צו אַן אָפּע־נער רער, וואָס גיסט אין זיי אַריין אַזאַ פליסיקייט; ווייטער אַביסל די געקאָכטע בעבלעך, ווייטער אַביסל אַ שטיקל חזיר, און אַרום — פּנימער, יונגע, אַלטע, גאָר יונגע, גאָר אַלטע. ווער מיט פאַר־בונדענע קעפּ, ווער מיט פאַרבונדענע פינגער, באַוועגן זיך מעכאַ־ניש, ווי אויטאָמאַטן, וואָס זענען אָנגעדרייט, אָנגעשטעלט, אַז אַזויפיל און אַזויפיל באַוועגונגען אין אַזויפיל און אַזויפיל צייט זאָלן זיי מאַכן. אויטאָמאַטן מיט טיף־איינגעפאַלענע אויגן, שפּי־ציקע קין־באַקן, צונויפגעפּרעסטע ליפּן.

איינגעבויגענע פון עלטער, נעזער פאַרשפּיצטע און אויגן אויסגעלאָשענע, הענט ביינערדיקע, וואָס ציטערן און קענען שוין נישט איינהאַלטן זיך אויף איין אָרט.

אויטאָמאַטן. קינדערישע אויגעלעך מיט אַ פיבערישן פייערל.

יונגינקע פנימלעך, וואָס קוקן אויף דיר מיט אַ פּאַרוואורף, הענט־לעך לויפנדיקע, בלייבע אָן אַ טראָפּן בלוט.

יעדע ווילע אַ שטילער אויסגעשריי, ווי אַ געוויין. אַ קללה, וואָס ווערט דערטרונקען אין טרערן. הייס זענען די קעסטלעך און הענטלעך ברענען זיך אָפּ.

וויפיל פּאַרדינען זיי? מען קען נישט דערגיין. אַרבעטן פון שטונדע. אַרבעטן פון שטיק, פאַרשידן זענען די פאָרמען פון פאַרדינסטן, דער גרעסטער עקספּערט וואָלט זיך נישט געקענט פאַנאַנדערקלייבן. אײנס ווייסט מען, דאָס העכסטע איז 20 דאָל. אַ וואָך פאַר די פרוען; די קלענסטע צען און צוועלף דאָלאַר אַ וואָך.

דער פירער גייט פאָרויס, מיר גייען נאָך. ער לאָזט אונז זיך נישט אָפּשטעלן. עס ווילט זיך אַ פרעג טאָן די פרויען, מען קען נישט.. זיי קוקן נאָך דעם פירער מיט אַ צאַרנדיקער מורא, און שקלאַפעריש שמייכלען זיי צו אים. מיר לעבן נישט פאַר זיי.

דער פירער איז אין דער אייגענער צייט אויך אַ שפּיאָן. ווער ווייס, וואָס ער קען נאָך איבערדערציילן דאָרט אין אָפיס וועגן זיי, וואָס אַרבעטן דאָ? מען האָט מורא.

מיר גייען ווייטער. מען פּאַקט די קעסטעלעך. גרויסע אויוונס, וו מען מאַכט דעם „בייקאָן”, די „העם”, די פאַרשי־דענע ווורשטלעך, לאָקשן. אַ צימער — טאַק־טאַק־טאַק ווי דאָס קלאַפּן פון זייגער.

אַ טויטע שטילקייט, אַ שווער אָטעמען, מען קען נישט ווייסן פון וועמען, צי פון די, וואָס אַרבעטן אָדער פון אַ מחנה פאַר־מאַטערטע פערד, וואָס שלעפּן אַ משא באַרג אַרויף.

לאַנגע טישן. פרויען פון פאַרשידענעם עלטער, גלעזערנע פלעשעלעך, אָנגעוואָרפענע פאַרשידענע געזייערטע פּרוכטן: אור־גערקעס, אָליוום, שטיקלעך קרויט, מייערן, און נאָך און נאָך. בלייבע אויסגעצויגענע מענטשלעכע קערפּערס. ווען נישט דאָס מאַכן מיט דער רעכטער האַנט און דרייען מיט די פלעשעלעך מיט דער לינקער, וואָלט מען געקענט מיינען — מתים.

מען פּאַקט אין די פלעשעלעך די געזייערטע פּרוכטן. אויס־געלייגט, עס זאָל פאַרנעמען דאָס אויג. דער עסיג עסט די הענט,

פארגייט אין די לונגען, בייסט אין די נאַזלעכער, און די רעכטע האַנט מיט די צוויי שטעקעלעך הויבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ, פילט אָן דאָס פלעשל.

איך האָב געקוקט אויפן זייגער. צוויי מינוט אָנגעפילט אַ פלעשל.

צום פירער:

— וויפיל צאָלט מען דאָ פאַר אַ פלעשל?

אָפּגעקערט זיך, נישט געוואָלט ענטפערן.

— וויפיל פאַרדינען זיי אַ וואָך?

אָפּגעקערט זיך, נישט געוואָלט ענטפערן.

ווייזט אויס, דער פאַרדינסט איז אַזאַ קלאָגלעכער, אַז מען שעמט זיך צו זאָגן.

מען פירט אונז פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער. ריין, שיין, ציכטיק. דאָס אויג קוועלט פון די ווייסע פאַרטיכער, וואָס שטרייכן נאָך מער אונטער דעם אויסגעלאָשענעם גלאַנץ אין די פרויען־אויגן און בלייכקייט פון די מידלישע געזיכטער.

דו גייסט און עס ווערט דיר דערווידער. עס ווערט דיר פאַר־דראָסיק, און פרעגסט בעסדיק דעם פירער:

— איז די גאַנצע פאַבריק אַזאַ ווייסע?

ענטפערט נישט און טוט בלויז אַ שמייכל. עס זענען דאָ שמוציקע ערטער, וווּ מענטשן ווערן דערשטיקט פון דער שווערער לופט. וווּ מענטשן ווערן פאַרשוואַרצט, נאָר דאָרט ווייזט מען נישט, אַהין פירט מען נישט. מיר האַלטן שוין ביים ענדיקן.

אַ שמאָלער דורכגאַנג. אַ ריין ווייס צימערל. זיצט איינע, וואָס פוצט די נעגל און אַן אַרבעטערין קעגן איר, אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז זיי קוקן זיך אויף אונז נישט אַרום. און דער פירער דערקלערט:

— יעדע, וואָס באַהאַנדלט עס־זאַכן, מוז האָבן געריייניקטע נעגל.

— וויפיל פרויען אַרבעטן?

— אַריבער טויזנט.

— וויפיל אַ טאָג קען מאַכן אָט די איין איינציקע נעגל־רייניקערין?

ענטפערט נישט דער פירער און ווארפט אויף מיר א בעסדיקן בליק.

מען פירט אונז אריין אין דעם גרויסן אודיטאריום. מוראווס. ווייטער דאס אייגענע, וואס אין אנהויב. פון דארטן פירט מען אין עס צימער, וווּ מען גיט פארזוכען אין קליינינקע שאלן פון דעם אלעם, וואס מיר האבן דא געזען.

עס קריכט נישט אין האלז. מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז די קליינע קינדער, יונגע מיידלעך און אלטע פרויען ווארפן מיר אויף:

—אונזער שוויים און בלוט עסטו.

קוים זיך ארויסגעריסן. און ביים ארויסגאנג, נישט ווילנדיק זיך פארהאלטן קעגן א גרויסן אויסגעבויגענעם שפיגל, וואס האט מיך געמאכט קורץ, גראב, אנגעפרעסן און פעט.

ווער זענען די ארבעטער און וואס פארדינען זיי?

פרעמד־געבוירענע. זיי וווינען אין די קאמפאני־הייזער, הילצערנע באראקן, אן וואסער, אן באלייכטונג, אפילו אן פלאמ־בינג. גאנצע פאמיליעס. מען צאלט צו 20 דאלאר א מאנאט פאר אזא ארט פון פיר רומס. מען פארדינט פון 40 סענט א שטונדע ביז 25 סענט א שטונדע, דאס לעצטע די מיידלעך און פרויען. מען ארבעט ניין שעה א טאג. ווען מען צעברענט זיך פון די הייסע קעגס, צאלט מען נישט.

ארבעטער פרעמדע. מוז מען זיי מאכן פאר אייגענע, פאר אמעריקאנער. די פאבריק נעמט אויף זיך די אויפגאבע אויף א גאנץ אריגינעלן אופן. איין מאל א חודש האלט מען פאר זיי לעקציעס אין דעם גרויסן אודיטאריום. וועגן וואס? וועגן דער גרויסקייט פון דעם באלעבאס. ווען נישט ער, וואלט נישט געווען קיין ארבעט און די ארבעטער דארפן אים דאנקבאר זיין.

די לעקציעס קומען פאר נאך מיטאג־צייט, ווען די ארבעטער דארפן זיך אפרוען. און ווען די ארבעטער ווילן נישט ארויפגיין, איז שוין דא די פאלים, וואס זעט, אז די ארבעטער זאלן גיין צו די לעקציעס.

דאָס אַלץ האָבן מיר שוין דערציילט אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע איך האָב געזען נאָך דער אַרבעט.

אין עדיסאָנס מלוכה

איסט פּיטסבורג. איך גיי זען די וועסטינגהויז עלעקטריק קאָמפּאַני.

אַ פּאָר ציפערן:

די וועסטינגהויז עלעקטריק קאָמפּאַני איז געגרינדעט געוואָרן פון איינעם דזשאָרדזש וועסטינגהויז אין יאָר 1886 מיט 200 אַרבעטער און אַנגעשטעלטע. אין 1925 האָט שוין די קאָמפּאַני געהאַט פיר־און־צוואַנציק אָפּטיילונגען אין פיר־און־צוואַנציק שטעט, מיט איבער 50,000 אַרבעטער און אַנגעשטעלטע, וועמען זיי האָבן אויסגעצאָלט יעדן חודש איבער פיר מיט אַ פערטל מיליאָן דאָלאַר.

די קאָמפּאַני מאַכט פאַרשידענע עלעקטרישע זאַכן, אָנהויבנ־דיק פון אַ פרויען האָר־נאָדל און ענדיקנדיק מיט גרויסע לאָקאָ־מאָטיוון, וואָס וועגן איבער זעקס הונדערט טאָן. זי פאַרקויפט יעדן חודש סחורה פאַר איבער 12.500.000 דאָלאַר אָדער אַרום צוויי־און־זעכציק וואַגאָנעס סחורה אַ טאָג.

די חברים האָבן מיר אָנגעזאָגט, אַז מען וועט מיך נישט אַריינלאָזן. מיר וועלן זען. אינדערפרי בין איך צוגעקומען צו דער פאַבריק. ביים טויער אַ פּאָליסמאַן, אַ ספּעשל פּאָליסמאַן, מיט אַ בעדזש, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון די באַלעבאַטים. דער פּאָליסמאַן האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָ איז נישט געפערלעך. אַן אַלטיטשקער, אַרום אַ יאָר 65, האָט ער מיר העפלעך אָנגעוויזן צו אַ טיר, איך בין אריין.

אַ צימער, אַ לאַנגער, נישט קיין ברייטער; אַ טיש איינמיטן, מיט בענקלעך, צוגעדעקט מיט אַ גלאָז און אונטערן גלאָז אָנזיכטס־קאַרטלעך פון די פאַרשידענע אַרבעטן, וואָס מען מאַכט דאָרט און אַ גרויסער אָנשריפט: „נעמט יעדער פריי אַן אָנדע־נ־קונג". איך האָב געוואָלט נעמען פריי ווי אַן אָנדענק, האָב איך

ניִשט געפֿונען. די קאַרטלעך זענען געווען פֿאַרשלאָסן אין אַ שאַפֿ־קע.

אויף די ווענט בילדער פֿון פֿאַרשיידענע מאַשינען, און פֿון דעם גרינדער פֿון דער קאָמפּאַניע. מען האָט זיך מיר ניִשט גע־לאָזט לאַנג אַריינטראַכטן. ביי דער זייט פֿון אַ שרייב־טיש, פֿאַר־וואָרפֿן מיט פּאַפּירן, האָט מיך אָפּגערופֿן אַ שטימע:

— וואָס קען איך טאָן פֿאַר אייך?

איך האָב זיך אומגעקוקט. פֿריער ניִשט באַמערקט. אַן על־טערער מענטש, מיט אַ צען יאָר ייִנגער פֿון דעם פּאָליסמאַן ביים טיר, האָט צו מיר אַרויפֿגעקוקט מיט אַ פֿראַגע. איך האָב אים דערקלערט.

— איך בין פֿון דער איסט. אַ שרייבער. איך לערן איצט די אינדוסטריעלע באַדינגונגען אין לאַנד און אויף מיין וועג אין דער וועסט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין פּיטסבורג און וויל באַקוקן די פֿאַבריק.

דער אַלטיטשקער האָט מיך לאַנג אָנגעקוקט און האָט אויס־געזערדט:

— איר וועט אונז מוזן פֿריער וויזן, וואָס איר שרייבט, איי־דער איר גיט דאָס אַריין אין דרוק.

איך האָב אַ שמייכל געטאָן.

— האָט די פֿאַבריק אַ צענזור איבער אַלץ, וואָס עס ווערט געשריבן וועגן איר?

דער אַלטער איז אַביסל צעמישט געוואָרן און האָט אָנגע־הויבן שטאַמלען:

— איר זעט, דאָס זענען אונזערע „רולס און רעגולייִשאַנס”.

איך ווייטער:

— האָט די פֿירונג פֿון דער פֿאַבריק עפּעס צו באַהאַלטן פֿון דעם עולם וועגן אירע פֿירונגען און געשעפֿטן?

— ניין. גאָט איז מיט אייך. וואָס רעדט איר. מיר האָבן גאָרניִשט צו באַהאַלטן. פֿאַרקערט, נאָר איר ווייסט דאָך, ווי עס איז מיט צייטונגס־לייט.

איך האָב אים איבערגעשלאָגן:

— איך בין ניִשט קיין פּראָפֿעסיאָנעלער זשורנאַליסט. איך

שרייב ביכער און קורצע דערציילונגען. מיין הויפּט־צוועק איז „יומאַן אינטערעסט״, פאַרשטייט זיך, איך זאָג אייך נישט צו, אַז איך וועל וועגן דעם נישט שרייבן אין די צייטונגען.

דער אַלטער האָט מיך מאָדנע שאַרף אָנגעקוקט און האָט אַנגעקלונגען אין אַ גלעקל. עס איז אַריינגעקומען אַ יונגער בחור פון אַ יאָר עטלעכע־און־צוואַנציק.

דער אַלטער צום בחור:

— ווי איז אייער נאָמען?

דער בחור זאָגט זיין נאָמען.

— ווי אַלט?

דער בחור גיט זיין עלטער.

— ווו האָט איר זיך געלערנט?

— געענדיקט מיזורי קאַלעדזש.

— ווי לאַנג זענט איר מיט אונז?

— אַכט מאָנאַטן.

דער אַלטער ווייזט אָן אויף מיר:

— דאָס איז אַ שרייבער. פירט אים אין די און די נומערן, זעט, גיט אַכטונג. ער וועט נאָך אייך באַשרייבן. — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל און מיר זענען אַוועקגעגאַנגען.

נישט געריכט זיך, אַז עס זאָל מיר אַזוי גרינג אָנקומען.

דורכן הויף גייען מיר אַריין אין אַ גרויסער און לאַנגער געביידע. אַ געביידע, וואָס איז מער ענלעך צו אַן אָרט, ווו מען האַלט עראָפּלאַנען, איידער ווו עס אַרבעטן מענטשן — אַזוי לאַנג, ברייט און הויך איז דאָס. אויף אַ באַלקאָן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. דער וועג־ווייזער האָט צו מיר עפּעס גערעדט, נאָר איך האָב נישט געהערט.

אַ שניידנדער שטורם, אַ ווירוואַר פון קולות, פייפן; עס בלאָזט אַ ווינט, עס טרומפּייטערט אַ האָרן, און ווי אַ דינער שניט פון אַ דינער סטרונע אין דער לופט הערט זיך אַ „שווישטש״. עס דונערט. דו קענסט נישט ווייסן, וואָס עס דונערט. צי ערגעץ דאָרט איבער דעם צעלעכערטן דאַך אָדער דאָס איז גאָר אַן ערד־ציטערניש.

— וואָס מאַכט מען דאָ אין דער אָפּטיילונג?

— דאָ זענען צוויי אָפּטיילונגען. אין דער רעכטס־צו מאַכט מען די גרויסע קעסלען און לאָקאָמאָטיוון, אין דער לינקס־צו מאַכט מען די פאַרשידענע טיילן צו די עלעקטרישע מאַשינען.

מיר זענען אַראָפּ אונטן. אומעטום אָנשריפטן „היט זיך, פאָרזיכטיק צום ערשטן". דאָס איז געווען אָן אָנזאָג. דאָס איז געווען דער אַריינפיר. אַזוי ווי אין דאַנטעס גהינום.

— טרעפט דאָ אָפט אומגליק־צופאַלן?

— מע, — האָט ער אַ בורטשע געטאָן, — די אַרבעטער זענען זייער נישט פאָרזיכטיק.

איך האָב אים אָנגעקוקט. אָן חשק האָט ער גערעדט מיט מיר און געווען אויך ווייטער מיט מיר רעדן נאָר דאָס, וואָס איך האָב אים געפרעגט, ווי עס ווייזט אויס האָט ער פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט ווי עס דאַרף צו זיין דעם אָנזאָג פון אַלטיטשקן וועגן מיין שרייבן. איך האָב באַשלאָסן וואָס ווייניקער צו פרעגן.

אין דער אָפּטיילונג ווערט מען אָפּ פאָדים אויף דראָט פאַר די עלעקטרישע טיילן. דאָס איז דער „איזאָלירונגס"־פאָדים. עס אַרבעטן דאָ אויסשליסלעך פרויען.

פרויען, קינדער, יונגע, אַלטע און עלטערע אַרבעטן האַסטיק, מיט אימפעט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ ווײַלע. נישט אָפּקערנדיק אַפילו אָן אויג צו אונז. די מאַשינען דרייען זיך. דער פאָדים קייקלט זיך איבער גראָבע דראָטן, וואָס מען ציט אָן אויף סלופּעס. איין מיידל אויף צוויי מאַשינען, איין מיידל אַפילו אויף דריי מאַשינען. די הענט פליען פלינק, די קעפּ אַביסל אָנגעבויגן, די פיס פליען איבער צו די אונטערהאַלטערס פון אונטן, צו די „רעגולאַטאָרס" פון די מאַשינען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַזוי, ווי די אַלע, אָט די הונדערטער פרויען, זענען אַלע באַהערשט פון דעם טאַנץ פון דעם „הייליקן וויטאָס".

מיט אַ צוים זענען די מיידלעך אָפּגעטיילט פון די איבעריקע. נאָר מיט קיין צוים זענען די מיידלעך נישט אָפּגעטיילט פון די מאַשינען, און ווען אַ מאַשין כאַפּט אַריין אַ מיידלשע קליידל, אַ מיידלשע האַנט? און ווי טוען זיי ווען דער דינער דראָט עסט זיך איין אין זייערע יונגע, פלינקע פינגער?

אַ מאַן פאַרדינט דאָרט ביז 45 סענט אַ שטונדע. אַ פרוי

העכסטנס 30 סענט אַ שטונדע. נאָר איינציקע אויסגעקליבענע פון די פרויען האָבן מער. זיי אַרבעטן פון זיבן אינדערפרי ביז עלף־דרייסיק, דאַן פון צוועלף־פופצן ביז פיר־דרייסיק. די פרויען אַר־בעטן 44 שעה אַ וואָך, די מענער מער. איינציקע אַרבעטן אַפילו די גאַנצע זיבן טעג אין וואָך.

די דאָזיקע פאַבריק, ווי אַלע פאַבריקן, שניידט די שכירות פון די אַרבעטער אומברחמנותדיק, נאָר אויף אַ גאַנץ אָריגינעלן אופן.

אין דער קאָמפּאַני עקזיסטירט דאָס, וואָס הייסט „סטענדאַרד פּעי“, דאָס הייסט, יעדער אַרבעט פון שטיק, פון באַנדל, און אַט ווי אַזוי. דער פרוי אָדער דעם מאַן גיט מען אַרויס אַ באַנדל אַרבעט אויף וועלכן עס שטייט אָנגעשריבן, אַז מען דאַרף דאָס מאַכן אין אַזוי און אַזוי פיל שעה. מאַכט דאָס דער אַרבעטער אין דער צייט, האָט ער זיינס, לויט דער שעה. מאַכט ער דאָס אין מער צייט, ווערט ער באַשטראָפט אָדער אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן פון דער פאַבריק. מאַכט ער דאָס פריער פאַר דער אָנגעשריבענער צייט קריגט ער גלייך אַנדערע אַרבעט און צו דעם נאָך אַ קליינעם באַנוס. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אַרבעטער יאָגן פון זיך אַרויס די נשמה, כדי צו מאַכן אין וואָס ווייניקער צייט און קריגן דעם באָנוס און אַ נייעם באַנדל. הויפּטזעכלעך די פרויען, — אַזוי האָבן זיך די אַרבעטער באַקלאָגט.

די פרוי גייט אַריין אַרבעטן מיט איין געדאַנק, וואָס שנעלער חתונה צו האָבן, און ביז דאַן אַריינכאַפּן וואָס מער אַרבעט. קומט צו דער אַרבעט מיט אַ האַלבע שעה פריער און גייט אַוועק שפּעטער. אַפילו מיטאָג האָט מען נישט מער ווי אַ האַלבע שעה אָדער אַנדערע נאָך ווייניקער. וויפיל אַרבעט מען אויס מיט דעם אימפּעט? נישט זייער פיל. אויב דאָס מיידל האָט פאַרדינט צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך, איז דאָס זייער און זייער פיל.

פון דעם „ספּיד אַפּ“ האָט די קאָמפּאַני אַלץ און די אַרבעטער פאַרלירן יעדן טאָג אין זייערע שכירות. און וואָס שנעלער אַן אַרבעטער אַרבעט, און וואָס מער ער פאַרדינט, אַזוי פאַרלירט

ער אויף דער צווייטער אָדער דריטער אָדער פינפטער וואָך אַלץ מער און מער. ווי אַזוי?

אַלע שעהן, אין וויפיל מען דאַרף מאַכן דעם באָנדל, או. אַלע פּרייזן זענען אויסגערעכנט געוואָרן פון עקספּערטן. זייער אַ גרויסער סטעף האַלט די פאַבריק. ווי אַזוי טוט זי דאָס? ווען זי גיט אַרויס אַן אַרבעט, מאַכט זי די ערשטע צייט אַ גרעסערן פּרייז און מער שטונדן. דער אַרבעטער יאָגט פון זיך אַרויס די נשמה, און ביי חער זייט שטייט אַן עקספּערט מיט אַ זייגער אין האַנט און רעכנט אים, אין וויפיל צייט ער האָט דאָס געמאַכט. דערנאָך, געווייַנטלעך, פאַרגרעסערט מען דעם אַרבעטער דעם באָנדל אָדער מען פאַרקלענערט אים די שטונדן. כדי נישט אויפצורייסן דעם אַרבעטער די אויגן, פירט מען אים אַריבער אין אַן אַנדער דעפּאַרטמענט.

נאָך ערגער ווערט זיך באַגאַנגען מיט די אַלטע אַרבעטער.

די אַלטע אַרבעטער פאַרדינען זייער גוט. אין דורכשניט האָבן די אַלטע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן שוין ביז צוואַנציק יאָר, אַרום 75 סענט אַ שטונדע, די אַדמיניסטראַציע קען דאָס נישט פאַרטראָגן. אויך זענען די אַלטע אַרבעטער פאַרמאַגס און אויפזעער, וואָס פאַרדינען נישט שלעכט. וואָס טוט די אַדמיניסטראַציע?

פירט זי זיי איבער פון איין דעפּאַרטמענט אין אַ צווייטן, פון איין אַרבעט אויף דער צווייטער, און אַזוי אַרום דערפירט מען זיי ביז דעם איצטיקן סטאַנדאַרד פון צאָלן. ווילסטו נישט אַרבעטן קענסטו גיין. אַזעלכע פאַלן האָט מען מיר דערציילט זייער פיל.

אָרגאַניזירט? אין אַ קאָמפּאַני־יוניאָן. און וואָס אַ קאָמפּאַני־יוניאָן איז, דאַרף איך דאָ נישט דערציילן.

מיר גייען פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער. וואָס איך פרעג דעם וועג־ווייזער, ענטפערט ער האַלבע ווערטער, אויסגעהאַקטע פראַזן, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן פון מיר וואָס שנעלער פּטור ווערן. מיר גייען נישט, נאָר מיר פליען איבער די אָפּטיילונגען, וואָס שווינדלען פאַר די אויגן; נאָר דאָ זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין דער אָפּטיילונג, וווּ מען מאַכט די גרויסע דזשענירייטאָרס. אט

די גרויסע שטיקער קעסלען און לאָקאָמאָטיוון. דאָ האָב איך זיך שוין פאַרהאַלטן. נישט געוואָלט לויפן. געשטאַנען.

אייזערנע באַלקענס, ווי אַ נעץ איבערן קאָפּ. עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי אַן אָפּגעשטאַרבענער וואַלד פון גרויסע באַשעפענישן, וואָס האָבן צעשפּרייט זייערע פיס אין אַ מעכטיקן שווונג. זיי ליגן די באַלקענס, אומבאַוועגלעך, נאָר אין זייער ליגן פילט זיך אַ געוואַלטיקע קראַפט, אַ שטילע מוראַדיקע, וואָס וואַרט נאָר אויף דעם ערשטן שטויס זיך אויפצוכאַפּן. די הויבמאַשין ציט זיך מיט אַ שטילן זשומען, און די לאַנגע קייט באַמבעלט זיך אַהין און צוריק, אַזוי ווי זי איז גרייט אַריינצוכאַפּן יעדן און אַלץ, וואָס עס טרעפט זיך אין איר וועג, אַפילו אָט דאָס ביסעלע מענטשן, וואָס זענען מער ענלעך צו פליגן, און וועלכע קערן זיך אָפּ, אַנטלויפן יעדעס מאָל, ווען זיי זעען זי פאַרבייגיין אין איר טויטלעך־רואיקן שווונג.

אַ לאַנג, גרויס קיילעכדיק שטיק שטאָל: פון איין זייט ווי אַ גרויסע פלאַש, פון דער צווייטער זייט דינער. דורכגעלעכערט אין איר גאַנצער לענג האָט זי זיך רואיק, געלאָסן, ווי אַן אָנקומענדיקע כמאַרע אין אַ שטורעמדיקן פאַרנאַכט, געטראָגן מיט אַן איינגעהאַלטענעם כח אין דער לופט. עס האָט זיך נישט געוויגט, נאָר איז שטייף געלעגן, אַרומגעוויקלט אין קייטן פון דער הויב־מאַשין, וועדנדיק אונטערגעהאַלטן בלויז פון צוויי מענטשן.

— וויפיל וועגט דאָס?

— אַריבער 30,000 פונט.

אַזוי ווי אַ גרויסער וואַל־פיש איז דאָס געלעגן אומבאַוועגלעך, ווען מען האָט דאָס צוגעטראָגן צו דער דריי־באַנק און זי דאָרט אויסגעצויגן. אין דעם גרויסן שטיק אייזן האָט מען געדאַרפט אויסבויערן אַ פּאָר קאַנאַלן, און אַריינפּאַסן די דראָטן, וואָס גיבן איבער די עלעקטרישע קראַפט.

אַזוי ווי אין דעם ערפורכטיקן מורא פאַר אָט דער גרויסער בלינדער קראַפט פון דעם שטיק אייזן האָבן די מענטשן, וואָס האָבן אַרום דעם געאַרבעט, ערשט צווישן זיך און אויך מיט סימנים אָנגעוויזן צו דעם פירער פון הויב־מאַשין ווי אַזוי און וווּ זי איינצושטעלן. קליין און נישטיק האָבן זיי אויסגעזען קעגן אָט

דעם גרויסן שטיק שטאָל, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן דרייען. שטיל, רואיק מיט אַ מוראדיקער געלאַסנקייט. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען קען ציילן יעדער מינדסטן דריי, יעדן אינטוש פון איר באַוועגונג.

זס־זס־זס — האָט זיך דערהערט אַ שטילער גערויש, דער שנייד־אייזן האָט זיך אָנגעהויבן איינעסן אין דעם גרויסן שטאָלענעם קערפּער און האָט אָנגעהויבן איבערלאָזן סמנים, פריער העלערע, אַזוי ווי אַ קראַצן פון אַ מעסער.

דאָס שטילע זשומען האָט זיך אַלץ אייגגענעסענער געהערט און געשניטן אַלץ טיפער, ביז מען האָט שוין געקענט זען טיפע איינשניטן און באַלד טאַקע האָט מען דערזען דעם דורכגעשניטענעם קערפּער. איין אַלטער מענטשל איז געשטאַנען מיט אַן אייזערנע קאַטשערע און אָפּגעשאַרט די אָפּגעשיילטע שטאָלענע סטרוזשקעס פון דעם קערפּער.

דער וועג־ווייזער האָט אומגעדולדיק געקוקט אויפן זייגער און מיר געלאָזט וויסן, אַז באַלד איז שוין מיטאָג און מיר וועלן קיינעם נישט קענען זען. אַלע וועלן אַרויסגיין. דאָך וויל ער מיר ווייזן ווו מען מאַכט די גרויסע קעסלען. איך בין אים נאָכגעלאָפן, נאָר נישט ווילנדיק האָב איך זיך פאַרהאַלטן און געבליבן שטיין. איך האָב שוין נישט געהערט, וואָס דער וועג־ווייזער האָט צו מיר גערעדט. איך בין געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער.

גראָב און קיילעכדיק, ווי אַ „טענק" אין וועלכן מען האַלט אָנגעשריבן אויף אים 53,000. איך ווייס נישט וואָס, — וואָלטס, אָדער פונטן. איך האָב נישט געפרעגט. אָט די גרויסע פאַס, אַ פאַרזשאַווערטע, ערטערווייז טונקל און שמוציק מיט דורכגעבראָכענע קליינע, שמאָלע, פענסטערלעך, האָט אויסגעזען אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַן אייזערנער צימער. איך געדענק, אַז אַמאָל, אין די קינדערישע יאָרן, ווען מען האָט מיר דערציילט וועגן די צימערן אין דעם שליסעלבורגער פעסטונג, האָבן זיך מיר אַזוי פאַרגעשטעלט די צימערן פון די פאַרשלאָסענע דאָרטן.

דער גרויסער פאַס האָט זיך געדרייט אויף אַזאַ גרויסער, שטאָלענער, קיילעכדיקער ברעט, זיך געדרייט, פּאַמעלעך אַזוי, אַז זי האָט נישט ווילנדיק מיטגעצויגן מיט זיך. אַזאַ ציאונגס־קראַפט

האָט געהאַט אַ דאָס קוים־באַמערקבאַרער דרייען זיך. איך האָב אַריינגעקוקט אין איינער פון די פענסטער־לעכער און אויף מיר האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גלאַנצנדיקע אויגן, וואָס האָבן מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ אויף מיר אַ קוק געטאָן און זיך ווייטער געדרייט.

עס איז געווען אַ מאָדנער אָפּגלאַנץ. עס איז אין אים געווען דער שרעק פון אַ פאַריאָגטער חיה. דער אויסגעשריי פון פויגל אין נעץ, דער ווילדער יאָמער פון דעם וואָלף אין דער ווינטערדיקער נאַכט. איך האָב זיך אָפּגעוואָרפן און געריבן די אויגן, נישט גלייבנדיק זיך אַליין.

איך האָב זיך ווייטער צוגעקוקט: אַ פענסטערל נאָך אַ פענסטערל האָט זיך געדרייט פאַר מיינע אויגן און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַן אייביקייט איז דורכגעגאַנגען.

איך האָב זיך נישט געקענט אָפּרייסן מיט די אויגן.

אַ הויכער רעוון האָט אַ הילך געטאָן. דאָס דרייען האָט זיך אָפּגעשטעלט און פון דאָרטן איז אַרויסגעגאַנגען אַן עלטערער אַר־בעטער אין אָוועראָלס. ער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט און איז געלאָפן צו זיין „לאָנטש".

דער אייזן ווערט געריייניקט פון איינעווייניק מיט אַזאַ עלעק־טרישן קראַצער און פיל טעג שטייט דאָרט דער אַרבעטער און דרייט זיך מיט דער אייזערנער פאַס, וואָס זעט אויס, ווי אַן איי־זערנער שטייג.

— דער מענטש אין דער אייזערנער שטייג, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַרויסגייענדיק מיט די פיל אַרבעטער. וואָס האָבן אויסגעזען פונקט אַזוי ווי יענער, וואָס איז פון דער שטייג אַרויס־געקראָכן.

— ווען וועלן זיי שוין דורכברעכן אַט די שטייג — בין איך געגאַנגען מיטן שטראָם. איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן, צו רעדן מיט די אַרבעטער, נאָר דער וועג־ווייזער האָט מיך נישט גע־לאָזט. ער האָט מיך געאיילט צום אָפיס, וווּ דער אַלטיטשקער האָט געוואַרט אויף מיר. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער אָנגעזאָגט ער זאָל מיך צוריקברענגען.

— ווי געפעלט אייך? — איז געווען זיין פראַגע.

— זייער.

ער האָט זיך געכאַפּט פאַרן זייגער.

— עס איז לאַנטש.

און פאַרן ארויסגיין האָט ער מיר אָנגעזאָגט:

— איר זאָלט אונז צושיקן, וואָס איר וועט שרייבן.

איך בין שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

דער מענטש אין דער אייזערנער שטייג — האָב איך באַקוקט די גרויסע פאַבריק־געבײַדעס פון דרויסן, מיט הונדערטער מענטשן, וואָס זענען געזעסן פאַר די פענסטער, הינטער די פענסטער, און געהודזשעט אין די ביליקע רעסטאָראַנען אַרום דער פאַבריק.

ווען וועט די אייזערנע שטייג צעבראָכן ווערן?

פּיטסבורגער מערקווירדיקייטן

אַ בערגל אַ פלאַך, אַרומגערינגלט מיט ביימער. אינמיטן ליידיק; נאָר צוויי שורות אויטאָמאָבילן שטייען אויסגעשטעלט אין אַ קײַלעכדיקן ראָד. אויטאָמאָבילן שוואַרצע, אין דרויסן איז טונקל; עס ברענט נישט קיין ליכט, די אויטאָמאָבילן זענען פול מיט פאַרלעך. די פענסטער און שויבן פאַרהאַנגען. דאָ מעג מען.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט. דער הימל פון אויבן איז טונקל, נאָר עס לייכט איין גרויסער, ליכטיקער שטערן. קען זיין, אַז דאָס איז די ווענוראַ, די געטין פון ליבע. איך ווייס נישט אויב מען זעט זי ערגעץ אַנדערש אין פּיטסבורג. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען זעט זי יאָ אין אַ פּאָר גאַסן, נאָר יענע גאַסן האָט מען מיר נישט געוויזן.

פון אונטן ווייט און ברייט צעשפּרייט און צעשאָטן פייערלעך. אין איין זייט איבער אַ טונקלקייט פליען צוויי פייערדיקע טויבן, איינע קעגן דער צווייטער, דערנענטערן זיך און פאַרשווינדן אין אַ נעסט. עס ווערט פינסטער. מען זעט נישט, וואָס אין נעסט קומט פאָר. אין אַ ווײַלע אַרום פליען ווייטער די טויבן און ווייטער פאַרשווינדן אין דער נעסט. דאָרט מעג מען אויך.

די נאַכט איז דאָ זייער פינסטער, שטאַק פינסטער. סיי פון די טונקעלע אויטאָמאָבילן, סיי פון די הויכע ביימער. פון דער פינסטערניש פון אַן אויטאָמאָביל דערהערט זיך אַ קוויטשעדיקער

אויסלאַך, אַ קרעכץ. אין אַ זייט האָט מען אָנגעצונדן אַ שוועבעלע. דורך די אַראָפּגעלאָזטע פאַרהאַנגלעך האָט זי אַזוי ווי געציטערט און איז גלייך פאַרלאָשן געוואָרן. עס איז ווייטער שטיל.

איך האָב געבעטן די חברים פאָרן. נישט געקענט מער שטיין. ווער ווייס, וואָס עס האָט מיך געטריבן. קנאה, צו די, וואָס זיצן דאָרטן, אָדער דאָס איז געווען דער פאַרגלייך מיט די פאַרשטענדיק־שטראָמענדע טייבעלעך פון דער אַדוואַרטייזמענט איבער דער הויכער געביידע און די פינסטערע אויטאָמאָבילן. אַ מאָדנע בענקשאַפט.

— וווּהין זאָלן מיר איצט פאָרן?

— וווּהין איר ווילט.

פאָרן מיר.

דערקלערט מיר דער פירער אַביסל שפּעטער:

— אָט דאָס איז דער אַרבעטער־קוואַרטאַל.

איך האָב אַרויסגעקוקט. וואָס האָב איך געזען?

איינצלנע עלעקטרישע לאָמטערנעס. מאַכן די גאַסן נישט ליכטיק. אָן אָרעמקייט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן. מען פילט זי. קליינע הייזער צוגעטשעפּעט צו אַ באַרג. קינדער קליינע שפּילן זיך אין מיטן וועג. אין די אָפענע טירן זיצן מענטשן צעבראָסטעטע. עס איז הייס. לויט זייער זיצן, לויט זייער רעדן, מאַכן מיט די הענט, זעען זיי זייער מיד. די שוואַרצע גאַס לויפט באַרג אַראָפּ צו דער נאָך שוואַרצערער שטאָל־פאַבריק, וואָס הוסט אַזוי הויך און שווער, אָטעמט מיט אַ פייף און הייסן דאַמף פון די שוואַרצע נאָז־לעכער, וואָס זענען פאַרהויבן אין דער הויך צו דעם טונקעלן הימל.

דאָס איז דער „סאָהאָ“־דיסטריקט.

עס פליט פאַר מיר פאַרביי די סצענעס פון דעם גרויסן סטרייק פון 1919 געלייענט. אָט זע איך, שווימט פאַר מיר אַרויס אַ פרוי אין די עלטערע יאָרן. אַ פרוי מיט זילבערנע האָר, פליישיקן נאָז, האַרט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און שווערע קינבאַקן. די פרוי רעדט אין דער פינסטער און עס דאַכט זיך אויס, אַז די פינסטערניש ענטפערט איר, באַוועגט זיך, די לופט איבער זיי און די שטאָל־פאַבריק לעבן זיי, אַזוי ווי זי וואָלט אויפגעציטערט, געטרייסלט זיך און געשאָקלט זיך.

פלוצלונג פון ערגעץ רייסן זיך אַריין אַ פּאָר אַזעלכע נפשות

מיט חזיריש־ פארגאסענע פנימער, פארטרונקענע אויגן און מיט שטעקנס אין די הענט, זיי ווארפן זיך צו די, וואס שטייען אין דער נאכט, צו די, וואס הערן די פרוי. די פרוי ווארפט זיך זיי באַ־ שיצן און פאלט אונטער די קלעפ פון א שטעקן, אונטער דער קויל פון א רעוואלווער, פאלט א טויטע פאר אלעמען אין די אויגן.

— פעני סעלינס, פעני סעלינס.

— אנטשלאפן געווארן?

— ניין איך בין נישט געשלאפן .

און אונזער פירער.

— מיר וועלן באלד אריינפארן צו די רייכע, ווו דער פינאנץ־ מיניסטער מעלאן וווינט. שטיל, מען טאר נישט רעדן קיין ווארט. דארט טאר מען נישט אריינפארן. עס איז פארבאטן. דארט שטייען פאליסלייט.

— מען וועט אונז ארעסטירן?

— מען וועט אונז נאך אומקערן.

— איינמאל האט מען מיך שוין אומגעקערט.

— צו וואס דארפסטו פארן אהין?

— קער זיך אום.

— ניין, לאז ער זען.

די נאכט איז ווי שווארצער געווארן פון אונזער שטילן אי־ בערערדן זיך. עס האט אויסגעזען, אזוי ווי מיר וואלטן איינגע־ האלטן דעם אטעם, אז מען זאל אונז נישט הערן. די מאשין האט זיך געהרייט אין דער טונקעלער אליי, זיך געגליטשט שטיל, אזוי ווי אויך זי האט געוואלט מען זאל זי נישט הערן.

— ששש — דאס איז דאס.

וואס, ווייס איך נישט. גרויסע הייזער, בוימער און א וועג ווי אלע וועגן. צו וואס אט די גאנצע מורא, אט די גאנצע היטעניש און צו וואס איז דא נויטיק די פאליציי און פארוואס דארט איז פארבאטן צו פארן? שטראף מיך גאט אויב איך ווייס.

ווען מיר זענען ארויסגעפארן.

— וואס האסטו דארט געזען?

— גארנישט.

— און דו?

— גארנישט.

— איך אויך.

— געדארפט אזוי ציטערן?

— איר זענט גרינגע, איר האט געדארפט זיין בייטאג.

נישט איבערצייגט אונז.

וווהין איצטער?

— איך פיר אייך מער נישט. עס געפעלט אייך גארנישט — האט זיך באליידיקט אונזער פירער. מיר האבן געלאכט.

אין די נעגל פון הונגער און נויט

גרויסע קוימענס, קנוילן רויך פארשטעלן די זון: א שימער פון א וואסער, וואס איז מער ענלעך צו צעלאזענעם ליים — דער אהייא טייך. הויכע מיט א ווייסקייט באדעקטע, קיילכדיקע פעסער הויבן זיך, צו פארוויז צו דריי־ווייז, פון די אייזן־גיסערס און שטאל־גיסערס. קוימענס, ווי דער אויסגעשריי פון א בלינדן אין דער נאכט. געביידעס — רויטע, שווארצע, טונקל־רויטע, און שווארץ־רויטע. מיט אפענע זייטן, פענסטער - לעכער. א בליץ, א פלאם פון פייער. פארלאזענע מיינס, גרינע בוימער, בערג, ווי דער גרויסער רעגירונגס־האספיטאל געפינט זיך. באארבעטע פעלדער, וואס זענען ענלעך צו א ברעטל, וואס מען שפילט שאך. קליינע הייזלעך, און איבער דעם אלץ א טומל, אן איבערקלאפן פון רעדער איבער די אייזערנע וועגן, וואס פירן פון פיטסבורג אין יאנגסטאון.

די אייזן־און־שטאל גיסערייען זענען פול מיט שפיאנען. ווען מען נעמט אן ארבעטער צו דער ארבעט, נעמט מען ביי אים אראפ די פינגער־צייכנס. ביי דעם קלענסטן פארדאכט ווערט ער ארויסגעווארפן און קיין אנדער ארבעט איז שוין פאר אים אוממעגלעך צו קריגן אין דער שטאט יאנגסטאון.

א פאל מיט א פאר פון אונזערע חברים.

אין איינעם פון די שטאל־פאבריקן האבן געארבעט אייניקע פון דער „יאנג־וואירקערס ליג". עס האט דערגרייכט די צאל, ווען

זיי האָבן שוין געקעגט גרינדן אַ „נוקליי" און זיי האָבן זי טאַקע געגרינדעט אויך.

שנעל, זייער שנעל, האָבן זיך די באַלעבאַטים דערוווּסט וועגן זייער „נוקלעיי" און מען האָט זיי אַרויסגעוואָרפן. מער קיין אַר־בעט האָבן זיי שוין נישט געקריגן אין יאָנגסטאָן. פיל מאָל גע־ביטן זייערע נעמען, נאָר עס העלפט נישט, מען ווייסט זיי.

ווילסטו אַרבעטן אין יאָנגסטאָן אין די שטאָל־פאַבריקן, מוזטו זיין אַ קנעכט און אַרבעטן פאַר אַ הונגער־לוין.

דערקלערט דער „טשיימבער אָוו קאָמערס" אין זיין אויס־גאַבע, אַז יאָנגסטאָן איז די דריטע שטאָט אין דער שטאָל־אינדו־סטריע און אַפילו דער שטאָל און אייזן האָבן אויסגעאַרבעט די פיזיאָגנאָמיע פון איר מוניציפּאַליטעט.

דער „טשעמבער אָוו קאַמערס" ווייסט וואָס ער רעדט. די אַרבעטער געדענקען נאָך זייער גוט דעם סטרייק פון 1919. ער איז נאָך ביי זיי פריש אין זכרון.

רופט די טשיימבער אָוו קאַמערס נייע קאַפּיטאַליסטן אין שטאָט, נישט פאַר דער שטאָל־ און אייזן־אינדוסטריע — דאָס איז שוין פאַרנומען, נאָר זי האָט אַנטדעקט אַ נייעם מאַרק, אַ שקלאַפן־מאַרק. זי זאָגט זיי:

אַ דאַנק דעם, וואָס אין יאָנגסטאָן זענען דאָ זייער ווייניק אינדוסטריעס, וואָס באַשעפטיקן פרויען, — איז דאָ אַ גרויסע געלעגנהייט צו קריגן די פרויען צו דער אַרבעט. מען וועט געפינען אַן אומבאַשרענקטע צאָל מיידלעך און פרויען, וואָס זענען גרייט אָנצונעמען יעדע אַרבעט און וועלן דאַנקען פאַר יעדן פאַרדינסט, וואָס זיי וועלן נאָר קענען קריגן.

די לייט פון טשעמבער אָוו קאַמערס ווייסן גוט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַרבעט־געבער, און ווי אַזוי צו פאַרקויפן שקלאַפן. זיי ווייסן מיט וואָס זיך אויסצופיינען, אין דער איצטיגער צייט ווייסן זיי אויך זייער גוט די פּסיכאָלאָגיע פון די אַרבעטער. זיי ווייסן, ווען אַן אַרבעטער ווערט אַ שטיקל באַלעבאָס, אַ שטיקל אייגנטי־מער, אַפילו אַ פיקטיוועך, אַ „פאַרמאָטגיידזשטער", אַ פאַר־משכנטער, קען ער שוין נישט און וועט שוין נישט זיין אַזוי רעוואָ־לוציאָנער, אַזוי קאַמפּס־לוסטיק און קאַמפס־פעאיק. כדי נאָך מער

צו באַרואיקן אַט די, וואָס וועלן ווען עס איז קומען אין יאַנגסטאָון, וואָס וועלן ווען עס איז עפּעניען אַ פאַבריק דאָרט, גיבן זיי נאָך אַ פּאָר שורות.

„פיל פון די אַרבעטער האָבן אייגענע הייזער. די מערסטע פון זיי זענען גוטע סיטיזנס, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן".

בין איך געפאָרן זען אָט די אייגנטימער און גוטע סיטיזענס, אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן, — און וואָס האָב איך דער־זען? גאַסן נישט ברוקירטע, הייזלעך פינסטערע און חושכע, קליינע, אָן וואַסער. אויף אייניקע הויפן ברונעמס. אין דעם הינטערשטן טייל „טאָילעטס".

— ווער וווינט דאָ?

סערבן, יוגאָסלאַוון, פּאָליאַקן, טשעכאָסלאָוואַקן. מיט איין וואָרט, ווער איר ווילט נאָר אַליין. סערבן מער פון אַלעמען.

— וואָס טוען זיי?

— אַרבעטן אין די שטאָל־פאַבריקן.

— וואָס פאַרדינען זיי?

— זייער ווייניק, נאָר דערפאַר האָבן זיי זייער פיל אָווערטיים. קענען אַרבעטן וויפיל זיי ווילן. פאַרדינען צוואַנציק, פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. האָבן דריי דאָלאַר אַ טאָג, דריי־פופציק, העכסטנס.

— ווי אַזוי לעבן זיי?

— איר וועט שוין זען.

מיין פירער איז געווען אַ גראָסערי־מאַן און ווען ער האָט אַרויסגעפירט זיינע באַשטעלונגען, האָב איך זיך ביי אים איינגע־בעטן ער זאָל מיך נעמען מיט זיך.

זיין „פאָרדל" טאַראַראַכקעט פון איין גרוב אין דער צווייטער, איבער די נישט־ברוקירטע וועגן. מיר האָטשקען זיך אונטער און פאַלן צו, איינער דעם צווייטן, אַזוי ווי לייבלעכע ברידער, וואָס האָבן זיך יאָרן־לאַנג נישט געזען און צופעליק, אָט דאָ אין יאַנג־סטאָון, דעם ערשטן מאָל זיך געטראָפן, פון גרויסע פרייד קען מען זיך נישט צעשיידן. ער שיסט אַריין אַ קללה, צו וועמען ווייס איך נישט, און דערציילט ווייטער:

— איר וועט זען, איך וועל אייך ווייזן. פאַריקן ווינטער האָב

איך אויסגעהאַלטן אַ פּאָר אַלטע אַרבעטער מיטן ביכל. ווער ווייסט וואָס זיי וואָלטן געטאָן, ווען נישט איך, זיי וואָלטן געוויס גע־שטאָרבן פון הונגער.

— וואָס הייסט אויפן ביכל? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

— דאָס הייסט, יעדער אַרבעטער האָט אַ ביכל, וווּ ער פאַר־שרייבט, וואָס ער נעמט אָן ביז דער „פּיידע״; ער רעכנט זיך אָפּ, ווען ער באַקומט זיין געצאָלט.

— ווערט ביי אייך פאַרפאַלן פיל דורכן יאָר?

— נישקשה, — איז געווען זיין קורצער ענטפער — קומט מיט מיר אַריין — האָט ער נישט געלאָזט וויטער פרעגן.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען.

אַ צימער אַ טונקעלער, געווען אַמאָל געפאַרבט בלוי, איצט איז ער אָפּגעקראָכן. עס איז אַ מיש־מאַש פון פאַרשידענע לאַטעס־קאָלירן, אָנהויבנדיק פון דעם קאָליר פון צעקוועטשטע וואַנצן אויף בלוי און ענדיקנדיק מיט דעם קינדערשן קאָליר אויף וויים.

אַ לאַנגער הילצערנער טיש, אָנגעוואָרפענע שטיקלעך ברויט, זאַלץ, הערינג, צוקער, קאָנסערוון. אַ פּאַליצע מיט ליידיקע קעסט־לעך. אויפן טיש אַ לאָמפּ, וואָס ברענט מיט קעראָסין. פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר שוין נישט געזען אַזאַ לאָמפּ.

דער לאָמפּ איז געווען אַ קורצער און בייכיקער מיט אַ שמוּ־ציק פאַרדרייכערטער גלאָז. געברענט מיט אַ קליינעם פייערל.

איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם צווייטן צימער. צעוואָרפענע בעטן מיט שמאַטעס אָנשטאָט בעט־געוואַנט. פון דאָרטן איז אַריינ־געקומען אַ קורץ בחורל מיט אַ פאַרבונדענער באַק און האַנט. פיר קינדערלעך זענען אומגעקראָכן אונטער די פיס. קינדער אין דער עלטער פון זעקס מאָנאַטן ביז פיר יאָר.

— ער האָט זיך צעקלאַפּט אַ האַנט ביים אָנלאָדן אייזן. די קאָמפּאַני וויל אים גאָרנישט געבן דערפאַר און אַרבעטן קען ער נישט — האָט מיר דערקלערט מיין וועג־פירער.

איך האָב זיך געווענדעט צום בחור מיט אַ פּאָר פראַגן, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען, נישט גערעדט קיין ענגליש.

איך בין אַרויסגעגאַנגען און באַוווּנדערט:

— ווי אַזוי לעבן זיי דאָ אין אַזעלכע הייזער?

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. ווען איר וואָלט געווען, ווו מען האָט די שטיינער, וואָלט איר געזען, ווי מענטשן לעבן אין די היילן, אין די בערג, אַזוי ווי אונזערע אמאָליקע עלטער־עלטער־זיידעס, וואָס האָבן נאָך נישט געוווסט פון פייער און אייזן.

ער האָט מיך אריינגעפירט אין א צווייטער שטוב.

די שטוב א גרעסערע און ריינער. דריי צימערן אונטן און צוויי צימערן אויבן. די צימערן אינעווייניק האָב איך נישט געזען, זיי זענען געווען פארמאכט. נאָר איין זאך האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. אומעטום אָנגעוואָרפן עסנוואַרג. אין דרויסן זענען געזעסן א פיר געזונטע בחורים, סערבן, און האָבן גאָרנישט געטאָן. א גראָבע פרוי האָט איבערגענומען די זאכן, וואָס ער האָט געבראַכט.

מיין וועגווייזער האָט מיר דערקלערט:

— היינט איז ווייניק אַרבעט, האָט זי ווייניק מענטשן. נאָר אַזוי האַלט זי אין די פיר צימערן אַריבער צוואַנציק מענטשן. די צוואַנציק מענטשן צאָלן פיר דאָלאַר א וואָך פאַר וואַשן און פאַר־ריכטן זייער וועש, צוקלייבן די בעטן. געוויינטלעך, ווען איינער קריכט אַרויס פון בעט, קריכט א צווייטער אריין. די פיר דאָלאַר גייט אויך אויף דער רעכענונג פון דער דירה. נאָכדעם צאָלן זיי א טייל פון ביכל יעדע וואָך אָדער יעדע צוויי וואָכן, ווען זיי האָבן זייער „פיידע״, ווערט דאָס ביכל צונויפגערעכנט און וויפל מענטשן זי האָט מוז יעדער צאָלן זיין חלק, וויפל עס קומט אויס.

איך בין געגאַנגען פון איין הויז אין דער צווייטער. אומעטום אַלץ איינס. די הייזער אָן עלעקטרי, אָן וואַסער, אָן פּלאָמבינג. די גאַסן נישט קיין ברוקירטע. די שולע — ווער ווייסט ווו זי איז? וויפל מען צאָלט פאַר א הויז, האָב איך נישט געקענט דערגיין. נאָר געזאָגט האָט מען מיר, אַז אַזוי ווי עס איז אָנגענומען, אַז אַלע מאַכן זייערע אייגענע משקה, אָן וואָס זיי קענען נישט אויס־קומען, רעכנט מען זיי די הייזער זייער הויך, איז די רענט זייער טייער.

די פּאַרדינסטן פון די דאָזיקע שקלאַפן זענען זייער קליינע. ווי געוויינלעך, אויב זיי האָבן 25 דאָלאַר א וואָך מיט אָווערטיים, זענען זיי די גליקלעכע. וויפל אַרבעטן אין יאָנגסטאָן אַזעלכע

ארבעטער? ווי מען גיט איבער, רעכנט מען ארום 40,000 ארבע־טער. פון ארגאניזאציעס, פון יוניאנס, איז נישטא וואס צו רעדן, די ארבעטער זענען איינגאנצן אין די הענט פון די שטאל־בעראנען. וואס די בעראנען ווילן טוען זיי מיט די ארבעטער.

ווער זענען די ארבעטער, איינגנטימער, די גוטע סיטיזענס? דאס זענען די אלטע ענגלישע ארבעטער, די „סקילד ווארקערס״.

אין אן אייזן־גיסעריי

— זאלסט וויסן, אז ל... האט מען נישט אריינגעלאזן אין דער גיסעריי — האט מיך געווארנט א חבר.

איך בין געגאנגען פרווון מזל. די גיסעריי איז אין שטאט און מען דארף נישט גיין ווייט. צופיל גלויבן, אז מ׳וועט מיך אריינלאזן, האבן איך נישט. דאך האב איך זיך באווארנט. איך בין נישט געגאנגען אליין. איך האב מיט זיך מיטגענומען א שיינע מיידל, וועמען איך האב אנגעזאגט, אז זי זאל וויסן, דאס זי איז מיין פריוואט סעקרעטאר און די איבעריקע זאל זי שוין לאזן צו מיר.

מיר זענען געקומען צו דעם אפיס פון דער אייזן־גיסעריי. א גרויסע דריי־שטאקיקע געבידע. מיט אן עלעוויטאר זענען מיר ארויפגעפארן אונטן. די גאס איז געווען העכער פון דעם ערשטן שטאק. באגעגנט האט אונז אן אלטער מאן ביים טיר און געפרעגט וואס מיר דארפן. איך האב דערקלערט, אז איך וויל זעען דעם סופעראינטענדענט. ער האט מיר געגעבן א שטיקל פאפיר און גע־הייסן אנשרייבן מיין נאמען, פון וואנען איך קום און צו וואס פאר אן ענין. איך האב אנגעשריבן, איך בין א שרייבער פון דער איסט, פאר ארום שטודירן די אינדוסטריעלע באדינגונגען פון לאנד. ער האט דאס צוגענומען. אין א פאר מינוט ארום איז צו אונז ארויסגעקומען א מיטליאריקער מאן אין פאפירענע מאנזשעטן. איך האב אים ווייטער דערקלערט צו וואס איך בין געקומען.

ער האט געווארפן א בליק צו דער מיידל:

— ווער איז זי?

— מיין סעקרעטאר. איר פארשטייט דאך, אז אן דעם סעק־רעטאר קען איך נישט גיין.

— זי וועט נישט קענען אריינגיין — האט ער רואיק געוואלט שוין פון מיר פטור ווערן. — איר ווייסט: קליידלעך, פרוּוון, עס קען אראפפאלן א פונק.

איך האב אים פארשטעלט די וועג.

— וואס קען מען טאן?

ער האט זיך אביסל פארטראכט.

— זאל זי ארויפגיין אין דער ביבליאטעק, אויף דעם דריטן פלאר.

— וויפל וועט געדויערן דאס באקוקן?

— א פאר שעה.

— בעסער, אז איך זאל זי אפלאזן אהיים.

ער האט צוגעשטימט און געהייסן מיר ווארטן. אין א ווייל ארום איז צוגעקומען א יונגער שייגעץ, וואס האט מיך מיט א צעטעלע אין האנט צוגעפירט צום אריינגאנג אין הויף און מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון א פאליסמאן, וואס האט מיט אומצוטרוי באקוקט מיך, מיינע קליידער, מיין אונ־טערשריפט און ווייטער מיר געהייסן אונטערשרייבן. ער האט דאס פאפירל איבערגעגעבן דעם בחור, וואס איז געקומען מיט מיר. יענער איז מיט דעם צעטל אריין אין א טיר און אין א פינף מינוט ארום איז ער ארויסגעקומען מיט נאך א פאליסמאן, וואס האט מיך העפלעך איינגעלאדן צו גיין מיט אים.

בין איך געגאנגען מיט דעם פאליסמאן. א מאדנער געפיל. עס איז זיך געווען שווער אפצוגעבן א רעכנונג, וואס דאס איז געווען.

איך האב געפילט, איך געפין זיך נישט אין א פאבריק, וו די ארבעט איז פריי פאר די, וואס ווילן ארבעטן, נאר אין א טור־מע, אין א לאגער פון געפאנגענע.

אמאל, אין דער צייט פון דער מלחמה, ווען איך בין געווען אין פאלעסטינע, האב איך געזען א לאגער, וו מען האט געהאלטן די טערקישע געפאנגענע. דער גאנצער לאגער איז געווען ארומ־גערינגלט מיט דראטן. פון אלע זייטן זענען געשטאנען סאלדאטן מיט ביקסן. ווען מען האט די געפאנגענע ארויסגעפירט צו דער ארבעט, זענען זיי אויך געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט

סאָלדאַטן. אַט אַזאַ איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די פאַבריק, ווען איך בין געגאַנגען איר באַקוקן אונטער דער פירערשאַפט פון אַ פּאָליסמאַן.

עס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, אַז די פאַבריק איז פול מיט פּאָליציי און די אַרבעטער האָבן מורא פאַר איר. איך האָב נישט געזען קיין איין פריינטלעכן שמייכל, קיין איין פריינטלעכן קוק.

פּאָליציי האָט מען געזען זייער פיל. אַ צען שטיק האָב איך אַליין אָנגעציילט. צוויי האָבן זיך דורכגעדרייט פאַר מיינע אויגן, צוויי, וואָס האָבן געטראָגן גאָלדענע ראַנדן אויף זייערע היטלען, וויזט אויס עלטערע.

דער פּאָליסמאַן האָט מיר דערקלערט:

— היינט אַרבעטן נישט אַלע אָפּטיילונגען. אייניקע אָפּטיילונגען בויט מען איבער. מען לייגט אַריין שווערע מיליאָנען, כּדי מאַכן די פאַבריק מער מאָדערן, נישט אַזוי געפערלעך פאַר די אַרבעטער.

— טרעפן דאָ בײַ אײַך פיל אומגליקספאַלן?

— נישט זייער פיל, נאָר די אַרבעטער זענען זייער נישט פאַרזיכטיק.

דער אייגענער פּזמון, וואָס אומעטום: דער אַרבעטער איז נישט פאַרזיכטיק. גייען מיר ווייטער.

אַ שרעקלעכער פלאַם שיסט אין דער הויך. טויזנטער פונקען אין אַלע זייטן. אַ גערויש פון אַ וואַסער־פאַל אין אַ טיפער גרוב. דער בלאָזן פון אַ שטורעם אין דער ווּיסטע. די אויגן ווערן פאַרבלענדט. דער פייער איז פיל קאָלירנדיק און ברענענדיק פאַמעלעך, מיט אַ רואיקער געלאַסנקייט, וואָס קיין זאַך קען נישט אָפּשטעלן, דרייט זיך אַן אָנגעגליטער גרויער קעסל מיט זיין מויל אין דער הויך. אַ מענטשל, אָן דער אויבערשטער העמד, וואַרפט אַהינצו, אַזוי שנעל, גיך, גיך, מיט אימפּעט און איינגעהאַלטענער מורא, איין זעקל נאָך דעם צווייטן, איין זעקעלע נאָך דעם צווייטן.

דאָס איז דער קעסל, וווהין עס ווערט אַריינגעוואָרפן די רודע. פון פייער ווערט דאָס צעלאָזן. צען מינוט נעמט דאָס.

דער קעסל האָט אָנגעהויבן שיסן פונקען מיט אַ שרעקלעכן ברום.

— מען בלאָזט אויס די נישט גוטע מאַטעריאַלן.

אַרום און אַרום איז אָפֿן. די זון ברענט אומבּרחמנותדיק אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַרמאָסטן איבערצושטייגן דעם פייער, דער פייער ווערט נאָך שטאַרקער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן איבערשטייגן די זון. ביידע צוזאַמען שאַפן אַ גהינום, וווּ עס לויפן אַרום, גראַבן זיך מענטשן.

די געבייידעס זענען אָפענע. דער דאָך הוילע לעכער.

— ווי איז ווינטער?

ענטפערט ער:

— ווינטער זייער נישט גוט. מיר אַרבעטן דאָ ביי טאָג און ביינאַכט.

— און ווי, אַז עס שנייט, און ווי, אַז עס איז אַ פראָסט, און ווי, אַז עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט?

— איר קענט זיך שוין אַליין פאַרשטעלן.

האָב איך זיך געפּרווט פאַרשטעלן.

— זייער פיל באַקומען רעוומאַטיזם, זייער פיל באַקומען אָפּגעפרוירענע אבֿרים.

ער האָט מיר פאַרשפאַרט זיך פאַרצושטעלן.

— וואָס טוט מען מיט אַזעלכע? העלפט זיי, היילט זיי די קאָמפּאַני?

— די קאָמפּאַני איז נישט קיין האָספּיטאַל.

מיר זענען געגאַנגען פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער.

מען האָט אויסגעגאָסן דעם פורם. אַזעלכע גרויסע, פּירקאַנטיקע „באַלוואַנקעס", אויף קליינע וואַגאַניעטקעס, וואָס ווערן אַוועקגעפירט נאָך פלאַמענדיקע, נאָך ווייכע. ווי גנאָמען רוקן זיך אונטן אַ פּאָר מענטשן, פאַרשמירטע אין שוואַרצן, נישט צו דער־קענען, אַז דאָס זענען מענטשן, נעמען זיי צו דעם הייסן ברענענ־דיקן אָפּפאַל אויך אין אַזעלכע וואַגאַנעטקעס.

— וויפיל צייט האַלטן זיי אויס ביי דער אַרבעט?

דער פּאַליסמאַן האָט געשוויגן. ווייזט אויס, נישט זייער פּיל. שנעל ווערט מען אינוואַלידן. און פאַר וויפיל? פאַר דריי פינף־און צוואַנציק, פאַר דריי זיבעציק א טאָג.

עס זענען דאָ פאַרשידענע פאָרמען פון צאָלן. עס עקזיסטירט דאָ אויך דער קאָנטראַקטינג סיסטעם: פון טאָן, פון שטיק, אפילו פון וואָגן. פאַרשידן זענען די פאָרמען. די פאַבריק אַליין ווייס, וואָס זי צאָלט און נאָר זי אַליין האָט א קלאָרן רעכענונג. א פּרעמדער מענטש קען אין קיין פאַל נישט דערגיין קיין טאָלק. איינס איז אָבער זיכער, אַז ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג, ביי די גרעסטע אָוועדטיים־שטונדן, פאַרדינט מען דאָרט מער נישט ווי פינף און צוואַנציק האָלאַר א וואָך.

דער פּאַליסמאַן פירט מיך.

ווי א רויטע קללה גליטשט זיך די פייערדיקע באַלוואַנקע אונטערן פּרעס און מיט א שטאַרקן קרעכץ, איין מאָל און צוויי מאָל, ווערט דאָס געדריקט פון אזעלכע שטאָלענע רערן.

מיר גייען אַרויף צום שטיבל, וו די מענטשן, בלויז צוויי, באַהאַנדלען די דרוק־מאַשינען. שטיקער פייערדיקע פונקען פליען אין אַלע זייטן צו זיי אין דער אָפענער פענסטער, פאַלן אויך זיי אויף מיר. די היץ איז אומדערטרעגלעך. די הענט שוואַרץ, שווייסיק, פאַרברענט און אזוי אַרבעטן זיי אָפיציעל אַכט שעה, נישט אָפיציעל — ווער ווייס. די מענטשן קוקן זיך אויף אונז נישט אַרום. מיר עקזיסטירן נישט פאַר זיי. דאָס איז נישט פאַרנומענקייט ביי דער אַרבעט, נאָר די אָנגעשטרענגטע שטייפקייט פון דעם שקלאַף פאַר דער בייטש פון דעם באַלעבאָס.

איך האָב שוין נישט געפרעגט און בין געגאַנגען ווייטער.

דער שטיק אייזן, וואָס איז פריער געווען אזוי גרויס, שווער און רואיק, שטיל אין זיינע באַוועגונגען, האָט זיך אַביסל אויסגעצויגן, פאַרלאָזן זיין שטילקייט און גליטשט זיך שנעלער. וואָס ער ווערט אויסגעצויגענער איילט ער זיך מערער; לויפט, שווימט, שנעל, שנעלער, ביז איך קען אים שוין נישט אָנהאַלטן. א פאַר אַלטע אַרבעטער לויפן אום אַהין און צוריק איבער דער גאַנצער לענג אין דער גרויסער היץ און שטופן אונטער די, וואָס פאַרהאַלטן זיך און טרייבן אונטער די, וואָס שטעלן זיך צו

אביסל. אזוי אז אין זייער לויפן ווערט דער אייזן פארוואנדלט אין לאנגע ברייטלעכע, ברייטערע און נאך ברייטע פאסן; די פאסן ווערן צעהאקט אויף לאנגע, קורצע, לענגערע, און נאך קורצע אייזערנע ברעטער און ווערן ארויסגעשפיגן אין דער אפענער וועלט אין דעם אפענעם דרויסן.

ווייניק ארבעטער זעט מען, די מאשינען פארבייטן אלץ... אמאל האבן דא געארבעט טויזנטער מענטשן, היינט ארבעטן נאך הונדערטער.

מיר גייען ווייטער. דער פאליסמאן קוקט שוין אויפן זייגער. מיר זענען ביי די אפענע אויוונס און אפענע „ראלערס", וווּ עס ווערן דורכגעטריבן לאנגע און דינע שטיקער אייזן אזוי ווי רערן. די רערן זענען קיילעכדיק. א שטיקל טומל. אין רער האט זיך פארהאלטן, זיך פארהאקט, נישט געקענט היים ארויסגענומען גע־ווארן פון אויוון.

פון אלע זייטן לויפן אייניציקע ארבעטער און מיט אזעלכע שטיקער אויסגעדרייטע אייזנס רוקן זיי די רער, ווילן זי א קער טאן, א טרייב טאן, זי זאל לויפן ווייטער, נישט פארהאלטן אט די, וואס געפינט זיך הינטער איר, אבער דער שטיק אייזן רירט זיך נישט פון ארט. האט זיך איינגעשפארט.

עס קומען צולויפן נאך. א שטילער פייף שטעלט אפ די „ראלערס". די היץ פון דעם אפענעם אויוון ברענט דאס העמד. ביי אייניקע האבן זיך טאקע די העמדער אנגעהויבן רויכערן. די שטיק אייזן רירט זיך אלץ נישט פון ארט. די מענטשן ארום שטרענגען אן זייערע לעצטע קרעפטן און אלץ ווערט געטאן אזוי שטיל, אן א ווארט; אויך די מאשינען זענען פלוצלונג אזוי שטיל געווארן, א מורא כאפט דיך ארום פון דער פלוצלונגער שטילקייט.

דער פאליסמאן איז געבליבן שטיין מיט פארלייגטע הענט, די מענטשן האבן איטלעכע ווײַלע געווארפן צו אים דערשראקענע בליקן, געמישט מיט האס. איך האב אים געבעטן גיין מיט מיר ווייטער, נאר ער איז געשטאנען ביז מען האט דעם אייזן צוריק אין אויוון ארײַנגערוקט און נאך דעם א קוק געטאן אויפן זייגער. איך האב געשוויגן.

מיר זענען בײַ דעם אויוון, וווּ מען ציט די לאַנגע און שמאָלע שטיקער אײַזן — אַן אינטש די ברייט, דרײַ פערטל אינטש, אַ האַלבן אינטש און נאָך שמעלער.

פון אײַזן און גלײַך צו די „ראָלערס". היץ ווי אומעטום. די „ראָלערס" זענען פינף שפּאַן פון אויוון און אַזוי נעמט אײנער אַרויס אַ גליענדיקן שטיק אײַזן און פירט אים צום „ראָלער". דאָרט שטייען דרײַ מענטשן, וואָס נעמען זײ איבער פון אײַן „ראָלער" אין צווייטן, אַזוי ווי זײ וואָלטן געשטאַנען אין די פעלדן פון אַ גרויסער פײַערדיקער שלאַנג, וואָס אין איר לויפן שטרעבט זי אײטלעכן אַרײַנצוכאַפּן.

עס איז הייס, מען שוויצט. די צוואַנגען זענען הייס און גלי־טשיק, און ווען זײ גליטשן זיך אַרויס פון האַנט, ווערט מען צו־ברענט. איך האָב געזען פאַרוווּנדעטע הענט, צעבראָכענע פיס, אויגן פאַרגאָסן מיט בלוט, ברוסטן, וואָס האָבן זיך געהויבן, ווי דער בלאָזן פון אַ שמידס בלאָזאַק. אויגן — ווי טיפע גריבער. פיבער־דיק מיט געמאַכטער איילקייט האָבן די מענטשן אָנגעהויבן וואַרפן מיט זייערע צוואַנגען, ווען זײ האָבן אונדז דערזען. אַזאַ האַס, אַזאַ שנאה איז געלעגן אין זייערע באַוועגונגען, אין זייער אָפּקערן זיך פון אונדז, אַז עס איז מיר געוואָרן נישט אָנגענעם. איך האָב געזאָגט דעם פּאָליסמאַן, אַז פאַר הײַנט איז גענוג.

אַרויסגייענדיק האָב איך געטראָפן אײן פּאָליסמאַן מיט אַ גאָלדענעם בענדל אויף זײַן היטל און אַ צווייטן מיט אַזאַ בענדל אויפן האַנט. זײ האָבן מיך שאַרף באַטראַכט. איך האָב זיך אויף זײ נישט אומגעקוקט, און בין געלאָפן...

אין די צינק־גריבער

— ווּו האָסטו גענומען צינק־גריבער אין סט. לואיס? שוין צוואַנציק יאָר, אַז איך וווין אין סעינט לואיס און ווייס נישט פון צינק־גריבער.

— גיט מיר אַ מאַשין, וועלן מיר צופאָרן.

— ווײַט?

— נאָר ווער האָט דיר דערציילט?

— אַ זיבעציק מײַל.

נאָר ווער האָט עס דיר דערציילט?

— איך דאַרף אַ מאַשין.

אַט די רייד זענען פאָרגעקומען צווישן מיר און די חברים אין סט. לואיס. זיי האָבן מיך פאַרזאָרגט מיט אַ מאַשין צו די גריבער.

אינדערפרי זענען מיר אַרויסגעפאָרן. אַ שטיל־שיינער געגנט. קליינע פאַרמס, באַאַרבעטע פעלדער, קליינע וועלדלעך ביי די הייזער, מענטשן ווייניק, ווו נישט ווו אַ פאַרמער אַקערט, ווו נישט ווו אַ פּאָר בהמות, אַ פּאָר פערד, און רואיק. די רואיקייט פון די אוקראַינער פעלדער פאַר האַלבן טאָג.

דער וועג גליטשט זיך. איך שאָקל זיך אונטער. די מאַשין פאַרוויגט מיך אין איר ריטמישן זשומען. האַלב נאָך צוועלף זענען מיר אָנגעקומען צום שטעטל „באָן־טער" ביי די גריבער.

איין הויפּט־גאַס. די געשעפט־גאַס, אַ ברייטע מיט גרויסע הייזער און אַרום אין אַלע זייטן זענען צעוואָרפן קליינע שטיבלעך פון די מיינערס. אַזוי ווי איינער וואָלט אומגעריכטערהייט אָנגע־כאַפּט אַ האַנט מיט בלאָטע און אַפּטרייסלענדיק זי, צעשפּריצט אין אַלע זייטן.

די שטעטל לעבט פון די גריבער, די פאַרמערס אַרום לעבן פון די גריבער און ווינטער אַרבעטן זיי אין די גריבער.

פאַר האַלבן טאָג. די גאַס איז פריילעך און דאָך פאַרשלאָפן־רואיק. די פּאָר אויטאָמאָבילן זעען אויך אויס ווי זיי וואָלטן גע־דרעמלט. אויף אַ גאַניק, נעבן רעסטאָראַן, זיצט איינער און ציט אַ פּיפּקע. אַט פון די אַלטע „יענקים", וואָס דו זעסט אין די „ווע־סטערן־מואַווים".

איך האָב אָנהערטהאַלבן שעה. וואָס טוט מען? בין איך גע־גאַנגען זוכן אַ יידן, ווי אַזוי? געקוקט אויף די אויפשריפטן אין די פענסטער, געזוכט אַ יידישן נאָמען. געפונען. גודמאַן. אַריינגע־גאַנגען.

אַ גרויסער „חריי־גודס" געשעפט. אַ יונג מיידל. גיי ווייס ווער זי איז? נאָר אַ ייד מיט אַ באָרד און מיט אַ צעטל פון ארץ־ישראל האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון דער פאַרלעגנהייט.

ווי עס ווייזט אויס, איז ער שוין דאָ נישט דעם ערשטן מאָל. ער האָט זיך גלייך נאָכגעפרעגט אויף רבי אַרען. דאָס מיידל האָט

ארויסגערופן איר פאָטער. אָפּגעפּטרט מיטן משולח, איז ער צוגע־קומען צו אונז.

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

דערציייל איך:

— אַ יידישער שרייבער, פאָרט אַרום באַקענען זיך מיטן לעבן פון לאַנד, געקומען זען די צינק־גריבער; מען דאַרף וואַרטן ביז נאָכמיטאָג, בין איך אַרויס זען טאָמער וועל איך טרעפן יידן, דערזען דעם נאָמען גודמאַן, אַריינגעגאַנגען.

דער ייד, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געהערט, וואָס איך רייד צו אים.

— איך זייט געקומען אין אַ גוטער צייט. איר האָט איצט זייער אַ גוטע געלעגנהייט. דאָ, אין דעם צווייטן שטעטל, ווערט פאַרקויפט אַ געשעפט האַלב אומזיסט. ער איז ווערט טויזנט דאָ־לאַר. איר וועט קאָנען אָפּקויפן פאַר דריי אין „קעש". די קליים איז אויף אַ ווינקל. איך וועל אייך נעמען אין מיין מאַשין.

איך חזר איבער מיינס. דער ייד רעדט זיינס.

— גלויבט מיר, איך וואָלט דאָס אַליין געקויפט. דאָס איז די גרעסטע מציאה. נאָר איך האָב ערשט געהאַט אַן אָפּעראַציע און מוז רוען. קומט — האָט ער זיך געלאָזט גיין צו זיין מאַשין.

קוים מיט צרות האָט זיך מיר איינגעגעבן אים איבערצייגן, אַז איך זוך נישט קיין געשעפטן. האָט ער מיר אָנגעהויבן אויס־דערציילן זיינע צרות.

— אַ ייד, אַ שוחט, מוהל און חזן. ער נעמט נישט קיין געלט דערפאַר, נאָר וואָס דען, גראָבע יונגען, מוז מען זיי דאָך ווייזן דעם וועג. האָבן זיי אויסגעבויט אַ שול, אַ גרויסע שול, האָט מען דאָך געדאַרפט אַ חזן. נו, ווילן זיי נישט קיין פּראָסטן חזן, זיי ווילן האָבן אַ ראַבאַי, און די שול זאָל זיין אַ טעמפּל, ווייל די ווייבער ווילן זינגען. נו ווי געפעלט דאָס אייך? באַשרייבט דאָס אין די צייטונגען, זאָל די וועלט וויסן.

איך האָב צוגעזאָגט באַשרייבן. זאָל די וועלט וויסן פון דעם.

אַן שוועריקייטן. דאָס ערשטע מאָל קומט מיר אויס נישט צו דערציילן, וואָס איך בין. אַלעמען, ווער עס קומט, לאָזט מען אַריין.

האָט מען מיך אַריינגעלאָזן און געגעבן אונז אַ וועגווייזער. ווי געוויינלעך, האָט מען אונז געגעבן אַזעלכע לעמפּלעך און מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אונטן. די טיפקייט איז ביז 3000 פוס, נאָר אונז האָט מען מער נישט געפירט, ווי ביז 1800 פוס.

מיט דער הויבמאַשין זענען מיר נישט ווייט געפאָרן, אָדער עס האָט זיך מיר אַזוי אויסגעוויזן. ווען מיר זענען אַראָפּגעפאָרן אונטן בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ טונקעלן קאַמער מיט ברעטער אונטער די פיס. צוויי זענען געשטאַנען מיט לעמפּלעך און געוואַרט זיי זאָלן אַרויפפאָרן.

— וויפיל אַרבעטער אַרבעטן איצט אין דער מיין?

— אַ פּאָר הונדערט מענטשן — האָט דער פירער נישט ווילנדיק געענטפערט, — איצט איז ביי אונז שטיל; אַזוי אַרבעטן אַריבער 500 מענטשן.

ווי אומעטום, רעדן די פירער נישט זייער גערן.

מיר גייען. איך ווייס, אין די קוילן־גריבער זענען דאָ הילצער־נע געשטעלן, אַזוי אויך האָב איך שפּעטער געזען אין די קופּער גריבער. נאָר דאָ זענען קיינע געשטעלן נישט געווען. די וועגן זענען געווען אויסגעהאַקט גלייך אין שטיין; די אייזערנע רעלסן, אויף וואָס מען פירט אַרויס די שטיינער, זענען אויך געלייגט געוואָרן אויף דעם היילן באָדן.

איך האָב זיך געוווּנדערט.

— אָן געשטעלן?

האָט דער פירער דערקלערט:

— מיר דאַרפן נישט קיין געשטעלן, דער שטיין איז זייער אַ האַרטער. זעסט — האָט ער אָנגענומען אַ שטיק גלאַנציקן שטיין. ער איז געווען רויט, בלוי און פאַרזשאַווערט, די קאָלירן האָבן זיך איבערגעוואָרפן און געגלאַנצט אונטער אונזערע לעמפּלעך. ער האָט ווייטער דערקלערט: מיר האָבן זייער אַ גרויסן פּראָצענט פאַר־שיידענע מינעראַלן, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין אונזערע אייגענע „צעשמעלציער". נישט נאָר אונזערע אַליין צעשמעלצן מיר, נאָר עס קומט אונז אָן אויך פון אַנדערע, ווי קאָלאָראַדאָ און אַפילו פון מאָנטאַנאַ, — האָט ער גדלותדיק גערעדט.

— ווי לאַנג אַרבעט איר שוין דאָ?

— שוין צוויי יאָר.

— וויפיל פאַרדינט איר א וואָך?

— אה־אה — האָט ער אָפּגעהאַקט.

אַרבעט צוויי יאָר, פאַרדינט אַ וואָך, אַה־אַה, און רעדט שוין וועגן דער מיין אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס.

מיר גייען ווייטער. שוואַרצע ווענט, אַ שוואַרצע פּאָדלאָגע, וואָס ווערט באַלויכטן פון דעם שטאָלענעם גלאַנץ פון אייזערנע וועגן, אַ שוואַרצע סטעלע מיט דראָטן אין דער הויך. דער וועג־ווייזער הייסט אונז זיך אָנבויגן, זיין פאָרזיכטיק, נישט אָנרירן דעם דראָט, ווייל ער איז אַ לעבעדיקער.

— טרעפן דאָ פיל אומגליק־פאַלן?

— נישט זייער פיל. די אַרבעטער זענען נישט פאָרזיכטיק. דער אייגענער פּזמון, ווי אומעטום.

— פאַרוואָס ריינגלט איר נישט אַרום מיט ברעטער דעם לע־בעדיקן דראָט?

ער האָט נישט געענטפערט.

מיר גייען האַלב־אָנגעבויגן. מיר האָבן מורא פאַר דעם לע־בעדיקן דראָט. פון ווייטן האָט זיך דערהערט אַ גערודער. דער וועג־ווייזער האָט אונז אַריינגעשלעפּט אין אַ ווינקל. פון דער פינ־סטערניש האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קליין פייערל. ער האָט גע־ברענט אין דער הויך און האָט זיך אַזוי ווי געטראָגן אין דער לופטן צו אונז, עס איז געשוואומען. דער גערודער איז געוואָרן נענטער; באַלד טאַקע איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מויל־אייזל, וואָס האָט געשלעפּט הינטער זיך אַ פּינף קליינע וואַגאַנעס אָנגעלאָדן מיט די אייזערנע שטיינער, וואָס מען שיקט אַוועק אין די „צע־שמעלצער".

דער מויל־אייזל האָט פויל און קאַלט געפאָכעט מיטן ווידל, אפילו קיין פליגן האָט מען נישט געזען. פאַרבייפאַרנדיק האָט ער געוואָרפן אויף אונז אַזאַ מאָדנעם קוק, אַז איך האָב אַזש געמאַכט אַ טריט צו אים.

דער וועג־ווייזער האָט מיך אָפּגעהאַלטן, ווען נישט וואָלט איך געווען אונטער די ריידער.

דער שוואַרצער דאַמפּיקער גערוך ווערט אַלץ שטאַרקער און

שטאַרקער, אַ געדיכטער און שאַרפער רויך פון אויסגעשאָסענעם פולווער, וואָס איז געמישט געווען מיט דער דעמפּקייט פון די ווענט, האָט געגעסן אין די נאָזלעכער.

— אַ שאָד, — האָט דער פירער באַמערקט,—מען האָט שוין געשאָסן און איר וועט נישט קאָנען זען.

די פייכטקייט ווערט אַלץ שטאַרקער. אַ מאָדנע שוואַרצע פייכטקייט, וואָס האָט נישט געלאָזן קיין סמנים, נאָר עס האָט זיך געקלעפּט. פייערלעך טראָגן זיך אַנטקעגן. מענטשן קומען אָן און גייען ווייטער; אויף אונז קוקט מען זיך נישט אום. מיר האָבן זיך פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקן וועג און דאָרט האָבן מיר געטראָפן אָן אָנגעוואָרפענעם באַרג מיט שטיינער. צוויי מענטשן, שוואַרץ ווי די ווענט, און אָן עלעקטרישער אָנשיטער. דער וועג-ווייזער האָט אַ ווונק געטאָן, און איינער פון די צוויי האָט אונז געוויזן, ווי אַזוי דער עלעקטרישער גראָב-אייזן אַרבעט. דאָס קלאַפּן האָט אונז במעט ווי פאַרטויבט.

— וויפל צאָלט מען?

דער געוויינלעכער פאַרדינסט פון דעם טאָג-לוינער, נישט אין די גריבער, דריי דאָלאַר מיט פינף-און-זעכציק סענט. די מיינער קריגן באַצאָלט פינף דאָלאַר מיט פינף-און-זעכציק סענט אַ טאָג, נאָר אין דער איינענער צייט איז דאָס שטיק-אַרבעט.

דער מענטש, וואָס וואַרפט אָן די וואַגאָנעס מיט דער האַנט מוז מאַכן אַכט וואַגאָנעס אַ טאָג. יעדער וואַגאָן האַלט צוויי מיט אַ האַלבן טאָן. פאַר יעדן עקסטרא וואַגאָן איבער אַכט קריגט ער צען סענט עקסטרא.

דער, וואָס אַרבעט מיט די עלעקטרישע אָנשיטערס, מוז מאַכן 50 וואַגאָנעס אַ טאָג, צו צוויי מיט אַ האַלבן טאָן יעדער. דאָס הייסט, אַזוי-פיל וויפל זעקס מענטשן מיט די הענט. פאַר עקסטרא באַקומט ער צו דרייסיק סענט. אויך די, וואָס בויערן די לעכער און שיסן, מוזן אויסאַרבעטן אַ באַוווסטע נאָרמע, אַ באַוווסטע צאָל. זיי ווערן קאָנטראָלירט און אויסגערעכנט. אויב ווער פון די אַרבעטער קאָן דאָס נישט מאַכן, ווערט ער אַרויסגעוואָרפן.

די אַרבעטער? שוואַרצע, יוגאָסלאַוון און אויך פיל פאַרמערס. אָרגאַניזירט? האָבן אפילו קיין איין מאָל נישט געהערט, וואָס

הייסט זיין אָרגאַניזירט. די מיין־אייגנטימער האַלטן אין זייערע הענט דאָס שטעטל און אַלץ, וואָס איז דאָ. פון קיין סטרייקס האָבן זיי קיינמאָל נישט געהערט. אין די מיינס איז שלום און רו.

דאָס האָט מיר אַלץ דערקלערט דער פירער, וואָס האָט זיך מיט אונז געדרייט פון איין זייטיקן דורכגאַנג אין דעם צווייטן, דערציילט און אָנגעוויזן, ווי די מיינערס זענען צופרידן, אַז בעסער דאַרף מען גאָרנישט. איך בין אים נאָכגעגאַנגען און נישט זייער געגלויבט אין דער געוואַלטיקער צופרידנהייט פון די מיינערס.

די פינסטערע ווענט מיט די לעמפּלעך, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט דורכשווימען פאַר אונז, האָבן אָנגעהויבן ווירקן מאָדנע הדיקנדיק. דאָס איז געווען אַזוי ווי איינער וואָלט דיך געהאַלטן מיט פאַרמאַכטע אויגן ערגעץ אין אַ קעלער. דו ווילסט עפענען די אויגן, דו ווייסט, אַז דו קאָנסט, אָבער אין דער אייגענער צייט עפנסטו נישט. עס האָבן אָנגעהויבן דריקן די נידעריקע שטיינער, וואָס זענען געלעגן איבער דיר, פאַר דיר און אונטער דיר. עס האָט זיך געוואָלט אַרויסגיין און דערזען אַ ביסל ליכטיקייט, אַביסל זון, אַביסל פרישע לופט.

מיר זענען אַרויפגעקראָכן אויף אַ באַרג שטיינער, מיטן קאָפּ אָנגעקלאַפּט דעם אויבן; דער וועג־ווייזער איז צוריק אַראָפּגעקראָכן, מיר נאָך אים. ער האָט זייער באַדויערט.

— איך האָב געוואָלט ווייזן נאָך אַ דורכגאַנג, זייער אַן אינטערעסאַנטן, נאָר מען האָט דאָ ערשט געשאָסן. אַלע דריי אַזיינער שיסט מען. דער וועג איז פאַרליינגט. מיר האָבן זיך אומגעקערט.

— מיר זענען איצט 1800 פוס אונטער דער ערד — האָט אונז דער פירער דערקלערט. מיר האָבן צוגעשטימט און אריין אין התפעלות.

— איצט וועל איך אייך ווייזן די גרויסע מיל, — האָט ער זיך אַ דריי געטאָן אַן אַ זייט און מיר נאָך אים. איך בין געבליבן שטיין פאַרגאַפט.

אַ הייל. די אויגן כאַפּן נישט אירע ווענט. אַ הויכע, פאַרלירט זיך אין דער פינסטערניש, נאָר דו פילסט איר הויך. נאָך די גרויסע, גראָבע, שוואַרצע זיילן, וואָס שיסן אַרויף אַט צו יענער פינסטערניש, פילסטו די הויך.

די הייל — א גאָטישער טעמפּל פון דעם שוואַרצן אונטער־ערדישן גאָט; מען האָט ערשט געשאָסן און די לופט איז פול מיט דעם שאַרפן ווייררויך און געדיכטקייט, וואָס האָט, ווי קרוינען, אַרומגערינגלט די פּלעמלעך פון אונזערע לעמפּלעך.

הערהעם ערד, שטיינער; אַ וואַסער, וואָס האָט געבליופּעט, ווי אַן אַלטע יידענע מיט איינגעפּאַלענע ליפּן אָן ציין, האָט אַריינגע־כאַפּט אונזערע שיך; צוויי מענטשעלעך, איינער מיט אַ צעריסענער העמד, ווו עס האָט זיך אַרויסגעזען דאָס טונקעלע שוואַרצע לייב, אַן עלעקטרישער אַנלאַדער, וואָס האָט אין דער הילכיקייט פון דער הייל געדונערט, ווי דער אָטעם פון דער ערד, וואָס איז אויפ־געריסן, צעריסן געוואָרן, און זיך דורכגעלעכערט, אין איר טיפ־סטער טיפעניש. דער מויל־אייזל טונקל, אויטאָמאַטיש, מיט האַרט־נעקיקע טריט, האָט זיך קוים געשלעפּט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס מענטשל איז געלאָפן און געאיילט, איז יעדע ווילע צו־געקומען, האָט פאַרנומען אַ פּאָר וואַגאָנעטקעס פול מיט אייזן און איז אַוועק.

און דאָרט ווייט, הויך, אין דעם חושך פון די ווענט, אַזוי ווי די אויגן פון גרויסע חיות, אַזוי ווי די בלאָנדזשענדע פייערלעך אין דער נאַכט, האָבן געצאַנקט און געשוועבט און איבערגעטראָגן זיך אַ פּאָר פּלעמלעך. דאָס זענען די שיסער, וואָס באַקוקן די צע־שאָסענע שטיינער, דעם אָרט, וווּ מען קאָן ווייטער בויערן און ווייטער שיסן.

אין דעם שיין פון איין פייערל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שאָטן. דאָס איז געווען מער אַ דורכזיכטיקייט, ווי אַ שאָטן. אָבער מען האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ מענטש, און דער מענטש האָט זיך גערוקט, דאָ אַהער, דאָ אַהין, און דאָ איז ער אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. דאָס פייערל האָט געשוועבט דאָ אין איין זייט, דאָ אין דער צוויי־טער זייט. אָן אָנהאַלט. עס האָבן זיך דערמאָנט די קינדערישע יאָרן, דער ראָמאַן פון זשול ווערן מיט דעם אַלטן, וואָס האָט געהיט די אוצרות פון דער ערד און מיט דעם פויגל, וואָס האָט געבראַכט דעם פייער און אונטערגעצונדן און פאַרניכטעט די, וואָס האָבן געוואָגט צו שטערן די רו פון דער ערד.

איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער גראַנדיעזקייט,

פון דער הייל מיטן חושך, וואָס מען האָט געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. די שטיינערנע ווענט, וואָס האָבן זיך פאַרלאָרן אין דער הויך, אונטער דער ערד, אין דעם באַרג, האָט אָנגעוואָרפן אַ מאָדנע מורא, — אַ מורא פאַר אַ בלינדער קראַפט. וואָס וועט זיין, ווען אָט די ווענט זאָלן זיך וועלן צונויפגיין?

מיר זענען אַרויס. אַ מייל ווייט, פון וואַנען מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין די גריבער. מיר האָבן פריי אויפגעאָטעמט. פאַרנאַכט צו זענען מיר געקומען צוריק אין סענט לואיס.

אַ פּאָר קליינקייטן.

דערציילט אונז די „פּאָסט־דעספּאַטש” אין דער יערלעכער אויסגאַבע, וואָס פאַרבייט די אויסגאַבן פון טשעמבער אָוו קאָמערס, אַז סענט לואיס איז די שטאָט פון ביליאָנערן און די רייכסטע אַמעריקאַנער שטאָט, ווייל סטאַטיסטיק האָט דערוויזן, אַז אין סענט לואיס זענען דאָ ווייניקער פרעמדע, ווי אין אַלע שטעט פון אַמעריקע; ווייניקער פרעמד־געבוירענע און ווייניקער געבוירענע פון פרעמדע עלטערן. דער פּראָצענט פון די, וואָס קאָנען נישט ריידן קיין ענגליש, איז אויך דער קלענסטער פון גאַנץ אַמעריקע. דערפאַר איז זי די שטאָט פון ביליאָנערן.

יוניאָנס — נישט אָרגאַניזירט דער גרעסטער טייל.

קעפּ־מאַכערס אַרום 500 אין צאָל. פון זיי זענען געווען אָרגאַניזירט 95 מיטגלידער. מילינערי־יוניאָן אַרום 3000, גאָרנישט אָרגאַניזירט.

שומאַכערס — די גרעסטע אינדוסטריע. צוויי יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדערייששאָן אָוו לייבאָר און די „פּראָטעקטיוו אַסאָסיאיישאָן”; געווײנטלעך, האָט די ערשטע פיינט דער צווייטער און שטערט איר, וווּ מען קאָן. איך ווייס נישט וויפל זענען באַשעפטיקט אין דער אינדוסטריע, נאָר וועגן זייער לאַגע קאָן מען אורטיילן לויט די פאָלגנדיקע פאַקטן.

פריער האָט מען געאַרבעט דורכשניט אין יאָר 48 וואָכן, און

איצט אָבער אַרבעט מען נאָר ביז 42 וואָכן אַ יאָר. און מען אַר־בעט אויס בלויז צווישן 25—30 דאָלאַר אַ וואָך.

דאָס איינענע, וואָס אויבן געזאָגט, קאָן מען זאָגן וועגן די איבעריקע יוניאָנס. אַמאַלגאַמייטעד קלוב פאַרמאָגט 30 מיטגלי־דער; אַרבעטער זענען דאָ אין פאַך פיל מער. אינטערנײשאַנאַל האָט 65 מיטגלידער, ווען אַרבעטער אין פאַך זענען דאָ פיל, פיל מערער.

ניין און צוועלף דאָלאַר אַ וואָך פאַר מיידלעך איז דער גע־וויינלעכער פּרייז.

„צעשמעלצער"

דער ברעג פון מיזורי, אַ שמוציקער און געלער, מיט אַ פעטן אָפּגלאַנץ פון אויל, וואָס ווערט אַרויסגעלאָזן פון די מאַשינען. אַ ברייטער, נישט קיין טיפער. דער „צעשמעלצער" ביים וואַסער. מען האָט מיך געבעטן וואַרטן. דער, וואָס דאַרף מיר ווייזן די פאַבריק, איז פאַרנומען. עס האָט געטראָפן אַן אומגליקס־פאַל: אַ שווער שטיק אייזן איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן אַ פוס פון אַן אַרבעטער. ענדלעך איז געקומען דער פירער. אַ הויכער דיקלע־כער מענטש פון אַ יאָר פינף־און־פערציק, האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר. דער עלטסטער אין דעם „בוקקיפּינג" - דעפּאַרטמענט, אַרבעט שוין אין דעם „צעשמעלצער" אַריבער 15 יאָר.

בין איך צופרידן, גיי אים נאָך, דערציילט ער מיר:

— איצט אַרבעטן ביי אונז ווייניק מענטשן. נישט מער ווי 300 אַרבעטער. פריער, מיט אַ פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק, האָבן דאָ געאַרבעט אַריבער 1800 אַרבעטער. די מאַשינען, וואָס מיר האָבן איצט איינגעפירט, האָבן אונז פאַרשפּאָרט זייער פיל מענטשן.

רעדט אין נאָמען פון „אונז", „מיין", „אונזערע". שווייג איך און גיי אים נאָך. פון דער זייט וואַרף איך אַריין:

— וויפל פאַרדינט דאָ ביי אייך אַן אַרבעטער?

— דער אַלגעמיינער פּרייז איז דריי דאָלאַר אַ טאָג און ביז 4.80 אַ טאָג.

— ווי אַזוי?

— ערשטנס, די געלערנטע אַרבעטער, צווייטנס, איז ביי אונז

א קאָנטראַקטינג־סיסטעם פאַר אָנלאָדן, אויסלאָדן און אַפריקאַניקן. פאַר אויסלאָדן שווערע אייזנס פון די וואַגאָנעס און אויך אָנלאָדן צאָלן מיר דריי דאָלאַר אַ טאָג, אַ חוץ דעם צאָלן מיר פיר סענט עקסטרא פאַר יעדן טאָן אַלס אַ באָנוס. די אַרבעטער קאָנען אפילו אַרבעטן אָווערטיים וויפל זיי ווילן. זיי אַרבעטן טאַקע אויך.

ביי אונז לעבן די אַרבעטער בעסער איידער אין דער גאַנצער שטאָט. איר וועט זען, יעדער אַרבעטער האָט ביי אונז אַ מאַשין און זייער אַ גרויסער פּראָצענט פאַרמאָגן אייגענע הייזער אויך. די קאָמפּאַני גיט זיי אויף אויסצאָלן.

— וויפל שעה אַ טאָג אַרבעט מען?

— 48 שעה אַ וואָך.

ער דערציילט ווייטער:

— מיר האָבן אַן אייגענעם „קלאָב", צו וועלכן מיר אַלע באַלאַנגען.

— אַלע אַרבעטער?

— די אַרבעטער, ניין, — האָט ער זיך אָנגעהויבן צו קווענקלען, — די שטענדיקע אַרבעטער יאָ. די אַרבעטער בייטן זיך זייער אָפט.

— וויפל האָט איר שטענדיקע אַרבעטער, נישט־אָנגעשטעלטע?

— אָ, מיר צאָלן אפילו פּענסיע אויך.

— פּענסיע?

— יאָ, פּענסיע. ווען אַן אַרבעטער האָט אָפּגעאַרבעט ביי אונז צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד, און ווערט אַלט 60 יאָר, קריגט ער ביי אונז אַ פּענסיע.

מיר זענען געגאַנגען. ער האָט געוויזן: וואַש־צימערן פאַר די ווייסע באַזונדער, פאַר די שוואַרצע באַזונדער. אַן אָרט צום עסן. פאַר די שוואַרצע באַזונדער, פאַר די ווייסע באַזונדער. טאָילעטס פאַר די ווייסע באַזונדער, שוואַרצע באַזונדער.

— פאַרוואָס די אַרבעטער, עס זאָל זיין באַזונדער?

— אַזוי איז שוין איינגעפירט.

א שווערער און שטיקנדיקער רויך, וואו עס רייסן זיך דורך פלאַמען פייער. די היץ נישט איבערצוטראָגן. די געבוידע נאָר

א האַך. די איבעריקע זייטן אָפן. ארום — איזיוונס, ווו מען צע־לאָזט די „ציינס".

אַרבעטער אין איינע העמדלעך, אויסגעצויגענע, בלייכע פּנימער מיט רויט־פאַרלאָפענע אויגן. פיל פון זיי הוסטן. פיל פון זיי טראָגן בלויע אויגן־גלעזער. פיל פון זיי טראָגן עפּעס אזעל־כע לאַנגע גענזער. שוואַרצע און ווייסע אַלע אינאיינעם אַרבעטן. נישט צעטיילט. ווי איז ווינטער אין דער אָפענער געביידע, ווען עס בלאָזט דער שטאַרקער פּראַסטיקער ווינט? ווי איז, ווען עס שנייט? איך האָב אים שוין נישט געפרעגט. צו וואָס? מען זעט דאָס.

ער האָט מיך לאַנג נישט געלאָזט שטיין אויף איין אָרט.

דאָרט, ווו עס שרייען חזירים

אָמאַהאַ „פּעקינג" באַשעפטיקט 14.000 מענטשן. אין 1924 האָבן זיי געקוילעט אריבער פינף מיליאָן קעפּ לעבעדיקע בהמות און חזירים. דאָס איז 65 פּראָצענט פון דעם גאַנצן, וואָס גייט אריין אין אָמאַהאַ, דעם גרעסטן „סטאָק מאַרקעט" אין אַמעריקע. ארום 24.000 קעפּ א טאָג קומט אריין אין אָמאַהאַ.

מען האָט געדאַרפט וואַרטן, ביז דער וועג־ווייזער איז געקו־מען. לאַנגוויייליק און שווער, צוליב דעם שווערן גערוך, עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. א מאָדנער גערוך איז דאָס געווען. ער לאָזט זיך פילן, ווען דו גייסט ארויס פון דעם שלאַכט־הויז. וויפל דו זאָלסט זיך נישט וואַשן און בייטן די וועש, קליידער, פאַרפאָלגט דיך דער גערוך. ווי אזוי די אַרבעטער אַרבעטן דאָרט, איז שווער צו פאַרשטיין.

לאַנגווייליק. האָב איך דערזען ליגן אויף צוויי בענקלעך צייַ־טונגען. איבער די בענקלעך אָנגעשריבן: „יעדער קאָן נעמען", האָב איך גענומען. עס ווערט ארויסגעגעבן פון דער קאָמפּאַני פאַר די אַרבעטער. עס הייסט „דהי אַרמאַר אָוואַל", א וואָכנבלאַט. לעז איך:

דער „ביג טשיף" שפּילט גוט אין „ברידזש", דער „סופּער־אינטענדענט" האָט געביטן זיין אַלטן „פאָרד" אויף א „נעש",

אַן אַנדערער האָט געקויפט אַ „ראַדיאָ“, אַ דריטער איז אַוועקגע־פאָרן אויף זיין אַפּרו און מען ווייסט נישט וווהין, ביי אַ פערטן האָט מען געגנבעט דעם אויטאָמאָביל. בלויז יענער קאָן קריגן זיינע זיבן פּראָצענט אויף דעם סטאָק, וואָס ער האַלט, פון דער קאָמפּאַני, ווען ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין דער קאָמ־פּאַניע אַן איבעררייס.

איך האָב דאָס אַוועקגעוואָרפן. צו דעם איז צוגעקומען דער פידער און מיר זענען אַוועק.

נישטאָ קיין ווענט. רויע שטיקער פלייש, ווי גלאַנציקע שטי־קער ווייכע געפּראָרענע פיסנאַיע, וואָס מען מאַכט אין דער היים, זענען אַראָפּגעהאָנגען פון אייזערנע פאַרבויגטע נעגל. די שטיקער, פאַרשידנפאַרביק, פון גלאַנציק־וויים ביז העל און בלייך־רויט. זיי זענען געשווומען אין אַן אייגטאָניק געלאָסענעם און פוילן שווונג.

נעבן די שטיקער ווייכע פלייש, ווי שוואַרצע פלעקן פון גרויסע קראָען, האָבן זיך געהויבן מענטשן, וואָס האָבן ריטמיש ווי דער טאַקט פון דעם זייגער, דאָ געשניטן מיט אַ גרויסן מעסער, דאָ געהאַקט מיט אַ גרויסער האַק, דאָ געלעבערט מיט אַזאַ גרויסן שאַרפן אייזן.

עס האָט זיך געהערט אַ שווער סאָפּען, אַ פאַל פון שווערע טראָפּנס בלוט אויף דער האַרטער ערד, האַרטער קראַך פון צע־בראָכענע ביינער, פון צייט צו צייט אַ שטילער אויסגעשריי פון איינעם, וואָס האָט נישט געקאָנט, אין צייט, נאָכהאַלטן דאָס גע־שלעפּטע פלייש: ער האָט געדאַרפט נאָכגיין זייענדיק אין סכנה אַרונטערצופאַלן אין רימען. און די שטיקער ווייכע, וואַרימע, זיס־לעך־שאַרף־רויכיקע שטיקער זענען געשווומען מיט אַזאַ אייגנע־עקשנטקייט, מיט אַזאַ איינגעגעסענער איינגעשפּאַרטקייט, אַז מען האָט געקראָגן מורא פאַר זיי.

פרויען, אויסגעשמירט אין אַ רויטער זאַפטקייט. די הענט, דאָס פּנים, אויסגעמאָלט פון דער אייגענער רויטקייט, ווי די אַלטע אינדיאַנער צו דער מלחמה, זענען געשטאַנען אַרום אַזעלכע גרוי־סע קוישן און געוואָרפן שטיקער אָפּגעשניטענע לונגען, לעבערס, הערצער, וואָס זענען פון זיי אַוועקגעשווומען געוואָרן אינאיינעם

מיטן רימען, וואָס האָט זיך געדרייט און געצויגן ווי די שלאָפלאָזע נעכט פון דעם איינזאַמען אַלטן, וועלכער איז געבליבן איינער אַליין אויף זיין עלטער.

קישקעס, גלאַנציקע אָפּשטויסנדיק - שטיקנדיקע, האָבן זיך געוויקלט און זענען אויסגעלייזט געוואָרן אין אַזעלכע גרויסע עמערס, וואָס זענען אויך געשוואומען אָן אַן אָנהויב, אָן אַן אויס־לאָז. איבער דעם אַלעם האָט זיך געטראָגן אַ שווערע שטילקייט פון מענטשן, וואָס זענען שוין קיין מענטשן נישט, נאָר אויטאָ־מאַטן, אָן אַן אָטעם, כדי וואָס ווייניקער אַריינצואָטעמען אין זיך דעם שטיקנד־שווערן און געפערלעכן אָטעם פון דעם אָפּפאַל, וואָס איז געמישט מיטן ריח פון בלוט, פעל און שווייס.

ער האָט אונז געפירט פון איין אָפּטיילונג אין דער צווייטער. מען מאַכט דאָ פאַרשידענע פליישן; צום לעצט האָט ער אונז אַרויסגעפירט אויף אַ פלאַכן דאַך און צוגעפירט צו אַ פענסטערל, פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן קוויטשעדיקע קולות פון חזירים. מיר האָבן אַריינגעקוקט.

אַ פינסטערע גרוב, איך ווייס נישט ווי טיף. אַלענפאַלס האָט דאָס אויסגעזען פאַר אונז זייער טיף. צוויי מענטשן. איינער כאַפּט אונטער און גלייכט אויס די חזירים, וואָס שווימען אַרויס פון אַזאַ שטייג, אָנגעהאָנגען פאַר איין פיסל מיטן קאָפּ אַראָפּ, און דער צווייטער מיט איין מאַך מיט דער האַנט שטעקט זיי אַריין אין האַלז אַזאַ שאַרפן לאַנגן שפּיז.

איינס, איינס, איינס, פאַלן אַראָפּ די חזירים פון שטייג, שריי־ען, קוויטשען, מיט באַנומענע קולות, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוווסט, אַז זייער סוף איז נאָענט און דער מענטש אונטן שטעכט זיי דעם מעסער, איינעם נאָכן צווייטן, און זיי שווימען ווייטער. זיי שווימען, צאַפּלען זיך, שרייען און שטיקער בלוט, פאַנ־טאַנען בלוט, יאָגן אין אַלע זייטן. די פאַר מענטשן, אונטן, זענען נישט קיין מענטשן, נאָר באַוועגנדע שטיקער בלוט.

שווימען די חזירים ווייטער, אייניקע פון זיי צאַפּלען זיך נאָך, הויבן זיך אַרויף צו אַ פאָר מענטשן, וואָס שטייען פאַר אַ

קאַכיקן, טיפּן קעסל. מיט איין דריי פון אַ קייט ווערן די חזירים אָפּגעטשעפּעט און פיל מאָל נאָך לעבעדיקע פאַלן זיי אַריין אין קאַכיק, שטינקנדיק וואַסער און ווערן פאַרשווונדן ערגעץ, ווו זיי ווערן צעהאַקט און צעשניטן.

ווי מען קוילעט אָקסן האָב איך שוין נישט געוואָלט זען.

פ ר ו י ע ן

1) די פֿרוי פֿון דער לעבעדיקער הויז
2) אין דער גרויסער שטאָט
3) פֿילאַדעלפֿיער צווילינג
4) אין אַ פֿרעמדער שטאָט
5) איין טאָג לעבן
6) דער שניידער רחמיאל
און דער מלאך גבריאל

די פרוי פון דער לײדיקער הויז

העסטער אָדער הענרי סטריט, לודלאָוו אָדער אָרטשאַרד סטריט. איז נישט אַלץ אײנס?

ווי אַזוי וואַרפט אַרויס אַ „לענדלאָרד" זײַן „טענענט"? גײט אין געריכט, נעמט אַרויס אַ „דיספּאָזעס". קומט דער מאַרשאַל מיט צוויי מענטשן און וואַרפט אַרויס אַלע בעבעכעס אין מיטן גאַס און די קלײב זיי און שטעל אויס אויפן „סײַדוואָק" קעגן דער טיר פון הויז, וווּ די האָסט געוווינט. מענטשן גײען פאַרבײַ, קוקן זיך אום, אַנדערע טוען אַ זיפץ, אַ קרעכץ, אַנדערע שילטן אויס דעם לענדלאָרד — די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג און גײען ווײַטער. דער אַרויסגעוואָרפענער ווייסט נישט וואָס צו טאָן. נאָר נישט אַזוי איז געווען מיט סערע לעווענגאַרד.

סערע לעווענגאַרד וווינט שוין אין דער גאַס און אין ־ער שטוב אַ שײנע פּאָר יאָר. קײנער האָט פון איר נישט געהערט און זעלטן ווען געזען.

די שטוב ווו זי האָט געוווינט, האָט נאָך געהערט אַ רעדע פון אײבּראַהאַם לינקאָלן. פון דרויסן האָט זי אויסגעזען, ווי אַן אַלטע באָביצע מיט אַ פאַרבונדענער באַק און פּיפּקע אין מויל. אינגעוויניק, קלײנינקע, פינסטערע צימערלעך. קאַלטע, נישט הײמלעכע, שטענדיק אין זיך געהאַלטן דעם גערוך פון די פערד, וועמענס שטאַל עס איז געווען אויפן אונטערשטן פלאָר.

סערע לעווענגאַרד האָט פאַרנומען צוויי פינסטערע צימערלעך אויף דעם טאָפּ־פלאָר. שטענדיק געצאָלט אין צײַט דירה־געלט. פון די שכנים האָט קײנער נישט געוווסט וויפיל צײַט זי וווינט שוין דאָ. ווײַל אַלע שכנים, וואָס האָבן דאָ געוווינט האָבן זי שוין געטראָפן, ווען זײ האָבן זיך אַרײַנגעקליבן. זײ האָבן געדענקט, אַז זי איז די באַלעבאָסטע פון הויז, נאָר זי וויל נישט אויסזאָגן. נישט איין קללה האָט זי אַרײַנגעכאַפּט אומשולדיקערהייט. איצט, ווען

מען האט זי ארויסגעווארפן אין גאס, האבן די שכנים זי דערזען צום ערשטן מאל. איבער איר אביסל געזיפצט, פארגאסן א פאר טרערן, געשאלטן דעם באלעבאס פון הויז, — זשאלעוועט אפילו א שטאל און די שטוב איז דאך ערגער פון א שטאל — און גע־גאנגען זייער וועג.

סערע לעוועגארד איז געזעסן אויף אירע בעבעכעס. וואס האט זי געהאט? אן אייזערן בעטל, איין פוס אויסגעקרימט, אזוי, אז זי האט געמוזט די פיס פארבייטן מיט א קעסטל. צוויי צע־בראכענע בענקלעך, א טיש, וואס איז געלעגן און נישט געקאנט שטיין. א פאר קישעלעך — מען האט נישט געקאנט דערקענען זייער קאליר, — א מאטראץ, וואס האט אויסגעזען ווי אן אלטער, שמוציקער זאק און נאך עפעס א קעסטל, ווו עס זענען געווען אנגעווארפן א פאר ציינענע טעפלעך, געקויפט אין צען סענט סטאר, און אזוי זאכן, וואס מען האט נישט געקענט פארנאנדערקלייבן, וואס דאס איז.

די גאס א שמאלע און שמוציקע, פון בײדע זייטן פעדלערס. זיי אלע האבן געשריגן, געליארעמט, גערופן און זיך געשאלטן. פארקויפט בערשטלעך, אונטער־וועש, זייף, ברויט, אייזנווארג און עפל צו די גראבע אנגעגאסענע, אויסגעהארעוועטע ווייבער, וואס האבן געציטערט, ארויסנעמענדיק פון בייטל די פאר ארימע פעניס.

די הייזער. הויך, טונקל און שמוציק. און דאס אלץ, מיט דער צעהאנגענער אונטער־וועש צו טריקענען זיך איבער די קעפ, האט געשאפן די סימפאניע פון דער אייביקער ארעמקייט, פון דעם אייביק הונגעריקן אויסגעשריי.

סערע לעוועגארד רירט זיך נישט פון ארט. קיינער ארט זי נישט. אויף איר פארעלטערטן פנים א שארפער אויסדרוק פון פארביסענער ענערגיע.

איינע, א גראבע פרוי, וואס האט נישט ווייט פארקויפט ברויט, האט איר צוגעטראגן צוויי עפל און א פאר בייגל.

— וווהין וועט איר איצט גיין? ווען איך האב וווהין, וואלט איך אייך צו זיך אריינגענומען. פינף פיצלעך און דער מאן איז אויך קראנק.

א קראמף ווי א כוואליע האט א שאס געטאן איבער סערעס

פנים. זי האָט גאָרנישט געזאָגט. מיט אַ שטילן האַנט האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און איז אַוועק.

פאַרנאַכט צו. עס איז שוין געווען פינסטער. די פעדלערס זענען שוין נישט געווען. די גאַס וואַילגאַטש, צוגעדעקט מיט ווייסע לאַטעס צייטונגען און פּאַפּיר. די טונקלהייט, אַ שווערע און שטיקנ־דיקע, ווי פון אַ מאַסע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס ווערן דער־שטיקט אין זייער אייגענעם אָטעם, באַשעפענישן, וואָס לײַדן פון אַסטמע.

זי איז צוגעקומען, פאַרנומען אַביסל זאַכן. האָט ערגיץ אַוועק־געטראָגן. איז ווייטער געקומען. ביז עס איז נאָר איבערגעבליבן דער צעבראָכענער טיש, אָנגעוואָרפענע שמאַטעס, בענקלעך.

אַ ליידיק הויז. אויף דער אייגענער גאַס. אויף דער צווייטער גאַס. איז דען נישט אַלץ איינס? עס זענען דאָ אין דער איסט סייד, אין דער יידישער געגנט, אַזעלכע פאַרמאַכטע הייזער, וואָס קיינער באַוווינט נישט.

אַ הויז אַזאַ. אַ פינף שטאָקיקע. די פענסטער צעבראָכן, פאַר־מאַכט. די ווענט, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעשמירט פון בלאָטע, געמישט מיט בלוט. ערגעץ אין אַ ווינקל, נעבן פייער־ליימער, הענ־גען נאָך אַ פּאָר צעריסענע שמאַטעס, אַן איבערבלייבעניש פון די, וואָס האָבן דאָרט אַמאָל געוווינט. דער אַריינגאַנג אין דער הויז — אַ לאַנגע פינסטערע לאָך מיט אויסגעגראָבענע גריבער און ווענט באַדעקט מיט אַ קאַלטער פייכטקייט.

די הויז איז ליידיק, פאַרקלאַפּט פון אַלע זייטן, ווער ווייס וויפל צייט שטייט זי אַזוי? אין אַ טאָג איז אַריינגעקומען דער באַלעבאָס פון הויז. ווער ווייס צו וואָס? ווען דער באַלעבאָס איז דערגאַנגען צום לעצטן פלאָר, האָט ער דערזען אַ קרומע בעט, אַ פרוי אומגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט, אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ און אַ קליין אויוועלע, וואָס האָט עפּעס געקאָכט.

— העלאָ! — האָט ער אויסגעשריגן פאַרוווּנדערט — וואָס טוט איר דאָ אין מיין הויז? — און ווען די פרוי האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דערקענט סערע לעווענאַרד.

סערע לעוועגגארד האט זיך גאנץ קאלטבלוטיק אומגעקוקט און באדאנקט דעם באלעבאס פאר זיין הויז.

— דאס איז בעסער אייהער אין מיין פריערדיקער דירה, פון וואנען מען האט מיך ארויסגעווארפן.

אין פלוג האט דער באלעבאס נישט געפונען, וואס צו זאגן, נאר באלד האט ער זיך געכאפט און אויסגעשריגן:

— ווער האט דיר דערלויבט צו וווינען אין מיין הויז?

— קיינער נישט.

— ווער האט דיך אריינגעלאזן?

— קיינער נישט. עס איז געשטאנען א ליידיק הויז, האב איך זיך אריינגעקליבן. איך האב נישט געהאט וווּ צו זיין.

— שוין לאנג, אז דו ביסט דא?

— א פאר וואכן.

— 25 דאלאר — האט ער אויסגעשטעלט זיין האנט.

סערע לעוועגגארד האט זיך נאר צעלאכט.

— וווּ זאל איך נעמען? די שטוב שטייט סיי ווי סיי ליידיק.

דער באלעבאס האט זיך צו איר א ווארף געטאן.

— דו אויסגעלאסענע איינע. ארויס פון מיין שטוב, גלייך זאלסטו מיר באצאלן. איך וועל דיר פון פענסטער ארויסווארפן, — נאר ער האט זיך גלייך אפגעשאקלט. דער געלבלעכער, פאר־קניטשטער פנים פון סערע לעוועגגארד איז געווארן קראמפהאפט צונויפגעצויגן און אירע אויגן, טונקעלע און טיפע מיט זעקלעך אונטער זיי, זענען שיער נישט ארויסגעקראכן פון זייערע לעכער. זי האט נאר שטיל דורך די ציין אויסגעזשיפעט — ארויס פון דאנען!

— וואס? — האט יענער נישט פארשטאנען. — פון מיין הויז?!

— ארויס! — האט זי ווידער איבערגעחזרט, די קאץ איז געשטאנען נעבן איר אויסגעבויגן דעם רוקן, אזוי ווי זי וואלט אויך גרייט געווען אונטערהעלפן דער באלעבאסטע אירער.

— איך וועל ארויפברענגען א פאליסמאן! — איז ער ארויס־געלאפן.

סערע לעוועגגארד איז געבראכט געווארן פארן ריכטער.

די געוויינלעכע פראגן.

— ווי איז דיין נאמען?

— סערע לעוועגגארד.

— ווי אלט?

— 48 יאר.

— פארהייראט?

— יא.

— וווּ איז דיין מאן?

— אין קאליפארניע.

— וואס טוט ער דארט?

— ליגט אין סאנאטאריום פאר שווינדזיכטיקע.

— דו ווייסט, אז מען טאר נישט וווינען אין א פרעמד הויז אן באצאלט און אן דער דערלויבעניש פון דעם אייגנטימער?

— יא.

— דו ווייסט, אז פאר דעם קומט א שטראף.

— יא.

— היינט פארוואס האסטו זיך אהין אריינגעקליבן אן דער דערלויבעניש פון דעם אייגנטימער?

— וואס האב איך געזאלט טאן, אז פון פריערדיקער דירה האט מען מיך ארויסגעווארפן און די שטוב שטייט דאך סיי ווי ליידיק?

— די שטוב איז נישט דיינע.

— און איך אליין בין מיינע?

דא האט זיך אריינגעמישט דער באלעבאס:

— יור האנאר, זי האט זיך געווארפן צו מיר שלאגן, ווען איך האב ביי איר געפאדערט געלט און מיך ארויסגעטריבן פון מיין אייגן שטוב.

סיי די ריכטער און סיי די, וואס זענען געווען אין געריכט, האבן זיך צעשמייכלט, אנקוקנדיק דעם גראבן בלוטדרויטן, אנגע־פרעסטען אייגנטימער פון הויז און די קליינע, דארע אויסגע־הארעוועטע סערע לעוועגגארד.

דער ריכטער: וואָס האָסטו צו זאָגן וועגן דעם?

סערזש לעוועגאַרד:

— גאָרנישט. איר זעט דאָך אַליין, האָב איך געקענט וועלן שלאָגן? ער איז דאָך געזינטער פון מיר.

— דו וועסט זיך מוזן אַרויסקלייבן פון זיין הויז.

— וווהין?

— וווהין דו ווילסט. דער געזעץ דערלויבט נישט צו וווינען אין אַ פרעמדער שטוב און נישט צאָלן אויך.

— אָבער זי שטייט דאָך ליידיק?

— דאָס איז נישט אונזער דאגה.

— איך האָב זיך נישט וווהין אַרויסצוקלייבן. איך האָב נישט וווהין צו גיין — און נאָך אַ קליינעם שווייגן — יור האָנאָר, דערלויבט מיר איך דערציילן.

— אָל - רייט, דערצייל.

— יור האָנאָר, איך בין דאָ שוין אַריבער דרייסיק יאָר אין אַמעריקע. מיין מאַן איז געווען אַן אַרבעטער און באַלאַנגט צו אַ יוניאָן. מיט אַ יאָר צוריק, ביי אַ סטרייק, האָט מען אים אַזוי צעקלאַפּט, אַז ער האָט אָנגעהויבן קרענקען און באַקומען שווינד-זוכט און איך האָב אים געמוזט אַוועקשיקן אין אַ סאַנאַטאָריום. פאַר דער צייט, וואָס מיין מאַן האָט געקרענקט, האָבן מיר פאַר-קרענקט אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט. איך אַליין בין אַוועק אַר-בעטן, איך האָב געהאַט אַ פּלאַץ צו רייניקן, אַלע ביינאַכט, אין אַ געביידע אויף פינפטער עוועניו. יור האָנאָר, איר ווייסט וואָס פאַר אַ קליינע פאַרדינסטן זענען ביי אַזאַ אַרבעט און עס האָט מיר קוים געקלעקט פאַר זיך עסן. נאָר דאָך האָב איך די גאַנצע צייט געצאָלט פאַר דער דירה וויפיל איך האָב געקענט. איך בין שוין נישט קיין יונגע און אין איין שיינעם טאָג האָט מען מיר אָפּגע-זאָגט פון מיין אַרבעט, מען האָט געפונען אַ יינגערע, וואָס קען מאַכן צוויי פלאָרס פאַר די אייגענע געלט, און צו דעם האָב איך נאָך אָנגעהויבן קרענקען אויך. די עלטער, — האָט זי ביטער אַ שמייכל געטאָן. — כ'האָב שוין מער ניט געקאָנט צאָלן פאַר מיין דירה. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער אייגנטימער האָט מיך אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? וווהין גיין האָב איך נישט.

צו וועמען ווענדן זיך איז נישטאָ. האָב איך יענעם טאָג געוואָלט זיך אַריינוואַרפֿן אין וואַסער אַריין, צו וואָס טויג אַזאַ אַלטע ווי איך, וואָס קען קיין צוויי פּלאַרס נישט מאַכן? הרגענען זיך? מען טאָר נישט, גאָט האָט נישט געהייסן, און גייענדיק אַזוי איבער דער גאַס, האָב איך דערזען די ליידיקע הויז. איך ווייס, איך בין אַן אַלטע איינוווינערין אין דער געגנט, אַז די שטוב שטייט שוין ליידיק אַ פּאָר יאָר, האָב איך גערעכנט, אַז איך וועל קיינעם נישט טאָן קיין שאָדן, ווען איך וועל זיך אַהין אַריינקליבן. איך האָב דאָרטן אָפּגעוווינט אַ פּאָר וואָכן, ווען ער איז געקומען און מיר געדראָט, אַז ער וועט מיך פֿון פֿענסטער אַרויסוואַרפֿן אויב איך וועל אים נישט באַצאָלן. און נאָך דעם האָט ער אַרויסגערופֿן אַ פּאָליסמאַן און מיך געבראַכט פֿאַר אייך. וואָס זאָל איך איצט טאָן? וווהין זאָל איך איצט גיין? — האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אין גאַנצן אַ צונויפֿגעבראָכענע און מיט אַ פֿאַרגראָבענעם קאָפּ אויסגערעדט — אויף מיין גאַנץ לעבן האָב איך ערלעך פֿאַרדינט מיין שטיקל ברויט. צו קיינעם נישט אָנגעקומען און ביי קיינעם נישט פֿאַרנומען.

דער ריכטער האָט געמאַכט אַ געלט־זאַמלונג ביי די אַנוועזנ־דיקע אין קאָורט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט 5 דאָלאַר מיט 54 סענט און האָט זי פֿרייגעשפּראָכן.

אין דער גרויסער שטאָט

גרוי, טונקל־גרוי. ווי פֿאַנטאַסטישע חיות, הויבן זיך די גרויסע און קלייגע הייזער, וואָס שליגגען איין אין זיך און האַלטן אָט די קלייניגקע ווערימלעך, וואָס רופֿן זיך אַליין מענטשן. ווי מיט טויזנט אויגן קוקן זיי מיט זייערע פֿענסטער, וואָס זעען אויס ווי פֿאַרקאַשערטע ווייס־אַפּלען פֿון געשטאָרבענע; זיי וואַרטן, זאָגן און וואָרענען — ווער קען וויסן וואָס, וועמען און פֿון וואָס.

קלייניגקע צימערלעך תּפֿיסות. מענטשן ווי הערינג אָנגעפּאַקט, נאָר צום שלאָפֿן, עסן און קינדלען.

שלאָגט דער זייגער פֿינף. ווי דאָס חלבענע ליכט צוקאַפּנס פֿון אַ טויטן, פֿלאַטערן אויף די איינצלנע פֿייערלעך פֿון די נישט־אויסגעשלאָפֿענע, וואָס גרייטן צו די לאַנטש־פּעקלעך. שלאָגט דער זייגער נאָך אַ האַלבע שעה, איילנדיק און פֿאַרשלאָפֿן, מיט אַ פֿאַרשוואָלענע צונג און שלעכטן נאָך־טעם אין מויל איילט מען זיך טרינקען די וואַסערדיקע טיי און מען לויפֿט. מען לויפֿט צום לופֿטבאַן — צו דער הויב־מאַשין אין שאַפּ ביי דער אַרבעט, אַזוי אויך צוריק, און אַזוי אַלע טאָג, אַלע טאָג.

פֿיר און דרייסיק יאָר אַלט — נישט קיין סך. אין פֿולער קראַפֿט פֿון לעבן. פֿיל מאָל צו 34 יאָר פֿאַרענדיקט מען שוין דאָס אַלץ — אי דעם לעבן, אי די ליבע.

צו 34 יאָר אין אַ קליינעם מעבלירטן צימערל, וואָס האָט דעם כאַראַקטעריסטישן גערוך פֿון אַלע מעבלירטע הייזער, מיט זייער שרעקלעך־איינגעשפּאַרטער איינזאַמקייט. נישט זייער פֿריילעך.

צימערלעך — פֿיל, טירן — וויפֿיל צימערלעך. אין די צי־מערלעך מענטשן — אויך דאָס איינענע. אָפּגעלעבט פֿיר יאָר, פֿינף יאָר, זעקס יאָר אין אַזאַ אָרט, געקענט נאָר די באַלעבאָסטע, גע־

צאָלט הײם װאָכנטלעכן אַפּצאָל פאַרן צימער און װײַטער געקעגט די טרעפּ, די טרעפּ און די טרעפּ.

די צײַטונגען אין דער פרי. יעדער מענטש אין שטאָט מוז לײענען אַ צײַטונג. דערצײלן זײ מיט גרױסע קעפּ:

„געגאַנגען... זענען אים נאָכגעגאַנגען צװײ מענטשן און מען האָט אױף אים געמאַכט אַ „האָלד־אָפּ.“

„אױף אַ לײדיקן אָרט הינטער אַ געבײדע האָט מען געפונען דעם קערפּער פון אַ יונגער מײדל. די קלײדער צעריסן, פאַרגװאַל־דיקט, נאָכדעם דערװאָרגן.“

האָט מען מורא אַלײן צו גײן בײַנאַכט. פאַרשליסט מען זיך אין הױז. און אַזױ האָט געלעבט ראָזע ליכטענבערג.

ראָזע ליכטענבערג, אַ שטילע װי אַ טױב, — אַזױ האָבן אױף איר געזאָגט די, װאָס האָבן זי געקענט. אַ קינד פון אַ שוחט אין אַ קלײנעם ליטװישן שטעטל, איז די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה אַרײַנגעפאַלן אין אַמעריקע צו אירן אַ קרוב — אַ גאַנץ פרומען ייד. הינטער זיך האָט זי געלאָזט איבערגעלאָזן, אַ חוץ דעם דערהרגעטן פאָטער, פאַרגװאַלדיקטער און אױך צעריסענער מוטער און אַ גאַנצער קײט לײדן, צרות און פּײַן.

אין אַמעריקע געאַרבעט, „געמאַכט אַ לעבן“ און חתונה געהאַט. איז דער מאַן אין אַ פּאָר יאָר אַרום געשטאָרבן. געהאַט אַ קינד, איז דאָס אױך געשטאָרבן. דער קרוב אױך געשטאָרבן, און פון די צװײ צימערלעך מיטן מאַן האָט זי זיך אַרײַנגעקליבן אין אײנעם — פאַר 4 דאָלאַר אַ װאָך. איבערגענוג.

מען דאַרף לעבן, אַרבעט מען װײַטער, אַלע אײנדערפרי מיט דעם פעקל עסן צו דער אַרבעט, אַלע פאַרנאַכט אַן דעם פעקל פון דער אַרבעט. שטיל װי אַ טױב. די גרױסע שטאָט האָט פײַנט שטילע, איז זי שטענדיק אַלײן, אײנזאַם.

די גרױסע שטאָט האָט פײַנט אײנזאַמע. װאָס זאָל מען אָבער טאָן, װען מען איז דאָך אײנזאַם? זיצט מען אין שטוב, קוקט מען אַרױס אין פענסטער. און װען די פענסטער גײען אַרױס אין „בעק־יאַרד“ (אין הינטער־הױף) און װען די הינטערשטע פענסטער פון די אַנטקעגנדיקע הײַזער זענען נישט פאַרדעקט, זעט מען.

זעט מען ליכטיקע צימערן. געגרײטע טישן. אַ בלױען עלעק־

טרישן לאמפ. קינדער זיצן ארום טיש. יעדער איז פארנומען מיט זיין ארבעט. עס קומט אריין דער מאן, נעמט ארום און קושט דאס ווייב, וואס באגעגנט אים אין א ווייסן פארטוך, צוגעקעמט און צוגעקליבן און אויסגעפוצט, און מען זעצט זיך עסן דעם „סאפער". האט זי דאס טאקע געזען? ניין, זי האט דאס נישט געזען, ווייל זי האט געוווינט אין אן ארימער געגנט, א געגנט פון ארבעטער.

זי האט געזען קליינע אנגעפאקטע צימערלעך, ווו צען־יאריקע קינדער פירן די באלעבאטישקייט, ווו נאכן עסן נעמט זיך די אנ־געהארעוועטע מוטער פארריכטן די קינדערשע און מאנס קליידער און ווו דער געשריי פון דעם נישט־אנגעזעטיקטן איינזאמען הונגער טראגט זיך ביז אין הימל.

זי האט געזען: דער מאן קומט פון דער ארבעט. ער ארבעט צוויי טעג א וואך. ער זעצט זיך צו זיין ארעמען מאלצייט. קומט אריין דער באלעבאס פון דער דירה מאנען געלט. זי האט געזען: די פרוי וויינט, בעט זיך ווארטן; דער באלעבאס שרייט, ער וועט זיי ארויסווארפן — דאס האט זי נישט געהערט — און דער מאן זיצט מיט פארדריקטע פויסטן און בייסט די ליפן. זי האט ווייטער געזען: דער מאן איז צוויי טעג נישט געווען אין דער היים. און ווען ער איז געקומען, האט ער פאר דירה באצאלט און פאר די קינדער קליידער געבראכט און... שפעטער א ווײַלע האט מען אים ארעסטירט. מיט איין ווארט, זי האט געזען פאר זיך א פאר־שטעלונג אין א „מואווי", וואס איז פארגעקומען אויפן וואר. און זי האט מורא געהאט. און נאך איינזעקשנט־איינזאמער געלעבט.

איז זי איינזאם. וואס טוט מען אין די אוונטן? דער קערפער־פארדערט זיינס. קעגן דער נאטור קען מען נישט גיין. ווו נעמט מען די צערטלדיקע האנט פון דעם מאן, ווו נעמט מען די הייסע ליפן און לײַדנשאפטלעכן בונד פון די געפלאכטענע אברים? ווו נעמט מען דעם הייסן אטעם און נאך מער הייסע אומארמונג פון דעם מאן? די בעט זעט אויס אזוי נישט פריינטלעך און די בלוטן שרייען געוואלט.

אין דער גרויסער שטאט איז מען איינזאם און נאך מער איינזאמקייט גיבן צו די טעגלעכע צייטונגען. אויף די ערשטע

זייטן מיט שרייענדיקסטע „קעפּל" דערציילט מען וועגן די, וואָס האָבן אַלע ווילטאָגן פֿון לעבן.

„די באַראָנעסע איז געקומען צופֿאָרן און האָט מיט זיך געבראַכט אַזוי פֿיל צירונג. די־און־די פֿאָרט אַף אַהין־און־אַהין אויף דער־און־דער צייט, האָט זיך געקויפֿט אַ פּרינץ. די־און־די האָט זיך גענומען דעם שאָפֿער. — „הונדערט פּראָצענט מאַן". אַלץ אין די גרויסע געלטער, מיט גרויסע פֿאַרגעניגנס. און ווידער די שלאָף־צימער־געשיכטעס, ווידער סקאַנדאַלן, און ווייטער, אין אַ ווינקל, עס זאָל זיך נישט וואַרפֿן אין די אויגן:

„דער־און־דער האָט זיך פֿאַרסמט מיט ווייב און קינדער, נישט געהאַט קיין אַרבעט. דער־און־דער האָט זיך אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן באַן צוליב הונגער. די־און־די האָט מען געפֿונען פֿאַרחלשט, נישט געהאַט וואָס צו עסן".

און די גרויסע מורא פֿאַר דער שטאָט און די גרויסע מורא פֿאַר דעם מאָרגן האָט זי געהאַלטן און נישט אָפּגעלאָזט. וואָס זאָל מען טאָן? מיט וועמען זאָל מען רעדן און צו וועמען זאָל מען זיך ווענדן?

פֿאַרשלאָסן אין זיך איז די גרויסע שטאָט. פֿאַרשלאָסן זענען די טירן פֿון די שכנים. מיט צוויי שלעסער פֿאַרשלאָסן. מען זעט קיינעם נישט. אַזוי ווי אויף אַ וויסטן אינזל. און די צייטונגען? אַזאַ ספּעציעלע אָפּטיילונג. בריוו־שרייבער און עצה־פֿרעגער.

שרייבט מען אויך אַזאַ בריוו אין דער צייטונג און מען בעט אַן עצה, וואָס זאָל מען טאָן? דאָס לעבן איז קורץ און די שטאָט עסט דיך אויף און אַ מורא איז אין די ביינער און... דער גרויסער טרויער און די רייזיקע איינזאַמקייט פֿון דער שקלאַף־פֿרוי.

אַ צייטונג איז אַ „ביזנעס". אַ גרויס קליידער־געשעפֿט נוצט אויס אַ באַנקראָט, אַ שׂריפֿה, אַ טויט. אַ צייטונג נוצט אויס די לײדן און צרות פֿון איינצעלנעם. אין דעם לאַנד פֿון דער קלאַסישער רעקלאַמע זענען די מענטשלעכע צרות דער בעסטער מיטל; אינאיינעם מיט דער שלאַנג פֿון קאָנגאָ, פֿאַרזעעניש פֿון אַ קוני־איילאַנדער באַלאָנאַן און פּרינץ אַלבערט ווערט דער פּרוים בריוו אויסגענוצט. אַזוי ווי צו דעם קעניג פֿון ענגלאַנד, מיניסטער פֿון פֿראַנקרייך, צי דער פּויסט־טשעמפּיאָן פֿון אַמעריקע ווערן געשיקט

ציימונגס־לייט אויסצופרעגן זייערע מיינונגען וועגן דעם גאנג פון דער וועלט, פאלן פון פראנק, רוסישע רעוואלוציע, פערסישן אויל, אזוי איז מען געקומען צו דער פרוי. און די פרוי —

„איינזאם און אומעטיק איז דאס לעבן. אביסל פריילעכקייט, אביסעלע פארגעניגן. קענען ארויסגיין נאך זיבן אזייגער אין גאס. זען כאטש עפעס, פילן כאטש עפעס. וואס איז דאס לעבן ווערט? פריילעכער צו שטארבן".

דאס מענטשלעכע לעבן איז א רעקלאמע, מענטשלעכע צרות זענען אן „אדווערטייזמענט". נאך מערער די צרות פון דער פרוי. שיקט מען דעם העפארטער און יענער גראבט זיך, גראבט זיך וויפל ער קאן אין דער פרויס נשמה. און די פרוי וויינט, און די פרוי בעט זיך, און די פרוי קלאגט:

„וואס איז מיין לעבן? דער מאן געשטארבן. די שטאט איז גרויס. ווער זאל דיך באגלייטן אהיים? ארבעטן דעם גאנצן טאג און ביינאכט?"

און דער ציימונגס־מאן גראבט זיך:

„ווער איז געווען דיין פאטער, דיין מוטער? פון וואנען ביזטו געקומען? האט דיך דיין מאן ליב געהאט? ווי אלט איז דיין קינד געשטארבן? האסטו געהאט געליבטע, ראמאנען, האסטו ליב עפל־סאוס, גרינע אוגערקעס? ווי געפעלט דיר ראקפעלערס הויז און וואס דענקסטו וועגן דעם שטרייק פון די קוילן־גרעבער און וועגן דעם קאמף אין די יוניאנס?"

פאר אלע קלאסן לעזער.

„אדווערטייזט" די ציימונג. פיינע מענטשן. פילן מענטשן לעבע צרות. פירט מען די פרוי אין טעאטער. עס קאסט נישט קיין געלט פאר ציימונגס־לייט. פירט מען זי אין קאפע און פאר איינס מאכט מען איר ליבע. פאר איינס דערקלערט מען איר די ווירקונג פון געשלעכט אויפן לעבן פון מענטשן און מען באוואונדערט, ווי זי האט געלעבט אזוי.

און די פרוי, ראזע ליכטענבערג, פארגאפט פון דעם, וואס זי האט קיינמאל נישט געזען, וואס זי האט מורא געהאט אנצוקוקן, איז געווען מאכטלאז און ווילנלאז. ווען זי איז דערנאך געקומען אין איר צימערל, האט זי געהאלטן אין איין זינגען, אין איין

טאַנצן, ביז די דערביייאיקע שכנים האָבן אין איר טיר געשריגן, אין סטעליע געקלאַפּט, די באַלעבאָסטע גערופן.

איינציקע חדשים — וואָס איז עס אין דעם לעבן פון דער וועלט, פון דער גרויסער שטאָט? אָבער גאָר אַנדערש איז דאָס לעבן פון דעם איינצלנעם.

די צייטונגען — וויפל קאָן אַזאַ ראָזע ליכטענבערג פאַרהאַלטן זייער אויפמערקזאַמקייט? די רעקלאַמע מוז זיך יעדע מינוט בייטן. איינציקע חדשים נאָך פאַראיבער און ערגעץ אין אַ פאַררוקטן ווינקל אויף דער 12־טער אָדער 14־טער זייט, מיט קליינער שריפט, ליינט מען:

געפאַלן אונטער די רעדער פון אונזער גרויסער ציוויליזאַציע

„אויב דער לעזער וועט זיך דערמאָנען, איז איין מאָל אין אונזער צייטונג געווען געדרוקט אַ בריוו פון איינער ראָזע ליכטענבערג, וואָס האָט זיך געבעטן, מען זאָל איר ווייזן דאָס לעבן. אונזער צייטונג, וואָס איז שטענדיק אַזוי אָפּרופיק אויף די ליידן און צרות פון די אָרימע און ליידנדיקע, האָט צו איר געשיקט אַ רעפּאָרטער און איבערגעגעבן דעם לעזער אַלע איינצלהייטן פון איר לעבן און אירע מיינונגען וועגן דער וועלט בכלל. מיר האָבן אפילו פאַראָרדנט אונזער מענטשן, ער זאָל איר ווייזן די פאַרשיידענע זייטן פון אונזער גרויסער ציוויליזאַציע, אַריינפירן אין דעם לעבן פון דער גרויסער שטאָט און אויך ווייזן איר, אַז אין אונזער ציוויליזירטן לעבן זענען מיר פאַרהיט פון אַט די נישט־געזעצלעכע אָנפאַלן פון פאַרשיידענע פאַרברעכערישע עלעמענטן.

„אין בריוו, וואָס מיר קאָנען נישט פאַרעפנטלעכן, האָט אונז די אָרימע פרוי געדאַנקט פאַר אונזער וואַרימער אָפּרופיקייט צו די ליידן פון אַזעלכע אומגליקלעכע, ווי זי איז. איצט, צו אונזער גרויסן באַדויערן, האָט מען אונז געלאָזט וויסן, אַז די פרוי האָט מען נעכטן געפונען אַ טויטע אין איר צימער. זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מיר האָבן אַרויסגעשיקט אַ מענטשן דערוויסן זיך די אורזאַכן און זיי זענען פאָלגנדיקע:

„די אָרימע פרוי האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דרוק און איז צעטרעטן געוואָרן אונטער די רעדער פון אונזער ציוויליזאַציע”...

פילאַדעלפיער צווילינג

אַזוי ווי אַלע טאָג.

די ניי־מאַשינען שיטן שרויט איבער בלעכן און קלאַפּן ווי דער דינער הערבסט־רעגן אָן לײדיקע אײזערנע פעסער. די טישן און ניי־מאַשינען — ווי אַ „ד" אײנער קעגן דעם צווייטן. מען זינגט, מען רעדט זיך איבער, מען פייפט און מען איז... נישט צופרידן.

אין שאַפּ איז האַלב־טונקל און שטיקנדיק. דער בענזין, וואָס אין אים ווערט דער „גאָם" (גומי) צעלאָזן, מאַכט די לופט נאָך שווערער. קרענקלעך־טונקעלע שאָטנס זענען די געזיכטער פון די אַרבעטער, מענער און פרויען.

עס איז מאָנטיק, און ווען מען ווילט זיך עס אַרבעטן מאָנטיק? און די אומצופרידנהייט הענגט אין דער לופטן, ווי אַ מאַכטלאָז־איינגעהאַלטענער כעס. אפילו דער גראָבער פאָרמאַן, נאָך ווען עס גייט נאָך דער באַלעבאָס, איז אויך נישט צופרידן און ענטפערט גראָבלעך די אַרבעטער, וואָס ווענדן זיך צו אים.

דער באַלעבאָס און דער „פאָרמאַן".

ביידע גראָבע, ביידע געוועזענע יוניאָן־לייט. ביידע פון איין שטאָט אין פּוילן, און ביידע אַרבעטן אינאיינעם שוין אַרום צוועלף יאָר, אַזוי, אַז דער פאָרמאַן רעכנט זיך פאַר אַ טייל פון „שאָפּ".

דער באַלעבאָס קומט אַריין אין שאַפּ בלויז מאָנטיק און וויצלט זיך מיט די אַרבעטער:

— אַ שלעכטער טאָג מאָנטיק, האַ? איר טאָרט נישט רוען זונטיק, ווייל איר פאַרלירט אויך דעם מאָנטיק.

— שאַפּ־טשערמאַן! — שרייט אויס אַ יונגער אַרבעטער מיט טונקעלע רעדער אונטער די אויגן. — דער „גאָם" איז הארט און קלעפּט נישט. דערנאָך וועט מען אונז הייסן אונטערשמירן

און אונטערקלעפן. איך זאָג אייך פריער, אַז איך וועל דאָס נישט טאָן. זאָל דער „גראָבער" אונז געבן בעסערע „גאָם".

דער אומדערוואַרטעטער אויסרוף האָט ווי פאַרשטילט דעם שאַפּ־טומל. אַלע האָבן געקוקט אויפן פאָרמאַן, וואָס האָט אַ בלייכער געמאַכט אַ פּאָר טריט, ווי ער וואָלט זיך אונטערגעגנבעט, און אַריינגעשיפּעט דעם אַרבעטער:

— אויב אייך געפעלט נישט, קאָנט איר זיך גיין פון דאַנען.

דער אַרבעטער האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז אַ יוניאָן־שאַפּ.

דער פאָרמאַן האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר דער באַלע־באָס האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— זיי זענען גערעכט, מיט שלעכטן „גאָם" קאָן מען נישט אַרבעטן. איר מוזט קריגן די בעסטע „גאָם".

דער שאַפּ־טשערמאַן האָט צוגעטראָגן אַ פּאָר אָפּגעקלעפּטע רעקלעך:

— איר זעט?

דער יונגער אַרבעטער האָט נישט געשוויגן:

— וואָס איז מיט אייך, וואָס ווייזט איר אים? איר מיינט, אַז ער ווייסט נישט? שלעכטער „גאָם" קאָסט ביליקער און פאַר אונז אַרט אים נישט. אַזאַ גרינעם טשערמאַן האָב איך נאָך נישט געזען...

דער באַלעבאָס און דער פאָרמאַן זענען אַריין צו זיך אין אָפיס. איינציקע עלטערע אַרבעטער זענען באַפאַלן דעם יונגן:

— וואָס טשעפּעסטו זיך, דו קאָמוניסט איינער? ווילסט דאָ אָנמאַכן אַ שטרייק?

— איר זייט בהמות! — האָט יענער מיט רציחה אָנגעהויבן קלאַפּן מיטן „ראָלער".

אין דער נאָנצער צייט, וואָס דאָס איז פאָרגעקומען, האָט זשעני איר קאָפּ נישט אויפגעהויבן פון דער מאַשין. זי איז געזעסן סעגן איר פריינדין און האָט נאָר געטראַכט אָט דאָס, וואָס זי האָט נאָך נעכטן פאַרטראַכט:

— זאָל זי איר זאָגן? זאָל זי איר פרעגן?

און ווי אין כעס אויף זיך אַליין, האָט זי זיך אַ הויב געטאָן

פון דער מאַשין און אָפּגעוואָרפן די נישט געגייטע סחורה, וואָס איז געלעגן נעבן איר.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט איר פריינדין אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— איך פיל זיך נישט מיט אַלעמען.

— עס איז באַלד עלף, אַרבעט ביז מיטאָג און גיי אַהיים.

— עס איז גאָרנישט, מאַניע, — האָט זשעני צוריק אָנגעהויבן שטעפּן. — נישט געקאָנט שלאָפן די נאַכט.

— איך בין געווען ביי דיר אין צימער און דו ביסט געשלאָפן, — האָט זיך מאַניע נישט דאָס דערשראָקן, נישט דאָס פאַרשעמט.

— יאָ!

זשעני און מאַניע.

צוויי פריינדינס. דער „פילאַדעלפיער צווילינג" האָט מען זיי גערופן. פאַרוואָס, האָט מען נישט געוווּסט.

זייער געשיכטע? צו וואָס? איז דען נישט אַלץ איינס? מיידלעך אַרבעטן, קומען צו קיינעם נישט אָן, פאַרזאָרגן זיך אַליין, און „סלעק" ליידן זיי אַליין. פון די הייגטיקע.

זיי וווינען ביידע צוזאַמען אין דער 15־טער סטריט וועסט. געטראָפן אַ מציאה צוויי צימערן, מיט אַ קיך און באָד־צימער פאַר 50 דאָלאַר אַ חודש, צו 25 דאָלאַר אויף אַ מענטשן. יעדע פון זיי האָט געהאַט אַ באַזונדער צימער. פריער, ווען זיי האָבן געוווינט אַרום קראָטאָנאַ פּאַרק סאַוט, האָבן זיי דאָס נישט געהאַט.

פריינט? נישט זייער פיל. ווי עס טרעפט זיך, נאָר איינצלנע. מען גייט אַמאָל אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט. דעם גרעסטן טייל איז מען אָבער בלויז אין צווייען.

ביידע נישט שיין און נישט מיאוס, נישט הויך און נישט נידריק. מאַניע אַביסעלע לעבעדיקער, פאַרשייטער; זשעני איינגעהאַלטענער, שטילער.

מאַניע האָט זיך פאַרליבט אין אַ בחור און דער בחור אין איר, איז זשעני געבליבן אַליין.

איז זי געוואָרן איינזאַם, אפילו אין שאַפּ, נישט געקאָנט מיט

מאַניען רעדן ווי פֿריער, נישט געקאָנט מיט איר פֿאַרברענגען ווי פֿריער. מאַניעס פֿרייע צייט האָט דער בחור צוגענומען.

דער בחור — ווי אַלע בחורים. אַן אַרבעטער. אויך פֿון די רעגן־מאַנטלען־אַרבעטער. פֿון אַן אַנדער שאַפּ. געטראָפֿן זיך אין רענדסקול ביי אַ לעקציע. אַ פּאָר מאָל אויסגעגאַנגען, און אַזוי איז דאָס געוואָרן.

זשעני איז נישט ברוגז אויף מאַניען. זי פֿאַרשטייט, אַז אַזוי מוז עס זיין. זי וואָלט נישט געווען בעסער. דאָך.

שבת און זונטיק איז פֿאַר זשענין געווען די ערגסטע צייט. די צוויי טעג זענען געווען זייערע, אירע און מאַניעס. איינגאַנצן זייערע. עס איז נישט געווען קיין עלעוויטאָר, שאַפּ, פֿאָרמאַן, נייִ־מאַשין, מען האָט נישט געדאַרפֿט אויפֿשטיין, האָט דער וועקזייגער געקלונגען. די צוויי טעג זענען געווען זייערע, פֿולשטענדיק זייערע. איצט האָט זיך אָבער געביטן.

עס איז טאַקע אמת, אַז ווען מאַניע גייט אויס מיט איר לעוון, רופֿט זי שטענדיק זשענין מיטצוגיין. זשעני איז אָבער קיינמאָל נישט מיטגעגאַנגען, זי האָט געוווּסט, אַז אַ דריטער צווישן צוויי טויג נישט. און די שבתים און זונטיקס פֿאַרברענגט זי אַליין. און די נעכט פֿון שבת און זונטיק שלאָפֿט זי נישט. פֿאַרוואָס?

לעוו האָט אָנגעהויבן קומען אַט די נעכט צו מאַניען און פֿאַרבלייבן זייער שפּעט, און פֿיל מאָל ביז פֿאַרטאָג. נאָר נישט דאָס האָט זי געאַרט.

דאָס ערשטע מאָל, ווען מאַניע האָט געבראַכט לעוון צו זיך אין צימער, איז דאָס שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט שבת. זשעני האָט זיך פֿרי געלייגט און האָט האַלב געדרעמלט, האַלב געווען וואַך. זי זעט, אַז איר צימער עפֿנט זיך און ס'קומט אַריין מאַניע. זשעני האָט צוגעמאַכט די אויגן און געהערט, ווי מאַניע האָט באַרואיקט לעוון:

— זי שלאָפֿט שוין.

אָט דאָס — זי שלאָפֿט שוין — האָט זי מאָרגנע געטראָפֿן. זי האָט זיך געפֿילט, ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי אונטערהערן זיך הינטער דער טיר, ביים אַריינקוקן אין אַ שפּאַלט אָדער ביים עפֿענען אַ פֿרעמדן בריוו.

די גאַנצע נאַכט האָט זשעני נישט געשלאָפן. זי האָט אפילו איינגעדרייט דעם קאָפּ אין דער קאָלדרע, אָבער נישט ווילנדיק האָט זי געהערט דאָס לאַכן און פליסטערן פון צווייטן צימער. אזוי איז געווען אַלע שבת און זונטיק. זיי פלעגן קומען. מאַניע פלעגט אריינגיין צו איר אין צימער און ארויסגיין מיטן אָנזאָג: זי שלאָפט שוין.

ביינאַכט אין בעט, אינסטינקטיוו אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס אין צווייטן צימער קומט פאָר, האָט זשעני אייניקע מאָל באַשלאָסן זאָגן מאַניען, אַז זי הערט אַלץ, ווייסט אַלץ און זי שלאָפט נישט. אין דער זעלבער צייט האָט זי אָבער געפילט, אַז זי וועט נישט זאָגן. זי האָט זיך אַליין געכאַפּט ביים געדאַנק, אַז איר איז אָנגענעם נישט צו שלאָפן און צו הערן.

די צוויי נעכט איז זי נישט געשלאָפן. פון דער נערוועזער אָנגעשטרענגונג און אומזיסטער אויפרעגונג האָט זי זיך געפילט צעבראָכן, אָפּגעשוואַכט, נישט צופרידן. דאָס האָט נישט ווילנדיק אומבאַמערקט דערווייטערט מאַניען פון זשעני און זשעני פון מאַניען.

אַלע זונטיק רופן זיי זי מיט זיך און אַלע מאָל זאָגט זי זיך אָפּ און אַלע מאָל בלייבט זי נאָכדעם אין שטוב. אָט די פּאָר ווערטער: „זי שלאָפט שוין", לאָזן זי נישט גיין מיט זיי. און ווען זי איז אין דער היים, באַפאַלט זי שטענדיק אַ שרעק.

דאָס איז געווען, קען מען זאָגן אַ מיסטישער שרעק. אַ שרעק שטאַרקער פון איר, אויסער איר. זי אַליין האָט זיך געוואונדערט: פאַרוואָס האָט זי מורא? עס איז געווען דאָס געפיל פון אַ מענטשן, וואָס ווערט פאַרלוירן אין דער אומענדלעכקייט; דאָס געפיל, אַז קיינער קוקט זיך נישט אום אויף דיר. ווי קיינמאָל איז נישט געווען אַזוינס, וואָס האָט געהייסן זשעני, וואָס האָט געאַרבעט אין שאָפּ און וואָס איז געווען אַ פריינדין מיט מאַניען.

אָט דאָס געפיל האָט זי שטענדיק געטריבן אין גאַס. נאָר אויך דאָרט איז איר נישט געווען בעסער, און זי פלעגט, זיך אומקערנדיק, טראַכטן:

— וואָס האָט לעוו געפונען אין מאַניען?

מער פון אַלץ האָט זי געטראַכט וועגן דעם. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי וואָלט געווען, ווען זי קומט אַרויף מיט לעוון און זי גייט זען, אויב מאַניע שלאָפט, און זי קערט זיך אום און באַרואיקט אים:

— זי שלאָפט שוין —

קיין קלאָרן רעכנונג, וואָס מיט איר איז, האָט זי זיך נישט געקענט אָפּגעבן. דאָך, נישט שלאָפנדיק, האָט זי געטראַכט:

— טאָמער זאָל זי זאָגן מאַניען, אַז יענע זאָל איר אָפּלאָזן לעוון אויף אַ שבת און זונטיק?

וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס זאָל זיין, האָט זי קיינמאָל זיך נישט פאַרטראַכט.

דער זייגער איז פאַר צוועלף. די אַרבעטער אין שאַפּ קוקן אויפן זייגער. איניקע זענען געגאַנגען אײַנוואַשן זיך, אַנדערע שטעלן צונויף אַ גרופּע צו שפּילן „פּויקער". מאַניע און זשעני ענדיקן אַרום די רעקלעך, וואָס זיי האַלטן אין האַנט. זיי אײַלן זיך.

— מיר וועלן גיין עסן — האָט זשעני אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ.

— געוויס, — האָט מאַניע געענטפערט, אָפּוואַרפנדיק זיך פון מאַשין.

פּלוצלונג, ווי מיט אַ שאַרפער שווערד אָפּגעהאַקט, איז דער שאַפּ שטיל געוואָרן. די מאַשינען זענען שטום און אַ גרופּע יונגען זיצן שוין מיט די פיס הינטער זיך אויף אַ ברייטן טיש ביי דעם „מיטאָג", וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, און מען קלאַפּט מיט די קאַרטן אָן טיש: — פּאַס, אַ קוואָדער.

מאַניע וואַרט אויף זשענין, וואָס לייגט צונויף אירע זאַכן, און אײַלט זי אונטער:

— גיכער, זשעני, איך בין זייער הונגעריק.

ווען זיי זענען אַראָפּ אונטן, איז די גאַס געווען געפּאַקט מיט אַרבעטער פון די שעפּער. פיל האָבן שוין אויף שנעל אָפּגעבאַפּט זייער עסן אין אַ זעלבסט־באַדינונג־רעסטאָראַן און כאַפּן „פרישע" לופט.

שטיל, נישט רעדנדיק, זענען זיי אריין אין א דערביי'איקן רעסטאראן, אפגעכאפט זייער עסן און האבן זיך צונויפגעמישט מיט די איבעריקע ארבעטער.

מאניע איז געגאנגען, האט געווארט און געוואונדערט זיך אויף זשעני, וואס האט אויסגעזען פארדרייטלט, אבּיסעלע צע־טומלט, און נערוועז איבערגעקליבן די יידישע צייטונג, וואס זי האט ערשט געקויפט.

— וואס איז מיט דיר, זשעני? פילסט זיך נישט גוט? טא ארבעט נישט דעם צווייטן האלבן טאג.

זשעני האט א ציי געטאן מיט די אקסלען און האט, נאך א קורצן שוויגן, ארויסגערעדט:

— מאניע, איך וויל דיר עפעס בעטן.

מאניע האט זי אנגעקוקט, און זשעני זאגט ווייטער:

— מאניע, איך וויל דיר בעטן, לאז מיר אפ אויף אן אוונט לעוון. איך וועל מיט אים אויסגיין און פארברענגען.

מאניע האט זיך פארלוירן און ארויסגעשטאמלט:

— דאס דארפסטו זאגן לעוון. איך רוף דאך דיך שטענ־דיק צו גיין מיט אונז. איך —

און זי האט אפגעהאקט.

און זשעני האט איר געפרווט דערקלערן, געשטאמלט:

— דו פארשטייסט, זינט דו ביסט מיט לעוון, בין איך... איך שלאף נישט נעכט. איך בין...

זי האט מער נישט גערעדט, נאר שטילע טרערן האבן גערונען פון אירע אויגן.

מאניע האט שטיל ארויסגערעדט:

— ווען לעוו וועט קומען, וועל איך היינט נישט זיין אין דער היים.

מאניע און זשעני האבן דעם צווייטן האלבן טאג נישט גע־ארבעט.

אין א פרעמדער שטאָט

— ווי איז אייער נאָמען?

— ליל.

— ליל? וואָס איז דאָס פאַר א נאָמען?

זי האָט געשמייכלט.

ווו איז דאָס געווען?

אין א גרויסער שטאָט, אין דער וועסט, אויף זיינער א רייזע. דאָס איז געווען אַזוי.

די שטאָט א פרעמדע. דער איינדרוק, וואָס ער האָט געהאַט פון דער שטאָט, איז א געוואַלטיקע לענג געשלאָסן אין אירע איי־גענע ברעגעס. גייענדיק אַזוי איבער דער הויפּט־גאַס, איז ער פאַר־האַלטן געוואָרן פון א גרויסער, ווייסער געביידע מיט א סך שפּיצי־קע ווינקלען. די ווייסקייט איז נישט געווען קיין טויטע, זי האָט געלעבט, געשמייכלט און שעלמיש געווונקען נישט נאָר צו די פאַרבייגייענדיקע, נאָר אויך צו דער שוואַרצער געביידע איבערן גאַס, וואָס האָט אַזוי אומגעדולדיק און צאַרנדיק געשאָסן אין דער הויך מיט איר שאַרפער נאָדל, ווי זי וואָלט וועלן איבערשיסן אַט די פריילעכע ווייסקייט.

פון דער ווייסער געביידע, פון דער דרייענדיקער טיר, איז אַרויסגעלאָפן א מיידל און שיער נישט אומגעוואָרפן זיי מיט אים. ער האָט זי אָריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס. מיט אירע הויכע אָפּ־צאַסן האָט זי זיך פאַרטשעפּעט אָן א ווינקל פון טיר.

— אַנטשולדיקט, — האָט זי זיך געפּרוווט אָפּוואַרפן, זיך אָנהאַלטנדיק אָן אים.

— עס מאַכט נישט, — האָט ער זי נישט אָפּגעלאָזן. א שנעל־לער בליק, א פּאָר שוואַרצע אויגן, א נאַכגיביקע שלאַנקייט האָט

זיך געבויגן אין זיינע הענט. שווארצע האר אונטער א קיילעכדיקער בלויער היטעלע, און פולע ליפן.

זייענדיק העכער פון איר, האט ער אפילו באמערקט די קליי־נינקע אדערלעך, וואס האבן זיך געצויגן פון אונטער דעם שארפן אויסגעשניטענעם, קיילעכדיקן קין ביז הינטער די אויערן.

זימין האט אראפגענומען זיין הוט.

— איר זייט דא א פרעמדער? — האט זי אים בליציק ארומ־גענומען מיטן קוק.

— יעס.

— פון וואנען? — אבער דא האט זי זיך פארכאפט, — עס איז אלרייט. א דאנק. גוד באי.

זימין האט זי פארהאלטן.

— איר האט נישט קיין צייט?

זי איז געבליבן שטיין. זימין ווייטער:

— איר ווייסט דאך, אז יעדע שטאט שרייבט אן ביים אריינ־פאר: „פרעמדע זענען ווילקאמען”.

זי האט זיך אויסגעדרייט צו אים. ער:

— ווילט איר מיר נישט ווייזן די שטאט, וועלן מיר פאר־ברענגען א פאר שטונדן. איך בין דאך א פרעמדער.

זי האט אים אפגעמאסטן.

— וואס ווילט איר זען?

— איך ווייס נישט. איך גיב זיך איבער אין אייערע הענט.

זי האט א שטילן לאך געטאן, מיט פארמאכטע ליפן, פון האלז ארויס.

— איר וועט נאך חרטה האבן.

— איך האב קיינמאל קיין חרטה נישט! — זיי זענען שוין געגאנגען מיט דער גאס.

די גאס א ברייטע, הייזער הויכע. דער ברוק, איבער וועלכן זיי זענען געגאנגען, א שווארצער. איבעמיטן ברוק האט זי זיך אפ־געשטעלט.

— וווהין וועלן מיר גיין?

זימין האט א מאך געטאן מיט דער האנט:

— וווהין איר ווילט.

— ווילט איר גיין אין א מוזיי, ביבליאטעק, אדער נאר עסן?

— האט זי א קוק געטאן אויף איר האנט־זייגער.

זימין האט אונטערגעכאפט:

— מיר וועלן פריער גיין עסן.

מיטן שטראם מענטשן האבן זיי זיך אריינגעקייקלט אין א קאפע.

די קאפע האלב־טונקל. די לאמפן, פארדעקט מיט גרינעם פאפיר, האבן געווארפן דעם שיין צו דער סטעליע, און דערפאר זענען די מענטשן געזעסן אין א גרינער האלב־טונקלהייט. צוויי יונגע בחורים, אנגעטאן ווי „טאסקאנער", האבן געזונגען, אונטערשפילנדיק מיט א גיטארע שפאנישע און איטאליענישע פאלקס־לידער.

מען האט זיי אנגעוויזן א טישל אין א ווינקל. זיי זענען געזעסן און געשוויגן. די סענטימענטאל־ראמאנטישע „וואלענסיע" האט געקלונגען, ווי פיר פאר פיס וואלטן אין א ריטמישער איילונג געלאפן טרעפ אראפ; ס'האט אי פארשלעפערט, אי געוועקט. דער קעלנער האט איבערגעשלאגן זייער שטילקייט. זיי האבן באשטעלט.

— איינגעטלעך האב איך געדארפט אייך אויספרעגן: ווער און וואס איר זייט. א מיידל איינע אליין מיט א פרעמדן מאן, — האט זי א שמייכל געטאן אונטער די לאנגע ברעמען.

— וואס האט איר מורא, — האט זיך זימין וויל־ייִנגעריש אפגערופן. — אין דער אמתן האב איך אייך דאס געדארפט פרעגן. א פרעמדער מענטש אין א פרעמדער שטאט באגעגנט א מיידל. ווער ווייס, ווער זי איז, וואס זי איז. איר קענט דאך אמעריקע. דא דארף מען זיין פארזיכטיק, ווי פון גענגסטער, אזוי אויך פון א „בריטש און פראמיס".

זיי האבן געלאכט. די פאר „טאסקאנער" בחורים האבן געזונגען ביי א טישל, וו עס זענען געזעסן עטלעכע אלטע מוידן, אן איטאליעניש פאלקס־לידל. זיי האבן מיט א בייזן שמייכל באטראכט זימינען מיט לילן. ליל האט נאך שטארקער געלאכט.

דער „טאסקאנער" מיט דער גיטארע האט זיך נאנט צוגערוקט צו איינער פון די מיידלעך, א בלאנדע מיט א שוואר־אויס־

געשניצטן פּנים און גרויסע קין־באַקן. ס׳מיידל האָט אָפּגעוואָרפן איר שוואַרץ פּנים מיט רויטע פלעקן, און דער זעלבער צייט בויגנ־דיק זיך אַלץ נענטער צום שפּילער. יענער האָט זיך נאָך מערער צוגעבויגן. און מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט און איז אַוועק. ס׳מיידל האָט זיך אים נאָכגעצויגן.

ליל האָט פאַרביסן איהרע ליפּן. אַ ווייכע פייכטקייט איז גע־שטאַנען אין אירע אויגן. זימין האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— איר האָט מיט איר מיטלייד?

— פאַרוואָס עפּעס מיט איר? מיט זיך אַליין. מיט אונז אַלע־מען.

— אַן אַלטע מויד.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין נישט דאָס זעלבע, — האָט זי אים צוריקגעוואָרפן. —

זימין האָט נישט דערוואַרט דעם אויסברוך. אים איז געוואָרן אומאָנגענעם. ער האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט, ווי ער וואָלט זעלן טרעפן, ווער זי איז.

די זיגנער האָבן זיך אָפּגערוט. דאָס בלאָנדע מיידל האָט באַ־צאָלט, און ביי דער טיר געוואַרט מיטן שפּילער אויף דער גיטאַרע.

— איר ווילט טרעפן, ווער איך בין? — האָט ליל נישט אויפגעהויבן אירע אויגן, — צו וואָס?

זימין האָט נישט געפונען, וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך איינגעגראָבן אין טעלער. ער האָט געפילט, אַז זיין פּנים הויבט אים אָן ווערן הייס.

— איר רויטלט זיך, — האָט זי אויסגעשריגן האַלב צופרידן, האַלב פאַרוואונדערט.

זימין האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אין אירע ווערטער. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ. איבערן טיש האָט זי אים דערלאַנגט איר האַנט און געדריקט זיינע.

אַ וואָך. זימין האָט די גאַנצע צייט פאַרבראַכט מיט דעם מיידל. נישט צעשיידט זיך אויף אַ ווייל. זי האָט אים געוויזן די שטאָט, דערקלערט פאַרשידענע מערקווירדיקייטן. פאַר דער צייט

האָט זימין פֿאַרגעסן, אַז ער איז דאָ אַ פֿרעמדער און דאַרף באַלד אָפּפֿאָרן. איין נאַכט זענען זיי געגאַנגען אין דעם טייל שטאָט, וואָס הייסט דער „קניפּל".

אַ מאָדנעם איינדרוק האָט אויף אים שטענדיק געמאַכט דער „קניפּל". די גאַסן ווי אַלע גאַסן, הייזער ווי אַלע הייזער, מענטשן ווי אומעטום, און דאָך איז נישט אַזוי, עפּעס אַנדערש.

די הויכע הייזער האָבן זיך נישט צונויפֿגעגאָסן אין איין באַרגיקער גלייכקייט, אין אַ מאָנומענטאַלער שטיינערדיקייט, נאָר יעדעס הויז האָט געהאַט אַ באַזונדער פּנים, אַ באַזונדער כאַראַקטער.

— אַ מאָדנע שטאָט, — האָט ער באַמערקט לילן, — זי איז אַנדערש, ווי די אַנדערע שטעט, וואָס איך האָב שוין געזען. זעט אָט דאָס גרויסע הויז, — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַן אַלטער, שוואַרצער געבײַדע מיט טונקעלע פֿענסטער און גראָבע גראַטעס אין זיי, — ס'זעט אויס ווי אַן אַלטער „שלאָס" אין „ברעטאַן". עס פֿעלט נאָר, אַז אַ ריטער, אין אייזן געשלאָסן, זאָל זיך ווייזן פֿאַרן פֿענסטער און פֿאַרטיידיקן מיט זיין לעבן דעם נאָמען פֿון זיין „הערצנס געליבטער", וועמענס שאָל ער טראָגט איבערגעבונדן.

— אָט יענע הויז, — האָט ער ווייטער אָנגעוויזן, — זעט אויס ווי אַן אַלטער, אַלטער קלויסטער, פֿון יענע צייטן, ווען דער פּריסט איז געווען אַלץ, אי דער גאָט, אי דער קייסער.

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— דאָס איז אַ באַנק.

— אַלץ איינס, — האָט ער זיך נישט געלאָזט איבערשלאָגן און ווייטער גערעדט: — איר זעט יענעם מויער, דעם באַלויכטעטעם ווינקל, רויט, ווי מיט בלוט פֿאַרגאָסן. און די פֿענסטער? זיי לאַכן מיט די אָפּגעלאָזענע פֿאָרהאַנגען, פֿון הינטער וועלכע עס רייסן זיך אַרויס פּאַסן ליכט. אָט דער אייביקער געלעכטער מיט פֿאַרשטשעמעטע ציין און פֿלוך אין די אויגן.

אַ ווינט האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דער שמאָלער גאַס. די פֿאָרהאַנגען אין פֿענסטער האָבן אַ ציטער געטאָן. אַ פּאָר פּנימער האָבן זיך באַוויזן און גלייך פֿאַרשוווּנדן.

— איר זעט, איר זעט, — האָט ער אויסגעשריגן, — זיי האָבן זיך באַוויזן, זיי האָבן זיך באַוויזן.

— דאָס זענען די פּרויען, וואָס ריייניקן די געביידע, — האָט זי אים איראָניש באַמערקט, און צוגעגעבן: — איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז איר זייט אַזוי...

— וואָס מיינט איר? — האָט ער אין פלוג נישט פאַרשטאַנען.

זי האָט אים דערקלערט:

— מיין ברודער רעדט אויך אַזוי.

— ווער איז אייער ברודער? — האָט ער געפרעגט, אַזוי ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון ערגעץ מיט דעם, וואָס זי האָט אים איבערגעשלאָגן.

— מיין ברודער איז אַן אינזשינער אין אַ גרויסער פאַבריק, און ער רעדט אויך אַזוי.

— מאַכט אויף אייך נישט דעמזעלבן איינדרוק די שטאָט?

— ניין, די שטאָט, ווי אַלע שטעט. נישטאָ קיין אונטערשייד. און די געביידעס, וואָס איר האָט אָנגעוויזן, איז איינע אַ באַנק, די צווייטע אַ גרויסע דעפּאַרטמענט־סטאָר, און די דריטע אַ שאַפּ. איך האָב דאָרט אויך אַמאָל געאַרבעט.

ער האָט זי אָנגעקוקט.

— איז דאָס נישט מאָדנע? איך ווייס דאָך גאָר נישט, ווער איר זייט. באַלד פאָר איך אַוועק, און איך ווייס נישט, מיט וועמען איך בין געוואָרן אַזוי נאָענט. אַ חוץ אייער נאָמען, ווייס איך דאָך גאָרנישט וועגן אייך.

— און איך דאָס זעלבע וועגן אייך.

— איר ווילט ערגעץ אַריינגיין? — האָט ער געפילט איר וואָרעמקייט.

— וווּהין? — האָט זי זיך שטאַרקער צוגעדריקט, און צוגעגעבן: — עס ווילט זיך מיר אין ערגעץ נישט גיין.

— וואָס איז מיט אייך?

— איך ווייס נישט. אייערע ווערטער... — האָט זי נישט פאַרענדיקט.

זיי האָבן געשוויגן און זענען וויטער געגאַנגען. פּייערדיקע

טירן פון מוראווים. באַלויכטענע פענסטער פון פאַרמאַכטע קליטן און אָפענע רעסטאָראַנען. פינסטערע ווינקלען פון גאַסן, אַט דאָרט, וווּ עס בויט זיך דער נייער אייזערנער וועג. אויפן לידיקן אָרט, האַרט ביים מויער, ליגן מענטשן, און מיט דורשטיקע אויגן קוקן זיי נאָך יעדן פאַרבייגייער.

אַ טומל, אַ פייפעריי. אַ שאָס, אײנער, דער צווייטער. אַ שאַר־פער אויסגעשריי. די גאַס האָט אַ ציטער געטאָן. די אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט דאָרט, וווּ דער טומל האָט זיי געטראָפן. פּאָליציי, צופוס, אויף פערד, אין אויטאָמאָבילן. די נאַכט איז ווי אָנגעצונדן געוואָרן, אָבער זי האָט זיך גלייך אויסגעלאָשן. נאָר איין מענטש איז געבליבן ליגן אויף דער ערד אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג.

— קומט,—האָט אים ליל געשלעפּט פאַרן אָרבל, נישט לאָזנ־דיק אים צוגיין צו דעם, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

— גאָרנישט, מען האָט זיך צעשלאָגן, מען האָט זיך צע־קריגט, — האָט זי געגערדט האַלבע ווערטער, ווי זי וואָלט אים נישט געוואָלט זאָגן.

— וווּהין וועלן מיר גיין? — האָט ער זיך נאָך אַלץ אומגע־קוקט אַהינטער זיך, וווּ ס׳איז שוין געשטאַנען אַ שפּיטאָל־וואָגן.

אין צימער ביי זימינען איז נאָך נישט געווען צוגעקליבן.

— זיי האָבן פאַרשפּעטיקט, — האָט זימין געוואָלט פאַר־ענטפערן זיינע באַלעבאַטים. — דערצו פאָר איך דאָך אָפּ. אַ פרעמדער.

אין איין אויגנבליק האָט ליל צוגעקליבן ס׳צימער און זיך גע־זעצט אין אַזאַ פּאָזע, ווי אײנער זאָגט: „נו, וואָס ווייטער?“. זימין איז צו איר צוגעגאַנגען און אָנגענומען פאַרן האַנט.

— זייט נישט שלעכט.

— שלעכט? — האָט זי זיך געוווּנדערט, — איך בין שוין גאָרנישט געווען שלעכט צו אייך. מיט וואָס האָב איך דען גע־דאַרפט זיין גוט.

זימין האָט זיך געזעצט נעבן איר אויף אַ צווייטן בענקל. זי

האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איר האָט אַ ווײַב?

— צו וואָס פרעגט איר דאָס?

— אַזוי.

— ניין, איך האָב נישט.

— איר האָט אַ געליבטע?

— יאָ. צו וואָס פרעגט איר דאָס?

— אַזוי.

— איר ווייסט דאָך, אַז אַזעלכע זאַכן פרעגט מען נישט אַזוי.

— און אַז מען פרעגט נישט אַזוי? — האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיט אירע געשווירענע האָר.

— גאָרנישט. יעדער מענטש זוכט אַ תכלית!

— און אויב אַ תכלית?

— דאַן זאָגט גלייך. צו וואָס אַזוי פיל צוגרייטונגען. געדאַרפט וואַרטן אַ גאַנצע וואָך. איך וואָלט דאָס אייך גלייך געזאָגט.

בײַ די לעצטע ווערטער האָט ליל אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ. די אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. מיט איר נאָז־טיכל האָט זי אַ פּיר געטאָן איבער אירע אויגן.

— מענטשן זענען שלעכט.

זימין האָט געפּרוווט אויפהויבן איר קאָפּ.

— איך האָב אייך באַליידיקט?

— ניין, איר זענט אַזוי ווי אַלע.

— צו וואָס קריגן מיר זיך, — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן. — צו וואָס?

זי האָט אָפּגעקערט איר קאָפּ. ער האָט זיך געזעצט אויפן בעטל און זי צוגעצויגן צו זיך.

— איר וועט באַלד אָוועקפאָרן, — האָט זי שטיל געריערט.— און וואָס? אַלץ ווערט ווי פריער. די וואָך איז בײַ מיר געווען אַ יום־טוב. אַזוי. איך ווייס נישט. עס איז מיר שטענדיק שווער צוגויפקומען זיך מיט מענטשן. מיט אייך האָב איך זיך גלייך דערפילט ווי מיט אַן אייגענעם, און איצט ווייטער אַליין.

הערנדיק זי אַזוי רעדן, האָט זיך זימינען געוואָלט פרעגן, וואָס זי טוט, ווער זי איז, ווער זענען אירע עלטערן, ווי אַזוי זי

לעבט, ווער זענען אירע באקאנטע, אבער ער ווייסט אליין נישט, פארוואס האט ער זי נישט געפרעגט. ער האט געשוויגן, זי גע־צערטלט, און זי האט גערעדט:

—איך לאכט דערפון, וואס מיר זוכן א תכלית. און וואס זאלן מיר טאן. אט ארבעט איך איצט אין אפיס. איך קען נישט פארשטעלן, וואס דארט איז. פריער, אמאל, האב איך גע־ארבעט אין שאפ. מיין ברודער האט נישט געוואלט, האב איך זיך אויסגעלערנט ארבעטן אויף א שרייב־מאשינקע און סטענאגראפיע, און ארבעט אין אפיס, הונדערט מאל ערגער... וואס איז דא וואס צו רעדן — האט זי אוועקגעלייגט איר קאפ אויף זיין אקסל.

זימין האט זי א קוש געטאן, ווי מיט דעם האט ער זי גע־וואלט טרייסטן, באַרואיקן, און ווי דערשרעקנדיק זיך פאר עפעס, האט ער אויסגערעדט:

— עס איז שוין שפעט. ס'איז שוין צייט צו גיין אהיים. איך וועל אייך באגלייטן.

זי האט זיך א צאפל געטאן און פארביסן פארגעוואָרפן:

— האט נישט קיין מורא. איך ווייס דאך אפילו נישט אייער נאמען און אייער אדרעס.

זימין האט זיך געפילט געטראפן, און אין דער זעלבער צייט האט ער זיך געשעמט. ער האט זיך פארענטפערט און צוריקגע־ווארפן.

— איך האב נישט קיין מורא.

אינדערפרי האט ער זי באגלייט צו דער ארבעט. זי האט מיט אים אפגעמאכט, אז זי וועט אין אוונט אים אפרופן. אבער זי האט אים נישט אפגערופן. די גאנצע נאכט האט ער נישט גע־שלאפן. אינדערפרי, ווען ער איז אויפגעשטאנען, האט ער געשריבן א בריוו. ער האט אים געעפנט און געלייענט די פאלגנדע קורצע ווערטער:

„נישט אלע זוכן א „תכלית". אפילו ווען דער „תכלית" איז דאס אײנציקע, וואס איז געבליבן פאר פרויען היינטיקע צייט און אין היינטיקער געזעלשאפט. מענער זענען אומעטום אלע איינס, און זיי קענען זיך נישט אויפהויבן העכער און באטראכטן די פרוי אנדערש, ווי מ'איז געווינט געווארן. פארט געזונט".

זימין האָט זיך דערפילט ווי אויסגעפּאַטשט, און אין דער־זעלבער צייט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן עקשנות צו זען ס'בּיידל נאָך אַמאָל. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. ער האָט נישט געוווּסט, ווו זי וווינט. ער איז געגאַנגען און דעם גאַנצן טאָג אָפּ־געהיט די געבּײַדע, ווו ער האָט זי נעכטן איבּערפריי באַגלייט צו דער אַרבּעט. אָבּער ער האָט זי נישט געזען. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ צייטונג און אַרײַנגעגעבּן דעם פאָלגנדן אַנאָנס:

„די, וואָס האָט געשריבּן וועגן „תכלית" צום פרעמדן, זאָל זיך גלייך אָפּרופן, זייער וויכטיקס מיטצוטיילן".

צוויי טעג האָט ער געוואַרט, אָבּער קיינער האָט זיך נישט אָפּ־גערופן.

זימין האָט פאַרלאָזט די שטאָט.

איין טאג לעבן

א שטילע, רואיקע נאכט. די האלבע לבנה, וואס איז געשווומען איבער די אפגעשטויסענע פאראיסן, האט אפגעגלאנצט אין די נאסע אלאמבערע־דראטן. דער גרויסער עקאליפטוס האט עטלעכע מאל א שאקל געטאן מיט זיינע צווייגן, אזוי ווי ער וואלט פון שלאף אויפגעציטערט. האלב אין שאטן, האלב א פארגאסענע אין לבנה־שיין, שטייט די איין־איינציקע שטוב. די טעראסע איז אין א פעסטן, געדיכטן חושך פארוויקלט. די נאכט שלאפט.

קאלט־טרויעריק שרייען ארויף די פילינען צו דעם הויך צעווארפענעם קאלטן הימל מיט די קליינע שטערנדלעך, וואס לאזן זיך אראפ דארט ערגעץ ווייט, הינטער די אלאמברע־דראטן. ערגעץ האט א בלעך א קלאפ געטאן. דער גרויסער, שווארצער הונט האט א שטילן געביל ארויסגעלאזן. און די פערד און בהמות, וואס זענען געשטאנען אין איין קופע פארזאמלט, האבן מיט שרעק אריינגעקוקט אין דער שטילער נאכט, צו יענער זייט הימל, ווו איבער די בוימער־שפיצן האט זיך געוויזן א קליינער, שווארצער וואלקן.

נאר אט האט זיך איבער די ווייט־צעשפרייטע מיט דראטן־פארצוימטע פעלדער, וואס זענען פארגאסן געווען מיט דעם פארחלשטן האלב־לבנה־שיין, עפעס א ריר געטאן. איין פערד האט זיך פון זיינע חברים אפגעטיילט. מיט א פארריסענעם עק און קאפ, מיט אן אויפגעשטעלטער גריווע און קלינגענדיקן הירזשען איז ער אהין און צוריק געלאפן, אונטערווארפנדיק מיט די אונטערשטע פיס. אט איז ער אנגעצויגן מיטן גאנצן קערפער שטיין געבליבן, נאר גלייך האט ער זיך פון ארט א ריס געטאן און מיט אימפעט געלאפן אין יענער זייט, פון וואנען א חושך איז אנגעקומען. ביי דער אלאמברע איז ער שטיין געבליבן און קלאפנדיק מיטן פאדערשטן רעכטן פוס, האט ער אזוי געדראט און גערופן. מעכטיק האט זיין

הירזשען די דומפּיק־שטילע, פּחד־פולע נאכט געוועקט. נאך דא האט ער זיך אויף די הינטערשטע פיס א קער געטאן און מיט א אימפּעט צו זיינע חברים געלאפן, וואו ער האט זיך אין זייער קופּע איינגעגראבן.

און ווי פריער, איז קאלט־רואיק די לבנה געשווומען, נאר גרעסער איז דער העל־גנעפלדיקער ראד ארום איר געווארן און רואיק ווי פריער האבן די קליינע שטערנדלעך געפינקלט און געוויגט. דומפּיק האט אן אלטער אמבור־בוים געזשומעט; וויינענדיק האט אים דאס אלגאראבא־ביימל אונטערגעהאלטן. און דארט, פון יענער זייט שווארצן וואלקן, וואס האט זיך צעשפּרייט, ווי א גרויסער דריי־ווינקל, מיט א שפּיץ פאראויס, האבן זיך אפּגעריסן איינע נאך איינע גרויסע חיות, פויגל אין אלערליי געשטאלטן און געלאפן העט־העט, ווייט־ווייט. פלוצלונג... ווי א ברומען פון א גאנצער מחנה ליבן, האט א ווירוואר פון קלאנגען און שטימען די נאכט אויפגעוועקט, איבער די פעלדער זיך צעשפּרייט און געלאפן אלץ ווייטער און ווייטער, אלץ מעכטיקער און מעכטיקער...

שוין אין אלע זייטן האט זיך דער אמבו געווארפן. צו דער ערד האט זיך דער אלגאראבא געבויגן, א העלער פייער האט דעם חושך דורכגעשניטן און איז פארשוואונדן געווארן.

אלץ איז ווידער שטיל געווארן. אלץ האט געשוויגן. אומבאוועגלעך איז די לופט. פעסט שטייט דער ריז, דער אמבו, נאר שטיל, איינגעהאלטן וויינט דער אלגאראבא און דארט אויבן פירט זיך א קאמף צווישן חושך און פייער, וואס פארגיסט יעדן מאמענט מיט גאנצע טייכן העלער ליכטיקייט די מיט אימפּעט קנוילנדיקע פינסטערניש. און מיט אמאל:

אנגעצונדן האט זיך דער גאנצער הימל. א וואקכאנאליע פון פרייליכקייט האט די פעלדער באהערשט. ווי וואנזיניקע זענען זיך די בהמות און פערד צעלאפן. אכככ... כאא... טראך... שאך... דזים... דזאם... האט זיך א ווילדער נחת־פולער, געזאנג־קלינגענדיקער, אפלאכעדיק־שפּאטישער, פרייד־נצחון געשריי צעטראגן, וואס האט זיך צוזאמענגעמישט מיט א שרעקלעכן קרעכץ און קראך.

ווי אַ ווייבער שאָטן איז ראַשעל, דעם טאָג, אַרומגעגאַנגען איבערן צימער פון זייער איינזאַמער טשאַקרע (פערמע), וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאַראַיסן, אין וועמענס לייבער עס האָבן זיך איינגעגעסן די שטעכעדיקע דראָטן פון די צוימען, וואָס צעטיילן דאָס גאַנצע לאַנד. עס זעט אויס ווי אַלץ — הייזער, בהמות און ביימער — זענען אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין אַן אייזערנעם נעץ פון שטעכיקע דראָטן.

פון איין ווינקל אין צווייטן איז זי אומגעגאַנגען נישט געפינענדיק זיך קיין אָרט. זי איז אין זייער שלאָף־צימער אַריין, ווו עס זענען געשטאַנען צוויי שמאָלע בעטן און אַ גרויסער קויש, אירער און איר מאַנס זאַכן. מיט שטילע טריט איז ראַשעל צום פענסטער צוגעקומען אַזוי ווי אין אַנמאַכט אין ווינקל געפאַלן, אַרויסקוקנדיק צום „קאָראַל" מיטן גרויסן אָמבו־בוים, ווו „מאָרגן־שטערן" איז אומגעגאַנגען. ראַשעל זעט, ווי „מאָרגן־שטערן" האָט איינציקע מאָל מיט איר קליינעם קעפל די דראָטן אַ שטופּ געטאָן, פאַרזיכטיק מיטן מויל די דראָטן אָנגענומען, צו זיך געשלעפּט און געבליבן שטיין מיטן קאָפּ צו מזרח געווענדט.

אַ רחמנות־צימער האָט זי פון קאָפּ ביז די פיס דורכגענומען. זי האָט דערפילט, ווי אירע קליינע פיס־פינגער האָבן זיך קראַמפּהאַפט צוזאַמענגעבויגן. מיט אירע הענט האָט זי די קנעכלעך אַרומגעכאַפּט און מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ זיך שטיל געוויגט, נאָכפאָלגנדיק מיט איר בליק דער „מאָרגן־שטערן", וועלכע איז געשטאַנען און מיט איר קעפל געשאָקלט. זי האָט ראַשעלן דערזען. אַ שטילער הירזשען, אַ קלאַפּ מיט איר פיסל. און מיט אַן אויבנגעצויגענעם קאָפּ איז „מאָרגן־שטערן" פון דעם פאַרמאַכטן קאָראַל נישט אַפּגעגאַנגען. אין דער צייט איז זייער פעאָן (אַרבעטער) צוגעקומען, אַ „רוקאַ", פון דער אייגענער שטאָט מיט האַשלען. ער האָט די טיר פון קאָראַל געעפנט און אַרויסגעלאָזן די „מאָרגן־שטערן" צו די איבעריקע פערד. אָבער מיט שטילע טריט איז די „מאָרגן־שטערן" צו ראַשעלן צוגעגאַנגען און איז געבליבן שטיין מיטן קאָפּ אין פענס־

טער, נישט פינטלענדיק מיט אירע וויך־ווייבערשע שוואַרצע אויגן; נאָר מיט דער אויבערשטער ליפּ האָט זי שטיל באַוועגט.

אַלץ שטילער האָט זיך ראַשעל געוויגט, האַסטיקער און טיפער געאָטעמט. מיט אירע קליינע צעדראַפּעטע הענט האָט זי דעם קאָפּ פון „מאָרגן־שטערן" מיטן ווייסן פלעק געגלעט, און פלוצלונג איז ראַשעל פון אָרט אויפגעשפרונגען, און אומהאַלדזנדיק דעם פערדס קאָפּ, האָט זי זיך צעוויינט, שלוכצנדיק, מיט פאַרבראָכענע פינגער.

אַ שטילע באַוועגונג האָט דאָס פערד געמאַכט, איר קאָפּ אויף ראַשעלס אַקסל אַרויפגעלייגט, אָנכאַפּנדיק מיט אירע ווייסלעכע ליפּן ראַשעלס קורץ־געשווירענע שוואַרצע האָר. רואיקער איז ראַ־שעל אונטער דער צאַרטקייט געוואָרן. זי האָט שוין מער נישט גע־וויינט, נאָר איר באַק צום פערדס צוגעלייגט, און אַזוי זענען יי ביידע לאַנג, לאַנג געשטאַנען. געלאָזן האָט די „מאָרגן־שטערן" איר קאָפּ באַפרייט און מיט שטילע טריט צו די איבעריקע פערד געגאַנגען. ראַשעל האָט זיך אין דעם ערשטן צימער אומגעקערט, דער וואַנט ־ זייגער האָט עלף געשלאָגן. אין פענסטער און ביים פענסטער און אויך אין צימער האָט זי געטראָפן אַ גרויסן טייל פון זייערע הינער, וועמען זי האָט פאַרגעסן דעם טאָג עסן צו געבן.

— אוי, מיינע אָרעמע! — איז זי אַרויסגעלאָפן מיט אַ גרויסן טאָץ מאַאיס אין האַנט און אַלע פופציק הינער, הענער, קאַטשקעס, אינדיקעס און גענז האָבן זיך מיט אַ געפילדער צו איר געשטופּט. דער גרויסער שוואַרצער האָן איז אין טאָץ אַריינגע־שפּרונגען און אַלץ אויסגעשאָטן. פריילעך האָט זיך ראַשעל אין שטוב אומגעקערט און האָט דערזען, אַז דער זייגער האַלט שוין האַלב צוועלף.

— פּאַוולאָוו, פּאַוולאָוו, דו ווייסט נישט ווען איסאַאַק קומט? — האָט זי גערופן דעם פּעאָן, וועלכער איז אין דער צייט געגאַנגען טרייבן די פערד צום וואַסער.

— אָט פּאָרט ער, — האָט ער רואיק אָנגעוויזן אויף אַ קנויל שטויב, וואָס האָט זיך ווייט מיט דעם וועג געצויגן.

— אָה, פּאַוולאָוו, גאָלובטשיק! — איז זי פון שטוב אַרויס־

געלאָפן, — קום, העלף מיר מאַכן דעם מיטאָג. ביי מיר איז נאָך געגרענישט פּאַרטיק און איסאַק קומט אַ הונגעריקער.

— איך ווייס נישט, — איז יענער געשטאַנען, און האָט זיך געקראַצט, — מען דאַרף איצט פאַר דער „אַסיענדע" (סטאַדע) וואַ־כער אָנגיסן און אויך אַלפּאַלפע אָפּפירן.

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט, דו וועסט שפּעטער אָפּ־פירן, קום העלף מיר! — האָט זי אים נאָך זיך אין שטוב גערופן, גייענדיק אין קיך.

— אָבער וואָס וועל איך טאָן, כאַזייקאַ? — איז ער אינמיטן קיך שטיין געבליבן.

— טאַקע! — האָט נאָך אַ קורצן שווייגן ראַשעל אויסגע־רעדט. — גיי זיך צו דיין אַרבעט, איך וועל מאַכן אַ פּאָר אייער. פּוטער מיט קעז איז אויך פאַראַן, — האָט זי עפּעס ווי טרויעריק פאַרענדיקט. פּאַוולאָוו איז אַרויס.

צוגרייטנדיק דאָס עסן, האָט זיך ראַשעל פאַרקוקט אויף אַי־רע הענט, וואָס זענען געוואָרן טונקל, און איינציקע ערטער צע־שטאָכן, צעשניטן, די נעגל שמוציק, אין די שפּיץ פינגער שוואַרצע גריבעלעך. און טרערן האָבן זיך איר אין די אויגן געשטעלט. פון הויף האָט זיך אַ קלאַפּ דערהערט און באַלד איז אין שטוב אַריין איסאַק. זיין שוואַרצלעכער געזיכט איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גרויען שטויב.

— ביסט הונגעריק? באַלד וועל איך צום טיש גרייטן, — איז ראַשעל פון קיך אַרויסגעקומען.

— נו, אַ שטויב! — האָט זיך יענער אָפּגעטרייסלט, — אויב עס וועט נישט זיין נאָך אַ פּאָר וואָכן קיין רעגן, איז פאַרפאַלן די גאַנצע „קאָסעטשע" (שניט).

— דו האָסט דאָך געקענט אין הויף זיך אָפּטרייסלען, — האָט זי מיט פאַרדרוס באַמערקט. — אַזאַ שטויב אָנגעמאַכט.

— אַ קאָלאָניסט דאַרף צו אַלץ געוווינט ווערן, דאָ איז נישט קיין סאַלאָן, — האָט ער געלאַכט, אויפהויבנדיק נאָך אַ גרעסערן שטויב.

— נישט קיין סאַלאָן... — און ראַשעל איז אין קיך אַריין, פון וואַנען עס האָט זיך אַ קלאַפּ דערהערט.

איסאַק האָט זיין קאָפּ אויפגעהויבן, אַביסל איינגעהערט זיך און איז אויך אַריין אין קיך, ווו ער האָט זי געטראָפן וויינענדיק.

— נו, שאַ! וואָס איז מיט דיר, נאַרעלע? — האָט ער זי פאַרן האַנט פון קיך אַרויסגעפירט, — איך האָב דאָך נאָר געשפּאַסט...

— איך קלייב צו דעם גאַנצן טאָג און דו מאַכסט אָן אַזאַ שטויב. מיר האָבן דען נאָך צימערן, ווי אין דער היים?... — האָט זי שטיל געוויינט.

— נו, שאַ, שאַ, קום איך וועל דיר בעסער העלפן גרייטן צום טיש. איך בין הונגעריק, ווי אַ וואָלף. גיב וואָס דו האָסט...

— נאָר מילכיקס און אייער, — האָט זי שטיל געזאָגט, קוקנדיק אַזוי ווי מיט שרעק אויף איסאַקן, וועלכער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַ טראַכט געטאָן און אויסגערעדט:

— מילא, דאָס וועט אויך זיין גוט.

נאָכן עסן איז ער ווידער אָפּגעפאָרן, מיטנעמענדיק דעם פּעאָן. ראַשעל איז געבליבן אַליין.

ראַשעל האָט פון טיש צוגעקליבן און איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, וואָס האָט ביי זיי „סאַלאָן" געהייסן, אויף אַ קליין טישל איז געלעגן אַ גרויסער, גראָבער, רויטער אַלבום און אַ פּאָטאָגראַפיש בילד פון אַן עלטערע פּאָרפאָלק. לאַנג האָט ראַשעל דאָס קאַרטל באַטראַכט און איז שטיל, מיט אַ פאַרקרומטן געזיכט און מיט דעם אַלבום אין דער האַנט אַרויסגעגאַנגען און זיך געזעצט אויף אַן אומגעוואָרפענעם בוימל אונטער די צווייגן פון דעם אַלטן „אמבו".

די מיטאָגדיקע שטילקייט און היץ האָט צעפלאָכטן, געוועבט און צעשפּרייט אין די גראָזן, ביימער און אַלאַמבערעס גאַנצע נעצן פון זילבער־ווייסן שפּינוועבס, וואָס פאַרכאַפּט און וויקלט איין, יעדן פאַרבייגייענדיקן מענטש אָדער חיה.

ראַשעל האָט געקוקט אין דער זייט, ווו „מאָרגן־שטערן" האָט זיך געפּיטערט אָפּגעזונדערט פון אַלע פערד, און אַזוי ווי אין אַ שווערער מחשבה, האָט איר קאָפּ זיך צו דער ערד געבויגן. ראַשעל זעט, ווי זייער גרויער לאָשאַק האָט זיך צו דער „מאָרגן־שטערן"

צוגערוקט, מיט די ליפּן זי בײַ איר גריווע אָנגעכאַפּט, אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעטאַנצט און נעבן די „מאָרגן־שטערן'' שטיין געבליבן, זוכנדיק אויף דער ערד. אָבער „מאָרגן־שטערן'' האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט. שטיל, מיט לאַנגזאַמע טריט, עלאַסטיש באַוועגנדיק זיך, איז זי אָפּ אין אַ זײַט. נאָכגעקוקט האָט איר דער לאַשאַק, און ווי פֿאַרשעמט אומגעקוקט זיך צו זײַנע חברים.

עפּעס זייער מאָדנע האָט זיך ראַשעל געפֿילט. עפּעס אַ מיטלייד־צאַרטער געפֿיל האָט זי אַרומגעכאַפּט. נישט פֿונם פֿערד האָט זי געטראַכט, נאָר אויף זיך אַליין האָט זי רחמנות געהאַט. איר האָט אַזוי דאָס האַרץ פֿאַרקלעמט, אַז זי האָט נישט־ווילנדיק אויסגעשריגן: „מאָרגן־שטערן'', „מאָרגן־שטערן''! דאָס פֿערד, וואָס איז איצט מיטן געזיכט צו דער טעראַסע געשטאַנען, האָט שטיל אָפּגעהירזשעט.

אַזוי ווי פֿון אַ קאַלטן ווינטל, האָט ראַשעל אויפֿגעציטערט, איבערבלעטערנדיק דעם אַלבום, אירע אויגן האָבן זיך אויטאָמאַטיש פֿאַרהאַלטן בײַ אַ בילד פֿון אַן עלעגאַנט־געקליידעטן זכר, וואָס האָט אַזוי מילד־טרויעריק אויף איר געקוקט. זײַן צילינדער־הוט איז דערבײַ אויף אַ קליין טישל געשטאַנען.

לאַנג, מיט פֿאַרשטאַרטע גלעזערנע אויגן, האָט זי זיך אין דער קאַרטל אײַנגעקוקט, נישט באַמערקנדיק די „מאָרגן־שטערן'', וואָס איז אין דער צײַט צוגעקומען און נעבן איר זיך געשטעלט.

— אָה, פּאַפּאַ! וואָס האָסטו געטאָן? — האָט זי מיט אַ ציטער און בלאַסע ליפּן געמורמלט. — אָה, פּאַפּאַ, — האָט זי איבערגעחזרט, — אויף וואָס האָסטו עס געדאַרפֿט... און וווהין? — האָט זי מיט נישט־זעענדיקע אויגן אויף „מאָרגן־שטערן'' געקוקט, וועלכע האָט מיט איר קעפּל געשאָקלט, אָפּטרײַבנדיק מיטן קורצן עקל די פֿליגן.

— פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס?... — איז זי פֿון אָרט אויפֿגעשטאַנען און גלײַך צוריק געזעצט זיך, אָפּברעכנדיק מיט איין האַנט די טרוקענע צווײַגן פֿון דעם אומגעוואָרפֿענעם בוים אויף וועלכן זי איז געזעסן. די „מאָרגן־שטערן'' האָט אַ פּאָר קליינע טריט געמאַכט, נישט אַראָפּנעמענדיק פֿון ראַשעלן אירע שוואַרץ־חנעוודיקע

אויגן. ווי פון שלאָף, האָט ראַשעל אויפגעוואַכט און דעם קאָפּ אויפגעהויבן.

— וואָס איז, „מאָרגן־שטערן"? — האָט זי דעם פערד נענ־טער צוגעצויגן. פון איין פוס אויפן צווייטן איז די „מאָרגן־שטערן" איבערגעטרעטן. אַ ציטער איז איבער איר פעל דורכגע־לאָפן און נאָך נידעריקער האָט זי איר קאָפּ צו ראַשעלן אַראָפּגע־לאָזן און נאָך טיפער איר אין די אויגן אַריינגעקוקט.

ראַשעל האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען איר בליק פון דעם ווייסן שטערן־פלעק, פאַרוואָס זי האָט דעם פערד „מאָרגן־שטערן" גערופן. מורמלענדיק אַליין: דו אויך... דו אויך... — אַליין נישט ווייסנדיק, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן און אויף וואָס די „מאָרגן־שטערן" האָט מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, אַזוי ווי זי וואָלט געענט־פערט: יאָ, איך אויך... איך אויך...

פלוצלונג האָט „מאָרגן־שטערן" איר קאָפּ אַ הויב געטאָן און מיט צעשפּרייטע נאָז־לעכער, טיף־אָטעמענדיק, האָט זי זיך צו דרום־זייט אָפּגעשטעלט. ראַשעל האָט נאָר געזען די ווייט־צעוואָר־פענע, טונקעלע פעלדער, איבער וועלכע די זון איז געהאַנגען, אַראָפּלאָזנדיק זיך אַלץ נענטער צום ראַנד.

— דו אויך... — האָט ראַשעל שטיל געחזרט צום פערד, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צו שנאָרכן און פירן מיט די נאָז - לעכער. מיט אַמאָל האָט זיך „מאָרגן־שטערן" פון אָרט אַ ריס געטאָן, מיט אויפגעשטעלטע נאַקן - האָר און אויפגעהוי־בענעם קאָפּ און עק איז זי לייכט איבער דעם אָפּגעצוימטן פעלד־אַוועקגעלאָפן. די איבעריקע האָבן איר אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און רואיק ווייטער אויף דער ערד געזוכט. דער גרויער לאָשאַק האָט אויך אָנגעהויבן לויפן, נאָר איז באַלד שטיין געבליבן און צוריק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן. דו אויך... האָט ראַשעל געפליסטערט, נאָכקוקנדיק דעם פערד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו לויפן.

— דו אויך... — האָט ראַשעל גערעדט צום „מאָרגן שטערן", וועלכער איז צוגעקומען — נאָר זאַלבענאַנד זענען מיר דאָ... נאָר זאַלבענאַנד... — אַ שווערער זיפץ האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן.

שטיל איז זי געשטאַנען אונטער די טונקל־גרינע אַמבער־בלע־טער, וואָס האָבן אויף איר פּנים באַוועגלעכע שאָטנס געוואָרפן.

און צוזאמען מיטן פערד געקוקט אין יענער זייט טונקל־רויטן פאס, וואס האט זיך פון די פעלדער אויפגעהויבן, אזוי ווי מיט געבעט האט זי די הענט אויסגעצויגן. דער אלבום איז אויף דער ערד געלעגן. זי האט נישט געזען ווי די הינער האבן זיך געבן איר פארזאמלט און דעם אלבום געפיקט.

— נאר מיר צוויי, איך און דו, — האט זי געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט אין דער וועלט אריין, און איר בלאס־טונקל שפיציק געזיכט האט געציטערט און וואסער־בלעזלעך האבן זיך געוויזן אין אירע מויל־ווינקעלעך.

— אפילו די שולע נישט געענדיקט. זי האט פאר זיך דעם הארט־פארשטיינערטן פאטערס געזיכט דערזען, ווי ער איז געקומען מיט איר זעגענען זיך א פאר וואכן נאך דער חתונה, ווען זי האט געדארפט אפפארן. קיינער האט זי נישט באגלייט. די שוועסטער און ברידער, ווער עס לערנט זיך און ווער אין טורמעס. א גרויסע משפחה געווען.

פארוואס?... דערמאנט זי זיך ווייטער אן איר קומען אין ארגענטינע, וו איר מאן איז א קאלאניסט אויף דער איינזאמער טשאקרע געווארן. — פארוואס... פארוואס?... נאר די צוויי ווערטער האבן זיך ביי איר אין מח געפלאנטערט, דערמאנענדיק זיך אן דעם גאנצן יאר אויף דער טשאקרע.

— וואס איז מיט דיר, ראשעל, ביסט קראנק?...

זי האט איסאקן דערזען.. האט נישט געזען, ווען ער איז צוגעפארן.

— זע ווי דער אלבום איז צעטראטן, — האט איסאק געזאגט, אים אויפהויבנדיק.

ראשעל האט געשוויגן און איז צו דער שטוב געגאנגען. פאוולאו האט דאס פערד אויסגעשפאנט. ביי דער טיר האט ער זיך אפגעשטעלט, דערזעענדיק ווי די עופות מיט די צעלאזענע פליגלען און אויפגעשטעלטע פעדערן פליען ארום ווי וואנזיניק. פאוולאו פארטרייבט די בהמות, וואס זענען זיך אין אלע זייטן צעלאפן און איסאק, רייטנדיק אויף דער רויטער זעטווע (שקאפע) לויפט נאך דער „מארגן־שטערן״, שילטנדיק זי מיט טויטע קללות.

מיט אן אראפגעזונקענעם קאפ איז ראשעל אין שטוב אריינ־
געגאנגען גרייטן אונטשפייז.

נאכן עסן, ווען איסאק איז אוועק שלאפן, האט זיך ראשעל
צוגעזעצט צום טישל, וואס האט ביי זיי ארבעטס־צימער געהייסן,
און ווו עס זענען געהאנגען נאדסאנס און לערמאנטאווס בילדער.
שטיל, לאנגזאם האט זי די אנגעווארפענע פאפירן איבערגעקליבן,
און אירע אויגן האבן ווי פון זיך אליין פארהאלטן אויף א לאנג־
לעכן בייגעלע פאפיר. דאס איז געווען דער ערשטער בריוו, וואס
זי האט פון איר מאטער באקומען. מיט א פארחויטלטן פנים און
פלאם־ברענענדע אויגן האט זי איינציקע שורות געלעזן:

„...פול צארן און פארביטערטקייט, כמעט אן א זיי־געזונט
ביסטו פון אונז אפגעפארן... קיינער פון אונז איז נישט געקומען
דיר דעם לעצטן „אדיע" זאגן, יוען דער צוג האט זיך גערירט...
ווער האט געקענט קומען?... ווענען האב איך אין מיין שטוב?...
ווי אן איין־איינציקע ביסטו ביי מיר געווען... און איצט ביסטו
אויך נישטא... און מיט מיין אייגענעם ווילן... אן איינזאמער בין
איך אויף דער עלטער געבליבן... האט דען נישט געקענט אנדערש
זיין?... האב איך דיך געקענט לאזן גיין דיין וועג?... וווהין וואלט
עס דיך פארפירט"...

צופאלנדיק מיט דער ברוסט צום טיש, האט זי זיך היסטע־
ריש צעוויינט.

— וואס איז דארט? — האט זיך פון צווייטן צימער איסאקס
שלאפעדיקער קול דערהערט.

ווי מיט עקל, האט זי מיט די אקסלען א פיר געטאן, און
ארייננאפנדיק דאס טיכל אין מויל, מיט צוזאמענגעדריקטע ציין,
איינהאלטנדיק זיך מיט אלע קרעפטן, איז זי געבליבן זיצן, איבער־
קוקנדיק נאכאמאל און נאכאמאל דעם בריוו.

אויף דעם בריוו האט זי אים נישט געענטפערט. שלוכצנדיק
איז זי צום פענסטער צוגעגאנגען, און האט זיך פארקוקט אויף דער
האלבער לבנה, וואס איז געשוווּמען דארט אויבן, אין דעם טונ־
קעלען נאכט־רוים.

— וואס האב איך אים געקענט ענטפערן?... — האט זי גע־

טראכט און גוט זיך איינגעהערט אין די קאַלט־טרויעריקע אויס־געשרייען פון די „לעטוצשעס" (פויגלען אזעלכע), וועלכע האָבן אַ חיה אָדער אַ בהמה דערזען. — דעם גאַנצן יאָר נאָר מיט „מאָרגן־שטערן", — האָט זי שווער געזיפצט, אַריינגייענדיק אין שלאָף־צימער, פון וואַנען זי האָט די וויג־שטול אַרויסגעטראָגן און נעבן פענסטער געשטעלט. די טיר איז געבליבן אָפן.

— נאָר די „מאָרגן־שטערן" דאָ געטראָפן, — האָט זי זיך שטיל בײַם פענסטער געוויגט, איבערטראַכטנדיק אַלץ פון דער ערשטער צײַט אָן, ווען זי איז אַהערגעקומען, און פון „מאָרגן־שטערן", צו וועמען זי האָט זיך אַזוי צוגעבונדן.

ווילד, וויסט... דרײַ־פיר קילאָמעטער פון איין הויז צום צווייטן... צו דרײַ־דרײַ זענען די הײַזער צעוואָרפן; איינע אַליין זיצט מען שטענדיק אין דער נעץ פון די שטעכעדיקע דראָטן; דער מאַן איז שטענדיק אין דער היים נישטאָ, אויף דער אַרבעט, פאַרט אַרום... דער מאַן.... — צעשמייכלט זי זיך.

אַ קלינגענדיקער הירזשען, אַ קלאַפּן פון פיס האָט זיך פון הויף געטראָגן. אין פענסטער האָט זיך דער קאָפּ פון „מאָרגן־שטערן" באַוויזן, וואָס האָט מיט אָנגעשטעלטע אויערן, שווער און טיף געאָטעמט.

— און דו ביסט אויך אַליין... — האָט ראַשעל זי שטיל געגלעט. — ווער ווייס פון וואַנען דו ביסט געקומען; פון וועלכע לענדער דו ביסט... וואָס פאַר אַ צופאַל האָט דיך אַהער געבראַכט.. ביסטו אויך בײַם ברעג טײַך געזעסן... האָט מען צו דיר אויך מילד און צאַרט גערעדט אין דעם שטאָט־גאָרטן, הינטער פּושקינס מאָנומענט... האָבן אויך הייסע פינגער דײַן האַנט געדריקט אויפן אייז בײַם גליטשן זיך... און איצט, און איצט... — האָט זי דעם קאָפּ אין די הענט באַהאַלטן.

זי ווייסט נישט וויפל צײַט זי איז אַזוי געזעסן. זי האָט איבערן קאָפּ אַ וואַרעמען אָטעם דערפילט און איבער זיך האָט זי די „מאָרגן־שטערן" דערזען, וואָס האָט זיך אין פענסטער אַרײַנגערוקט, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן אין שטוב אַרײַנגיין און אין דער איינענער צײַט האָט זי זיך מיט שרעק אומגעקוקט אין דער נאַכט.

— וואָס איז מיט דיר, „מאָרגן־שטערן"?... וועמען האָסטו

דערזען, אַז וועמען האָסטו זיך דערמאָנט?... — האָט זי שטיל צום פערד געזאָגט. אָבער אומרואיק האָט די „מאָרגן־שטערן" מיט די אויגן געפירט און מיטן קאָפּ געשאָקלט.

שווייגסט, אויך אַלעמען פרעמד, אַזוי ווי דער מאָרגן־שטערן, גאַנץ פרי, — האָט זי צום פערד געמורמלט, צוקוקנדיק זיך צו דער נאַכט, וואָס איז עפּעס נאָך פינסטערער געוואָרן. דעם טונקעלען האַלב־לבנה־שיין האָט מען נישט געזען, נאָר אַ טיפע, גרויזאַמע שוואַרצקייט האָט זיך פּלוצלונג איבער דער ערד צעשפּרייט און געקראָכן אַלץ נענטער צו די פיס פון דער ציטערנדיקער „מאָרגן־שטערן", וואָס איז כמעט מיט אַ האַלבן קערפּער אין פענסטער געשטאַנען צו דער וואַנט צוגעדריקט.

— בארואיק דיך, — ראַשעל פון אָרט אויפגעשטאַנען און צאַרט דאָס פערד געגלעט, איינהערנדיק זיך אין דעם מאָדנעם רעש און קלינגען, וואָס האָט פּלוצלונג אָנגעפילט די שטילע נאַכט.

אַ צווייג פון אַ בוים האָט מיט אַ מאָדנעם טעמפּן קלונג געקלאַפּט אין די בלעכן פון אַ גאַלפּאָן. און צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער, פאַרציטערטע, זענען געשטאַנען ראַשעל און די „מאָרגן־שטערן" און אָנגעשטרענגטע צוגעהערט זיך צום אָנקומענדיקן שטורם. און פון צווייטן אָפּענעם צימער האָט זיך נאָך שאַרפער געהערט דער שנאָרכן און כראָפּען פון דעם שלאָפנדן איסאַק.

דער שניידער רחמיאל און דער מלאך גבריאל

(ווען איר ווילט, שטעלט זיך פאַר אַ טעאַטער. דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. אַ געדיכטע פינסטערניש. געדיכטע וואָלקנס, ווי שטיקער רויך, יאָגן זיך און קנייטן זיך איינער איבערן צווייטן. אַ שטאַרקער ווינט מאַכט אין די וואָלקנס לעכער, וווּ מען זעט הויכע בערג. פינסטער פון אונטן, העל פון אויבן. שאָטנס באַוועגן זיך. אַ קול רעדט צו די צושויער. און אין דער צייט פונם רעדן בייטן זיך די דעקאָראַציעס. און אַלץ ווערט געוויזן ווי אין אַ „מואוויי").

דאָס קול:

— ווערטער פובליקום, רחמיאל דער שניידער איז געשטאָרבן! דער שניידער רחמיאל איז געשטאָרבן. מען זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ גרינגן טויט. קיינער ווייסט נישט. קיינער האָט זיין לעצטן אָטעם נישט פאַרנומען. קיינער איז ביי זיין בעט נישט געווען. אַן איינזאַמער איז ער געשטאָרבן.

דער שניידער רחמיאל איז געווען אַ ייד, ווי אַלע יידן. אַן אַרבעטער אין אַ שאַפּ, אַ קלאָוק־מאַכער. ער איז געווען אַ גוטער יוניאָן־מאַן, נישט קיין שלעכטער אַרבעטער־רינג־מיטגליד און אַ געטרייער „מעמבער" פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט.

דער שניידער רחמיאל האָט געצאָלט „דיוס" אין איין שול, צוויי תּלמוד־תּורות, איין ישיבה, צוויי סאַנאַטאָריומס פאַר שווינדזיכטיקע, אין איין קאָנוואַלעסענט־האָום, אין איין מושב זקנים, צוויי דעי־נורסעריס, און אַ פּאָר אַנדערע וווילטעטיקע אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטן.

דער שניידער רחמיאל איז פון דער היים געווען אַ וואַסערטרעגער און דאָ האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „שניידער". ער איז געווען אַ „שניידער" אין זיין פאַך. און דער שניידער רחמיאל

האָט געגלויבט בלויז אין דעם, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן און אָנגעטאַפּט מיט זיינע הענט. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַלץ, וואָס ער האָט נישט געקענט זען מיט זיינע אויגן און אָנטאַפּן מיט זיינע הענט.

דאָרטן, אין דער אַלטער היים, האָט ער מורא געהאַט פאַר משה לייב דעם דין, נחום דעם גבאי און חיים דעם פּראַצענטניק און האָט זיי געהאַסט. דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם „עלעוויטער", „סאַבוויי", פאַרן פּאָליסמאַן, אויטאָמאָביל, פאַרן פאָרמאַן אין שאַפּ, פאַרן באַלעבאָס, פאַרן יוניאָן־דעלעגאַט און פאַר די אַלע, וואָס האָבן געהאַט גרויסע, רייכע הייזער און האָבן דאָרטן קיינמאָל נישט געווינט.

ווערטער פּובליקום! ווי איר אַלע, האָט ער בלויז פאַרדינט נישט צו שטאַרבן פון הונגער. אַ פּאָר נייע שיך זענען ביי אים געווען דער גרעסטער יום־טוב. און דעריבער האָט ער שטענדיק דער ערשטער געשטימט פאַר אַ שטרייק.

דער שניידער רחמיאל האָט זיין גאַנץ לעבן געוואָלט חתונה האָבן, האָבן אַן אייגן „ווינקל", נאָר מיט אַ האַלבן יאָר „סלעק" און אַ פערטל יאָר סטרייקס און די איבעריקע „שלעכטע סיזאָנס" האָט ער נישט געקענט „אַפאָרדן" אַזאַ זאַך און דאָס ביסעלע ליבע, וואָס אַ מענטש דאַרף, האָט ער געקריגן ביי אַ מיטליעריקער איטאַליענערקע, וואָס האָט געווינט אין איין הויז מיט אים.

אַזוי האָט ער געלעבט ביז מיט אים האָט געטראָפן אַזאַ מעשה:

אין ניו־יאָרק איז געקומען אַ גרויסער רב פון ירושלים. ער איז געקומען קלייבן געלט פאַר „הייליקע צוועקן". די שול, ווו ר ח מ י א ל האָט באַלאַנגט, האָט איינגעלאַדן דעם רב האַלטן אַ דרשה. דער שניידער רחמיאל איז אויך געקומען. דער רב האָט גערעדט וועגן גיהנום, וועגן גן־עדן, וועגן צדיקים, וואָס קומען אָפּ אויף דער וועלט און האָבן יענע וועלט, און וועגן די רשעים, וואָס האָבן — פאַרקערט. און צולעצט האָט ער גערופן, אַז מען זאָל געבן געלט.

רחמיאל דער שניידער האָט נישט געגלויבט דעם רב פון ירושלים. פון וואַנען ווייסט ער, וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט?

ער איז דאָרט געווען? באַר דאָך אַ רב, ירושלים, ארץ־ישׂראל, טאָמער. איז גייענדיק אַזוי פון שול, האָט ער דערזען, אַז אין אַ מוואַווי, שפּילט מען אַ בילד, וואָס האָט צו טאָן מיטן גיהנום, איז ער אַריין און דערזען ווי שדים בראָטן און ברענען די זינדיקע, ווי מען באַדט זיי אין פּעך און שוועבל, האָט ער אויף מאָרגן אַרייגעשיקט פינף דאָלאַר צום רב פון ירושלים מיט אַ בריוו, ווו ער האָט פאַר אים אויסדערציילט זיין לעבן, ער האָט אים אויך דערציילט וועגן דער איטאַליענערקע און געפרעגט אַן עצה, ווי אַזוי זאָל ער ווייטער לעבן — ווייל ער האָט געזען דעם גיהנום.

דער רב פון ירושלים האָט געענטפערט מיט אַ פּאָר פּסוקים און געהייסן תשובה האָבן, נעמען אַ ווייב. דער ענטפער האָט רחמיאלן נישט באַפרידיקט. ער האָט געשריבן בריוו אין אַלע יידישע צייטונגען. אַנדערע האָבן געדרוקט זיינע בריוו, אַנדערע האָבן געענטפערט...

ער איז אַן אפיקורס. וואָס ער האָט געזען אין די „מואוויס", איז אויסגעטראַכט פון גויים.

מ'[illegible]ן האָט פון אים געלאַכט.

ער זאָל בעסער „אַטענדן" צו דער יוניאָן און פּאָלגן די באַאַמטע און צאָלן דיוס.

דעם שניידער רחמיאל האָט דאָס נישט באַפרידיקט. אים האָט זיך געוואָלט אויך דעם גן־עדן זען. און ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

ווען דער שניידער רחמיאל איז געשטאָרבן, האָט ער זיך צים ערשטן מאָל דערפילט פריי, פריי וואָס פרייער קען שוין נישט זיין. ווען ער איז אַרויסגעפלויגן פון זיין צימערל און זיך אויפגעהויבן איבער די דעכער פון די הייזער, האָט אָנגעהויבן טאָגן. פון פריידהאָט ער אַזש געפּאַטשט מיט די הענט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דערזען, ווי דער פאַרחלומטער הימל שמייכלט צו אים אַזוי צאַרט און מילד. עס איז אים אַזוי גוט געוואָרן, אַז אפילו נאָכן טויט האָט אין אים זיין האַרץ געשפּרונגען פון פריידוואָס העכער ער האָט זיך געהויבן, אַלץ מער האָט ער פאַר זיך געזען נייע זאַכן, אַזעלכע וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געזען.

ביים לעבן האָט דער שניידער רחמיאל געוווסט פון אַ ים.

ער איז דאָך געפאָרן קיין אמעריקע. ער האָט אים אָבער נישט געזען. די גאַנצע צייט איז ער געלעגן אונטן. געווען זייער אַ שלעכטער ים. אַ בעסערן ים האָט ער שוין געזען דורך די אייזערנע גראַטעס פון עלים איילאַנד.

דער שניידער רחמיאל ווייסט, אַז עס איז דאָ אַ „קאַנטרי״, וווּ מענטשן פאָרן אַלע זומער עסן אַ סך זאַכן. ער איז אויך געווען אין קוני איילאַנד, נאָר אַזאַ ים, אַזעלכע פעלדער און וועלדער, אַזעלכע בערג און טאָלן, אַזאַ פרייקייט, האָט ער ביים לעבן נישט געזען. און וואָס העכער ער האָט זיך געהויבן, האָט ביי אים אַלץ מער פאַרכאַפּט דער אָטעם. ביז ער האָט אינגאַנצן פאַרמאַכט די אויגן. עס קען זיין, אַז ער האָט אָנגעהויבן דרעמלען. פרייע לופט, אויף אייִנעם, וואָס איז נישט געוווינט געוואָרן, ווירקט צום שלאָפן.

וויפל איז ער געשלאָפן? וויפל — געפלויגן? קען זיין איין מינוט, קען זיין אַן אייביקייט. ווען דער שניידער רחמיאל האָט געעפנט די אויגן, איז ער געשטאַנען אויף אַ זאַך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דיקער וואָלקן. ער האָט געפילט די דיקקייט. און צו אים איז געגאַנגען אַ ווייסע געשטאַלט אין ברייטע קליידער, מיט ווייסע האָר, אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט.

— איך בין מלאך גבריאל.

— מלאך גבריאל? — איז דער שניידער רחמיאל צעטומלט געוואָרן און אין קאָפּ איז געוואָרן ליידיק. — אָט דאָס איז מלאך גבריאל?

געוווּסט האָט ער, אַז דער מלאך גבריאל איז אַ גוטער מלאך. אַלטע ווייבער פלעגן זיך ווינטשן, אַז דער מלאך גבריאל זאָל זיי קומען אַנטקעגן. און ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן זייער שטאַלץ:

— מלאך גבריאל, וואָס טוט איר דאָ?

— איך בין געקומען נעמען דיך מיט זיך.

— מיך?!

— יאָ.

— וווּהין?

— וווּהין איך וועל דיך פירן.

— וויִט?

— דאָס גייט דיר נישט אָן.

דער מאַן פון דעם מלאך האָט דעם שניידער רחמיאל דער־מאָנט אָן דעם פּאַליסמאַן, וואָס האָט אים אַמאָל געשלעפּט פון פּי־קעטן אַ שאַפּ. ער האָט שוין מער נישט געפרעגט. ער איז נאָכגע־גאַנגען דעם מלאך. פּונקט ווי ער איז דעמאָלט נאָכגעגאַנגען דעם פּאַליסמאַן.

גייענדיק נאָכן מלאך האָט דער שניידער געזען צעוואָרפענע, טונקעלע געשטאַלטן: ווער אָן אַ פוס, אָן אַ האַנט, ווער אָן ביידע פיס, ווער קרום און לאָם, ווער שטייט מיט אויסגעצויגענע הענט, ווער מיט אַן אָפן מויל, ווער עס האַלט אַ פידל, טראָמפּייט, אַ קליין קינד — מיט איין וואָרט, אַלץ אַזעלכעס, וואָס ער איז געוווינט געוואָרן רעכענען פאַר קאַליקעס און בעטלער.

— וואָס זיצן זיי דאָ?

— וווהין זאָל מען זיי זעצן? — אַט די אַלע בעטלער, וואָס דו זעסט, זענען געשטאָרבן פון הונגער און קעלט און אַנדערע האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. פיל האָט מען אַפילו נישט מטהר געווען לויט דעם ייִדישן דין, ווייל מען האָט זיי געפונען טויטע אין גאַס. נו, וווהין קען מען זיי אַריינפירן? האָט מען זיי געלאָזט דאָ זיצן.

— דער רב פון ירושלים האָט דאָך אָבער געזאָגט, אַז די, וואָס ליידן אין לעבן, זענען צדיקים און גייען גלייך אין גן־עדן.

דער מלאך גבריאל האָט אויסגעדודערט אין אַ געלעכטער.

די גאַנצע זאַך האָט דעם שניידער רחמיאל אויפגעהערט גע־פעלן ווערן. ער זעט, אַז אויך אויף „יענער וועלט" איז נישט בע־סער ווי אויף „דער וועלט". דאָך איז ער ווייטער נאָכגעגאַנגען.

(דאָ קאָן זיך יעדער פאָרשטעלן „יענע וועלט" ווי יעדער וויל. איך לאָז דאָס אויס. נאָר איין זאַך יאָ: דער שניידער רחמיאל האָט אויף יענער וועלט נישט געזען איבער זיך קיין הימל און דאָס האָט אים אַזוי געשראָקן, אַז ער האָט זיך ווייטער אָנגעכאַפּט אָן מלאך):

— וווהין פירט איר מיך?

יענער האָט געשוויגן.

דער שניידער רחמיאל:

— אין גן־עדן?

דער מלאך גבריאל האָט אים אָנגעקוקט אַזוי ווי אײנער וואָלט געזאָגט: וואָס נאָך ווילט זיך דיר? און אויסגערעדט:

— וואָס מיינסטו: גן עדן?

האָט דער שניידער רחמיאל דערציילט, וואָס דער רב פון ירושלים האָט געזאָגט, און איז פּלוצלונג געבליבן שטיין:

— איך גיי נישט ווייטער.

— וואָס הייסט דו גייסט נישט?

— אַזוי, איך גיי נישט.

דער מלאך גבריאל האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, זינט ער איז אַ מלאך, האָט אים נאָך אַזוינס נישט געטראָפן. און ווער? אַ שניידערוק, אַ קלאָוק־מאַכער, אַ געוועזענער וואַסער־פירער! דער מלאך גבריאל האָט זיך פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און איבערגעפרעגט:

— וואָס הייסט, דו וועסט נישט גיין?

ווען דער שניידער רחמיאל האָט דערזען די פאַרלעגנהייט פון מלאך גבריאל, האָט ער זיך אויפגעהערט צו שרעקן און איז שוין צודרינגלעכער צוגעשטאַנען צום מלאך:

— די רבנים פון ירושלים ווייסן וואָס עס טוט זיך אויפן הימל?

דער מלאך האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און געשוויגן. דאָס הייסט: ווי דו ווילסט אַזוי פאַרשטיי. דער שניידער רחמיאל האָט דאָס אָנגענומען פאַר יאָ.

— אויב אַזוי, דאַרפסטו אי מיך, אי די אַלע — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די בעטלער — פירן אין גן־עדן. אויף דער ערד האָט קיינער פון אונז קיין גוטן טאָג נישט געהאַט.

דער מלאך האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— פאַרוואָס?

דאָ האָט זיך שוין דער שניידער פאַרלוירן און האָט שוין דעם מלאך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. ער האָט געמיינט, אַז די מלאכים ווייסן אַלץ, און דאָ — נאַדיר: פרעגט ער גאָר פאַרוואָס.

ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך דער מלאך גבריאל געכאַפּט, וואָס דער שניידער רחמיאל טראַכט, און ער האָט אויסגעשריגן

מיט כעס, ווי איינער, וואָס וויל מיט דעם פאַרריכטן אַן אייגענעם פעלער.

— דו האָסט זיך גענומען דאָס לעבן אָדער דו ביסט גע־שטאָרבן?

— אַליין גענומען דאָס לעבן.

— פאַר אַזעלכע זענען די געזעצן נישט געשריבן.

ער האָט דאָס נאָך קיין צייט נישט געהאַט אַרויסצולאָזן פון מויל, ווי פון אַרום האָט זיך דערהערט אַ כאָר פון פאַרשיידענע קולות:

— געזעצן נישט געשריבן.

דאָס האָבן די בעטלער געזונגען.

— שטיל זאָל זיין! — האָט דער מלאך גבריאל אויסגעדר־ געט און ווייטער צום שניידער רחמיאל:

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו זיך גענומען דאָס לעבן? דו ווייסט, אַז נאָך 15 יאָר האָסטו געדאַרפט אַרבעטן אין שאַפּ. וואָס וועט איצט טאָן דיין באַלעבאָס? 15 יאָר אַרבעט האָסטו ביי אים אָוועקגעריבט. און וואָס וועט זיין מיט די פינפערלעך פאַרן רבי? ערשט אָנגעהויבן צאָלן. 75 דאָלאַר ביסטו אים שולדיק גע־ בליבן. ווער וועט זיי פאַר דיר אָפּצאָלן? און קינדער האָסטו אויך נישט, און דו ווילסט נאָך אין גן־עדן?

דאָ האָט זיך שוין דער שניידער רחמיאל אַביסל איבערגע־ שראָקן. דאָך אַ מלאך. גיי קריג זיך מיט אַ מלאך! און ווי איינער, וואָס וויל פאַרטרייבן זיין אייגענעם שרעק, האָט ער אויך אָנגע־ הויבן שרייען נאָך העכער פון דעם מלאך.

— אַט דאָס איז דער גאַנג פון דער וועלט?

— יאָ.

— וועל איך דאָ אויך דאַרפן שקלאַפן פאַר יענעם?

— יאָ, דיין חוב מוז באַצאָלט ווערן.

—אויך אין אַ שאַפּ?

— יאָ!

— אין וואָס פאַר אַ שאַפּ?

— איך וועל דיר שוין ווייזן.

און די בעטלער פון אַרום:

— ער וועט דיר שוין ווייזן.

די פראַנען און ענטפֿערס, האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ טומל אויף „יענער וועלט", אַז די בעטלערס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם שניידער רחמיאל און האָבן געשריגן:

— שענקט אַ נדבה, די מאַשין האָט מיר אָפּגעריסן די הענט.

— העלפֿט אַן אלמנה מיט פֿינף קינדער, מיין מאַן איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט אַרבעטנדיק 15 יאָר אין פֿינצטערן שאַפּ.

— אָפּגעריסן די פֿיס, פֿאַרלוירן די אויגן אין דער מלחמה.

די קאַליקעס און בעטלער פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן אַרום אים געטומלט, געשריגן, געוויינט, געלאַכט און געזונגען. אין דער צייט האָט זיך פֿון דערווייטן פֿאַרטראָגן אַ ניגון. ס'איז געווען אַ געוויין פֿון אַ סך מענטשן און דער שניידער רחמיאל האָט פֿאַר זיך דערזען אַ וועלט מיט אַלטע יידן, גרויע לאַנגע בערד און קיטלען. זיי האָבן דאָס אַזוי געזונגען.

— דער גן־עדן — האָט דער מלאך גבֿריאל אַ בורטשע געטאָן — זעסט, וואָס דו האָסט אָנגעטאָן מיט דיין טומל.

דער שניידער רחמיאל האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן. און ווען ער האָט זיך נענטער צוגעקוקט, האָט ער דערקענט משה ליב דעם דיין, חיים דעם פּראָצענטניק און נחום דעם גבאי. אַלע פֿון זיין שטעטל. ער האָט צו זיי גערופֿן:

— ר' משה, איר קענט דאָך מיך! זעט, וואָס דער מלאך וויל מיר טאָן!

און דער דיין האָט אים איינגערעדט:

— מען טאָר זיך נישט, קינד מיינס, שטעלן קעגן דעם ווילן פֿון די גרויסע און מעכטיקע. מען מוז זיי פֿאָלגן און טאָן וואָס זיי הייסן. פֿאָלג דעם מלאך, קינד מיינס!

דער שניידער רחמיאל האָט זיך געבעטן:

— אָבער דער רב פֿון ירושלים, רבי! אָבער דער רב פֿון ירושלים...

און דער פּראָצענטניס מיטן גבאי האָבן אינטאָנצן נישט געוואָלט ענטפֿערן און געשריגן צום מלאך:

— נעם אים! וואָס קוקסטו אויף אים? אַפֿילו אין גן־עדן לאָזן זיי אונדז נישט רוען, די אָפּגעריסענע קבצנים.

אַז מענטשן אין גן־עדן זאָלן אַזוי רעדן, האָט דעם שניידער רחמיאלן שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט צו זיי צוריק געשריגן:

— איך בין אַ יוניאָן מאַן. דאָס איז איך נישט דאָס שטעטל! איך האָב זיך שוין אויסגעלערנט. איך וועל איך דאָ מאַכן אַ סטרייק.

— אַ יוניאָנמאַן, אַ סטרייק! — איז געוואָרן אַ טומל ביי די צדיקים און זיי האָבן געשריגן מיט אויפגעהויבענע פויסטן:

— נעמט אים, דעם חוצפהניק, דעם פושע ישראל! קנאַפּ צרות האָבן זיי אונז אָנגעטאָן ביים לעבן? זאָלן זיי אַהער אויך געקומען. נעמט אים, לאָזט אים נישט. די גאַנצע „יענע וועלט" וועט ער אונז פטרן. וואָס שטייסטו, מלאך גבריאל, וואָס שוויגסטו אים?

„יענע וועלט" האָט געקראַכט, ווייל די בעטלער זענען גע־שטאַנען הינטערן שניידער און האָבן אויך נישט געשוויגן.

ווערטע פובליקום: דער טומל אויפן הימל האָט זיך געענדיקט. אַלץ איז געבליבן ווי פריער. דער איינציקער קרבן איז געווען דער שניידער רחמיאל. אויך דאָרטן האָט ער נישט געפונען, וואָס ער האָט געזוכט: ווי אויף „דער וועלט" האָט ער זיך גענומען „דאָס לעבן", האָט ער אויף „יענער וועלט" זיך גענומען דעם טויט.